# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn no. 107 - Spring 1987 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/6595p326

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 107(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
1986

### Copyright Information
Copyright 1986 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

M. Slucky

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

# 107

SPRING
1986

פרילינג
תּשמ"ו


אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט

זייט


שאול גוטמאַן: אין דער רעפּובליק פון וואַרט — 3
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי: דער נאַציאָנאַלער באַדייט פון דער ידישער פּאָעזיע — 8
הינדע זאַרעצקי: לידער — 11
בילע שעכטער־גאָטעסמאַן: לידער — 12
דינה מעטצגער: אריה פּאָזי ז"ל — 13
אריה פּאָזי: מאַריאַס סוד (דערציילונג) — 14
משה שקליאַר: לידער — 20
לילקע מייזנער: איך געדענק... — 23
ד"ר מישעל נוטקעוויטש: דער צווייטער דור דערמאָנט — 26
חנן קיעל: לידער — 28
רבקה קאָפּע: לידער — 30
שמואל איזבאַן: דאָקטאָר פּינעטאָס קאַבינעט (דערציילונג) — 31
מאיר חרץ: לידער — 40
משה עטינגער: לידער — 42
ישראל גובקין: יוסף חיים ברענער — 43
שלמה שוואַרץ: לידער — 46
חיים פּלאָטקין: לידער — 48
שיע טענענבוים: אַ שוועסטער פון לוטס ווייב (דערציילונג) — 49
א. לוריא: משלים — 52
שאול גוטמאַן: מיט קאַליאַ טעפּער אויף אַ שיף פון וואַרשע קיין פּלאָצק — 55
חיים שוואַרץ: ליד — 59
חיים קעניגער: לידער — 60
דוד אַפּאַלאָוו: ליד — 60

# אינהאַלט

(המשך)

## שרייבערס און ביכער

זייט


חנן קיעל: זלמן רייזען, דער טריבון פון יידיש — 61

לילי בערגער: צווישן חלום און האַרטער רעאַליטעט — 66

יצחק קאַהאַן: מיניאַטורן פון נאָענט און ווייט — 71

משה שקליאַר: דריי אינטערמעצאָס — 78

י. ש.: כראָניק פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב — 82

ל. מ.: בעטי נוטקעוויטש ע"ה — 84

נייע ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע — 86




די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

## דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כּוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
**מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

**ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון**
**ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**

דניאל מאַלאַמעד, פּרעזידענט • מאַקס אַלפּערט, וויצע־פּרעזידענט
לייב נאַטאַנזאָן, וויצע־פּרעזידענט

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048

EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS I. GUBKIN S. SCHLOSSER

469 N. Orlando, L.A. Ca. 90048

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*

337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292

*Members*: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ, *S.* ZUCKERMAN & J. SHAFER

Subscription price: $5.00 per year

רעדאַקציע קאָלעגיע:
משה שקליאַר
שמואל ווייס
ישראל גובקין
זלמן שלאָסער

# חשבון
נום. 107
פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
מיטגלידער:
נתן גראָוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפער

41סטער יאָרגאַנג, נומער 107 • פרילינג 1986 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

## אין דער רעפּובליק פון וואָרט

(באַמערקונגען וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן „פען"־קאָנגרעס)

אין משך פון זעקס טעג — פון 12טן ביזן 17טן יאַנואַר ה. י., איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען דער אינטערנאַציאָנאַלער „פען"־קאָנגרעס צו וועלכן עס זיינען געקומען 700 שרייבער פון 40 לענדער, און צווישן זיי פון ישראלדיקן העברעישן „פען"־צענטער — דער נאָוועליסט עמוס עוז, און דער פּאָעט יהודה עמיחי. עס איז געווען אַ ווייטיק וואָס צו אַ קאָנגרעס אין דער גרעסטער יידישער שטאָט אין דער וועלט, איז „יידיש־לאַנד", דער ניו־יאָרקער יידישן „פען"־צענטער נישט געווען רעפּרעזענטירט. עס איז אפשר אַ חצי־נחמה וואָס צווישן די דעלעגאַטן האָבן זיך אָנגעזען אַ סך פּראָמינענטע יידישע פּען־מענטשן וואָס שרייבן אין פרעמדע שפּראַכן. ווען שרייבערס פון פאַרשיידענע מדינות קומען זיך צוזאַמען, קען מען נישט דערוואַרטן אַז אַלע זאָלן האָבן דעם זעלביקן וועלט־באַנעם, אָדער איין קוק אויף דעם מהות פון ליטעראַטור, און איר שייכות צו דער מלוכה — די צענטראַלע טעמע פון דעם קאָנגרעס. האָט טאַקע דער פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער פּ.ע.נ., דער נאָוועליסט נאָרמאַן מעילער, אין זיין דערעפענונגס־רעדע באַטאָנט, אַז דער קאָנגרעס קומט פאָר אין אַ שטאָט, ווו עס לעבן 30,000 מיליאָנערן, און 30,000 היימלאָזע וואָס האָבן נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ. ביי דער זיצונג האָבן 71 אַמעריקאַנער שרייבער פּראָטעסטירט קעגן דער פאַרבעטונג פון סעקרעטאַרי־אָוו־סטייט, דזשאָרדזש שולץ, ווייל ער פאַרטרעט אַ רעגירונג וועלכע האָט, אויפן סמך פון מעקערן־וואָלטער־געזעץ פון 1952, נישט אַרויסגעגעבן קיין וויזעס אַריינצוקומען אין לאַנד, שרייבער מיט קאָמוניסטישע, אָדער אַנאַרכיסטישע איבערצייגונגען. שולץ האָט זיך פאַרטיידיקט, אַז דאָס איז צו באַוואָרענען דאָס לאַנד קעגן שפּיאָנען.

דער שרייבער פון די שורות האָט נישט בדעה צו באַרירן אַלע פראַגן וואָס דער קאָנגרעס האָט אויפגענומען; ער וויל בלויז מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועגן צוויי צענטראַלע ענינים וואָס די שרייבער האָבן דיסקוטירט, און דאָס זיינען שטרייטפּונקטן וואָס אינטערעסירן נישט בלויז פען־מענטשן; וואָרעם אויב אפילו איר זאָלט האַלטן, ווי אייניקע קריטיקער באַהויפּטן, אַז די גרויליקע געשעענישן פון היינטיקן יאָרהונדערט, ספּעציעל דער יידישער חורבן, האָבן צעשטערט דעם גלויבן אין דער ליטעראַטור ווי אַ הומאַניזירנדיקער איינפלוס — אפילו דעמאָלט מוזט איר מודה זיין, אַז שרייבער פון אַלע ליטעראַרישע זשאַנרן באַווירקן מענטשן און געשעענישן צום גוטן, אָדער צום שלעכטן.

איינע פון די וויכטיקסטע דיסקוסיעס איז פאָרגעקומען אַרום דעם רעפעראַט פון נאָבעלירטן יידיש־אַמעריקאַנער נאָווע־

ליסט סאול בעלאָו, וועלכער האָט עלעגאַנט רעפּערירט וועגן: „אַליענאַציע און דער אַמעריקאַנער חלום.” ער האָט קריטיקירט די אַמעריקאַנער שרייבער, וואָס זיינען נאָך אַלץ פאַרגלויבט אין דער אידעע פון אַליענאַציע, אין דער אָפּפרעמדונג מצד דעם קינסטלער צו דער געזעלשאַפט אין וועלכער ער לעבט. פילאָסאָפן און קינסטלער אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט האָבן צוגעגרייט אַ סטרוקטור וואָס האָט געשאַפן אַ פרייע און פּראָספּערירנדיקע געמיינשאַפט. דער אַמעריקאַנער מיטלקלאַס, האָט בעלאָו געטענהט, איז פאַרנומען מיט פּשוטע ווונטשן: קליידער, וווינונגען, געזונט; די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע האָט אים געגעבן נישט בלויז פרייהייט, נאָר אויך פרנסה, און ער האָט נישט קיין באַזונדער אינטערעס פאַרן העכערן לעבן — פאַר ליטעראַטור און קונסט. אָט דאָס איז די מאַיאָריטעט סיטואַציע אין לאַנד.

דער מערב־דייטשער נאָוועליסט, גינטער גראַס, האָט שאַרף אָפּאָנירט בעלאָוס בליק אויף אַמעריקע, הגם דער נאָבעליסט האָט נישט באַרעכטיקט אַמעריקעס ראָלע ווי אַ סופּער־מאַכט. גראַס, וועלכער איז אַן אַנגאַזשירטער סאָציאַליסט, האָט געזאָגט, אַז ווען ער האָט געהערט בעלאָון האָט ער זיך געחידושט ווו ער געפינט זיך: „איך וואָלט געוואָלט הערן דעם אָפּקלאַנג אויף זיינע רייד אין סאַוטה־בראָנקס, ווו מענטשן האָבן נישט די וווינונגען, די שפּייז און די מעגלעכקייט הנאה צו האָבן פון דער פרייהייט וואָס איר האָט. אַמעריקע איז אַ לאַנד וואָס באַשיצט דיקטאַטורן אין טערקיי און פּאַקיסטאַן.”

אַ ריי שרייבערס פון פיר לענדער, פון וואַנען זיי זיינען געוואָרן פאַרטריבן אין „גלות”, האָבן פאַרטיידיקט אַליענאַציע און געגעבן די סיבות פאַר זייער אָפּפרעמדונג. דער פאַרטריבענער סאָוועטישער נאָוועליסט אַקסיאָנאָוו האָט דערציילט ווי פיינלעך עס איז פאַר אַ קינסטלער צו ווערן באַרויבט פון זיין היימלאַנד־קולטור און שפּראַך. ווען ער איז אַלט געווען 4 יאָר (אין 1939) האָט סאָוועטישע פּאָליציי אַרעסטירט זיינע עלטערן, און אים האָט מען אַריינגעגעבן אין אַ מלוכה־היים פאַר קינדער פון „שונאים פון פאָלק”.

זיין טאַטע האָט אָפּגעפינצטערט 18 יאָר אין טורמע, און די מאַמע, יעווגעניאַ גינזבורג — 10, וואָס זי האָט שפּעטער באַשריבן אין איר בוך: „אין שטורעמווינט” — אַ ווערק וואָס האָט געמאַכט אַ רושם מיט דער גרויליקייט פון אירע איבערלעבונגען.

נאָכדעם ווי אַקסיאָנאָוו האָט אין 1968 פּראָטעסטירט קעגן דער רוסישער אינוואַזיע אויף טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט ער פאַרלוירן זיין פּאָסטן, און אין 1980 איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. ער האָט אָנגעוויזן אויפן קאָנטראַסט צווישן שרייבער אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס וואָלטן געוואָלט קריגן הילף פון דער מלוכה, בעת פען־מענטשן אין סאָוועטן רוסלאַנד לעכצן אַז דער שטאַט זאָל זיי צורו לאָזן און זאָל נישט טשעפּען די ליטעראַטור: „די מערב־דייטשן פּרובירן מאַכן אַמעריקע פאַרן שעיר־לעזאזל, גלייך ווי זיי — די דייטשן — האָבן דערגרייכט פּערפעקציע. נאָך פינף יאָר לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, גלייב איך, אַז דאָס לאַנד איז אַ מאָדעל פון דעמאָקראַטיע. דאָ איז דער יחיד פרייער ווי אין מערב־אייראָפּע. בעת פאַר אַלען גינזבורגס פּעטיציע קעגן דער אַמעריקאַנער אינטערווענץ אין ניקאַראַגוואַ, זאַמלט מען דאָ אונטערשריפטן, זעט מען אָבער נישט דאָ אַן ענלעכע פּעטיציע קעגן דער סאָוועטישער אָנוועזנהייט אין צענטראַל אַמעריקע... איך ספק נישט אין די גוטע כוונות פון די מענטשן, אָבער איך בעט זיי נישט צו זיין איינזייטיק.”

גינטער גראַס האָט זיך פאַרטיידיקט, אַז ער איז אַ סך מאָל אַרויסגעטראָטן קעגן די קאָמוניסטישע מעשים. אַ גרויסע צאָל פון זיינע פריינד, האָט ער זיך פאַרענטפערט, זיצן אין די תפיסות פון מזרח־בלאָק און ער איז אַנגאַזשירט לטובת זייער פרייהייט; ווי טרויעריק עס איז אַז מיר, אין אַמעריקע, רעלאַטיוויזירן עוולות אין מערב, מיטן תירוץ אַז אין מזרח איז פונקט אַזוי שלעכט, אָדער ערגער. אונדזער היינטיק לעבן איז כאַראַקטעריזירט מיטן דורכפאַל פון די הערשנדיקע אידעאָלאָגיעס. איצט ווייסן מיר שוין גוט ווי

אויסגעשעפּט דער מלוכה־קאָמוניזם איז אין זיין זעלבסט־פאַרשפּאַרטקייט אין תפיסה, כאָטש זיין מאַכט האַלט אָן; און דער קאַפּיטאַליזם קעמפט פון קריזיס צו קריזיס אויף אַ ריטואַליזירטן אופן. ווער עס איגנאָרירט די דלות־קוואַרטאַלן (סלאָמס) אויף דער פּעריפעריע, און דעם וועלט־הונגער; ווער עס גלויבט נאָך אַלץ, אַז דער אַמעריקאַנער דרך איז לעבנספעיק, איז אַ היפּאָקריט. נישט נאָר דער סאָוועטישער קאָמוניזם, נאָר אויך דער קאַפּיטאַליזם איז אַן אוטאָפּיע."

עמוס עוז, דער טאַלאַנטירטער פּראָזאַיקער, האָט זיך אין דער דיסקוסיע אויסגעצייכנט מיט זיין שכל־הישרדיק וואָרט. ס'איז אונדזער חוב, האָט ער דערקלערט, צו אונטערשיידן צווישן פאַרשידענע גראַדן פון רשעות, און ווער עס טוט עס נישט, ווערט אַ דינער פון שלעכטס: "לאָמיר נישט צושרייבן דער מלוכה אַ דעמאָנישע אימאַגינאַציע, און אַ דערלייזערישן דמיון צו זיך. מערסטע שרייבער ווייסן עפּעס וועגן די מאָנסטערס אין מענטשנס האַרץ, אָבער מיר זיינען גענייגט צו מאַכן דעם איינדרוק, מחוץ אונדזערע ווערק, ווי מיר וואָלטן געגלייבט אין דער סימפּליציסטישער זשאַן־זשאַק רוסאָ־הנחה אַז רעגירונגען און אינסטיטוציעס זיינען רשעותדיק, בעת "פּשוטע מענטשן" זיינען גוטהאַרציק און ריין. איך גיי זיך פאַנאַנדער מיט דעם קוק: די מלוכה איז אַ נויטווענדיק שלעכטס, פּשוט דערפאַר וואָס אַ סך מענטשן זיינען פעיק צו זיין געפערלעך. נאָך מער: געוויסע מלוכות זיינען כמעט לייטיש, אַנדערע — שלעכט, און אייניקע — מערדעריש... ס'איז אונדזער אויפגאַבע צו דיפערענצירן."

ער איז געוואָרן שטאַרק אַפּלאָדירט, ווען ער האָט געענדיקט.

אין זיין אָפּשלוס פון דער דיסקוסיע, האָט סאָול בעלאָו באַהויפּטעט, אַז די שפּראַך איז דאָס גייסטיקע הויז אין וועלכן דער שרייבער לעבט, און קיינער קען אים פון דאָרט נישט אַרויסוואַרפן. ער האָט געוואָרנט קעגן פאַרביליקן דאָס לשון פון ליטעראַטור; דאָס געהערט צו פּאָליטישער אַגיטאַציע. ער האָט באַטאָנט, אַז ער האָט נישט באַרעכטיקט אַמעריקעס ראָלע ווי אַ סופער־מאַכט; ער האָט נאָר גערעדט וועגן דער מאַיאָריטעט־סיטואַציע אין לאַנד; און דאָ וויל מען אים אַריינשטופּן אין פּאָליטישע פּאָזיציעס.

עס ווילט זיך פרעגן דעם פּראָזע־מייסטער: אמת, די שפּראַך וואָס אַ קינסטלער באַנוצט אין זיין ווערק איז טאַקע אַן עיקר־זאַך אין ליטעראַטור; אָבער וואָס איז מכוח דעם אינהאַלט? די שפּראַך איז דאָס "גייסטיקע הויז", אָבער ס'ווענדט זיך דאָך אויך מיט וואָס פאַר אַ "מעבל" דאָס הויז איז אויסגעפילט: מיט ביכער, ספרים, קונסט־בילדער וואָס דערהייבן און אילומינירן, אָדער מיט מעלאָדראַמאַטישע טעלעוויזיע־פילמען, מיט "זייף־אָפּערעס", מיט קאָרטן אדג"ל. צי זיינען די אייביקע פּראָבלעמען פון מלחמה און שלום, קראַנקהייט און טויט, ליבע און אייפערזיכט, אָרעמקייט און נויט, פרייהייט און דעספּאָטיזם, עלטער און איינזאַמקייט — צי זיינען די אַלע אויסגערעכנטע, און נאָך אַ סך אַנדערע דילעמעס נישט דער רוי־מאַטעריאַל מיט וועלכן ווערטפולע ליטעראַטור האָט זיך אַלע מאָל באַנוצט און דאַרף זיך ווייטער באַנוצן? און טיילווייז איז דאָך די לייזונג פון אַ טייל פון די דאָזיקע פּראָבלעמען אָפּהענגיק פון פּאָליטיק, פון דער מלוכה.

אַלע גרויסע שרייבער, אין אַלע צייטן האָבן פאַרמאָגט אַ ניצוץ פון די נביאים, וועלכע האָבן געוועקט דאָס געוויסן פון יחיד און כלל. צי דאַרף דאָס נישט פאַרבלייבן אַן אומדירעקטער, אָבער אַ צענטראַלער קאָמפּאָנענט פון דער היינטצייטיקער ליטעראַטור? און אויב עס איז אַזוי, און איך מיין אַז בעלאָו פאַרקערפּערט אין זיינע ווערק — ספּעציעל אין "מר. סאַמלערס פּלאַנעט" — די דאָזיקע קונסט־פילאָסאָפיע — דעמאָלט קען מען נישט אָפּגטן ליטעראַטור פון פּאָליטיק.

דער צווייטער צענטראַלער ענין וואָס דער קאָנגרעס האָט אויפגענומען, און ער איז ענג פאַרבונדן מיט דער פריערדיקער טעמע, איז געווען: "אוטאָפּיעס און אידעאָלאָגיעס". דער פּוילישער נאָבעליר־טער פּאָעט, עס־יאיסט, און נאָוועליסט טשעסלאַוו מילאָש, און דער ליטווישער שרייבער טאָמאַס ווענצלאָוואַ, האָבן עלאָקווענט

פּרעזענטירט דעם ענין, וואָס הערט נישט אויף צו זיין אַקטועל. ביידע האָבן זיך אויסגעדריקט, אַז דער צוזאָג פון אַן אוטאָפּישער סאָציאַלער אָרדענונג איז אַ מזבח אויף וועלכן מ'האָט מקריב געווען מיליאָנען לעבנס־קרבנות פון ענדגילטיקע לייזונגען, כלומרשט היסטאָרישע נויטווענדיקייטן און קולטור־רעוואָלוציעס. מילאָש האָט אָנגעוויזן, אַז אוטאָפּיעס ווערן אָפּט פאַרווירקלעכט, אָבער אַלע מאָל מיט אַן איראָנישן קרום, בייג. זיי זענען קיינמאָל נישט געוואָרן עפעקטיווער דורכגעפירט ווי אין היינטיקן יאָרהונדערט. גלייכצייטיק איז די וועלט געוואָרן קלענער, און שרייבערס זיינען איצט באַקאַנט מיט ליידן און אומגערעכטיקייט אין געגנטן וואָס וואָלטן אַמאָל געווען ווייט פון זייערע איבערלעבונגען. ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם זיינען זיי געוואָרן איבערגעצייגט, אַז ס'איז נייטיק אַ שינוי.

בעת מ'נעמט געוויינלעך אָן, האָט דער פּוילישער קינסטלער פאַרגעזעצט, אַז שרייבער זיינען אַגרעסיווע קעמפער קעגן דער מלוכה, מיינט ער, אַז ס'איז פּונקט פאַרקערט: ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן מאָדערנעם שרייבער צו ווערן פאַסצינירט פון דער מלוכה וואָס נוצט די שפּראַך פון אוטאָפּיע, און דער שטאַט וואָס זאָגט נישט צו קיין אוטאָפּיע רופט אַרויס דעם קינסטלערס פיינטשאַפט; דעספּאָטיזם האָט אַ סך פאַרטיידיקערס. דער דיכטער דערמאָנט ווי שווער ס'איז אָנגעקומען דזשאָרדזש אָרוועלן (1903־1950) צו צעברעכן דעם טאַבו פון דער בריטישער אינטעליגענץ אין די 30קער יאָרן, וועלכע האָט אויסגעמיטן צו קאָנפראָנטירן דעם אמת וועגן סטאַלינען.

טאָמאַס ווענצלאָוואַ האָט באַטאָנט, אַז ווי אַ ליטווינער איז ער געבוירן געוואָרן אין אַן אוטאָפּיע, און זיינע ערשטע דרייסיק יאָר האָט ער געלעבט אין ליטע. ער האָט געצויגן שוידערלעכע פּאַראַלעלן צווישן טאָמאַס מאָרס אוטאָפּיע, און דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט. די באַוווסטע נאָוועליסטין און עסייאיסטקע סוזאַן מאָנטאָג, אַ וויצע־פּרעזידענטין פון אַמעריקאַנער „פּען" האָט רעאַגירט, אַז זי גלייבט בלויז אין דער אוטאָפּיע פון ליטעראַטור, אָבער זי איז נישט גרייט צו אידענטיפיצירן די אידעע פון אוטאָפּיע מיט דיסקרעדיטירטע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס; זי איז אויך נישט אַליענירט פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט.

די פּאַרטריבענע שרייבערס פון זייערע היימלענדער, וועלכע האָבן זיך שטאַרק אָנגעזעצן, און באַטייליקט אין קאָנגרעס — אַדאַם זאַוואַדסקי פון פּוילן, דאַנילאָ קיס פון יוגאָסלאַוויע, און אַקסיאָנאָוו — האָבן ליידנשאַפטלעך פאַרטיידיקט אַמעריקע. מ'האָט לייכט געקענט באַמערקן דעם אונטערשייד צווישן אַמעריקאַנער שרייבערס און די פאַרטריבענע פון זייערע היימלענדער. די אַמעריקאַנער אָרגאַניזירער פון קאָנגרעס שטאַמען פון אַ לאַנד וואָס איז אָפּן פאַר ענדערונגען, און ווו שרייבערס שפּילן נישט קיין באַדייטיקע ראָלע אין דער פּאָליטיק, בעת די מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּעישע שרייבערס ווי מילאָש און אַקסיאָנאָוו, קומען פון מדינות ווו ליטעראַטור, דעספּאָטיזם, און די ראָלע פון שרייבער זיינען פראַגן פון לעבן־און־טויט. אויף גראַסעס טענה פאַרוואָס מען גיט זיך אַזוי פיל אָפּ מיטן דורכפאַל פון דער סאָוועטישער אוטאָפּיע, איז נישט מיטן דורכפאַל פון דער קאַפּיטאַליסטישער אוטאָפּיע, האָט אים מילאָש געענטפערט: מ'קען נישט רעדן וועגן דער אוטאָפּיסטישער וויזיע פון קאַפּיטאַליזם, ווייל דער קאַפּיטאַליזם איז אַ נאַטירלעכער וווקס, וואָס דאָס לעבן האָט אַרויסגערופן — דאָס איז דער היפּוך פון אוטאָפּיע: „בעת דער אוטאָפּיאַניזם פון די טאָטאַליטאַרע רעגירונגען פּראָדוצירט שרייבערס וואָס זיינען שאַרף אַנטי־אוטאָפּיסטיש, האָט די קאַפּיטאַליסטישע, אַנטי־אוטאָפּיסטישע טראַדיציע פּראָדוצירט שרייבערס וואָס זיינען אויסגעשטעלט צום ניסיון פון אוטאָפּישע פאַנטאַזיעס וועגן דער מענטשהייט און דער מלוכה"...

ביי דער לעצטער סעסיע פון קאָנגרעס האָט גערעדט דער געוועזענער פּרעמיער פון קאַנאַדע, פּיער טרודאָ, סענאַטאָר דזשאָרדזש מעקגאָווערן, און דער געוועזענער פּרעמיער פון עסטרייך ברונאָ קרייסקי. דער היסטאָריקער אַרטור שלעזינגער, וועלכער האָט געפירט די זיצונג,

האָט דערקלערט, אַז אויב מען וויל האָבן שלום אין מיטעלן מזרח דאַרף מען זיך צוהערן צו קרייסקין. דער לעצטער האָט גערופן אַנטקעגנצוקומען די פאָדערונגען פון די טעראָריסטן—נישט מער און נישט ווייניקער. וועגן קאַדאַפין האָט ער זיך אויסגעדריקט: „ער איז רעוואָלוציאָנער און איך בין עוואָלוציאָנער.‟ אין דער לעצטער סעסיע האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן, אַז די אָרגאַניזירער פון קאָנגרעס זיינען אַוועק אויף אַן איינזייטיקן דרך: בנוגע סעקרעטערי שולץ און מען אָנגעווענדעט אַן אַנדער מאָס ווי וועגן מעקגאָווערן, הגם די גרויסע מערהייט דעלעגאַטן—בלויז 71 פון 100 האָט ניט פּראָטעסטירט קעגן דער פאַרבעטונג פון סעקרעטאַרי אָוו סטייט. אַ סך שרייבערס האָבן פאַרטיידיקט די דעמאָקראַטישע מלוכה ווי אַ „מיטלמעסיקע‟ אָבער נייטיקע אינסטיטוציע.

די רעזאָלוציעס וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען האָבן פּראָטעסטירט קעגן אַפּאַרטייד אין דרום־אַפריקע, און קעגן אופן ווי מען באַהאַנדלט דאָרטן זשורנאַליסטן און שרייבערס. די קריטיק אויף אַמעריקע איז געווען איינגעהאַלטן. מען האָט אויסגערעכנט לענדער פון טשילע ביז כינע, סיריע, דרום־אַפריקע, טייוואַן, ביז טערקיי, ווו שרייבער און זשורנאַליסטן זיצן אין תפיסות, זיינען געוואָרן געקידנעפּט, פאַרטריבן אין גלות, אָדער דערמאָרדעט. סאָוועט־רוסלאַנד האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין דער רשימה. אַמעריקע און מערב־אייראָפּע זיינען נישט געווען אויף דער ליסטע. לויט דעם באַריכט זיינען 450 שרייבערס אין טורמעס, אַרבעטס־לאַגערן, אין ספּעציעלע פּסיכיאַטרישע אַנשטאַלטן כמעט אויף אַלע קאָנטינענטן. די העכסטע צאָל אַרעסטירטע שרייבערס געפינען זיך אין מזרח־אייראָפּע, אין מיטעלן מזרח, אין סאָוועטן־רוסלאַנד, פּיליפּינען, איראַן, רומעניע, פּוילן און קובאַ. מען האָט געזען אַז „פּ.ע.נ.‟ שטרענגט זיך אָן צו העלפן פאַרפאָלגטע שרייבערס. דאָס האָט דעמאָנסטרירט, אַז נישט געקוקט אויף אַלע חלוקי־דעות איז פאַראַן אַ וועלט־געמיינשאַפט פון פּענמענטשן. אַמעריקאַנער שרייבערס האָבן אין זייער קריטיק אויף די פאַראייניקטע שטאַטן באַטאָנט דאָס ליידיקע „האַלבע גלאָז‟, בעת די שרייבערס אין גלות האָבן באַגריסט דאָס אָנגעפילטע „האַלבע גלאָז.‟

דער קאָנגרעס האָט אויך באַשטעטיקט, אַז ס'איז נישט אמת וואָס מען וויל אונדז איינרעדן אַז דער „ניי־קאָנסערוואַטיזם‟ איז איצט די דאָמינירנדיקע אידעאָלאָגיע פון די אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַלן; די אַלע שרייבערס וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע אילוזיעס בנוגע אוטאָפּיעס זיינען נישט אַוועק צום רעכטן עקסטרעמיזם. דער צוזאַמענפאָר האָט נישט אַנטפּלעקט קיין אָריגינעלע אידעען. שוין אין 1950, ווען ס'איז אַרויסגעקומען דאָס בוך: „דער גאָט וואָס האָט באַנקראָטירט‟, האָבן מיר געהערט פון אַרטור קעסטלער, איגנאַציאָ סילאָנע, אַנדריי זשיד, און אַנדערע, זייער ווידוי, און דיסאילוזואָנירונג מיט די ברוטאַליטאַריער פון „אוטאָפּיע‟. מילאָשס רעפעראַט איז בלויז געווען אַ נייע אויפלאַגע פון זייער איבערלעבונג און חשבון־הנפש. אָבער אויב דער קאָנגרעס האָט נישט פּראָקלאַמירט קיין נייע אידעען, האָט ער דערמאָנט אין אַלטע אמתן וואָס יעדער דור מוז אויפסניי דערווערבן; זיי קומען נישט בירושה.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

# דער נאַציאָנאַלער באַדייט פון דער יידישער פּאָעזיע

דער „עם לבדד ישכון" — אַ פאָלק וואָס לעבט באַזונדער איז דער טייטש דערפון — מען לעבט אין אַ וועלט בתוך וועלט. און עס דאַרפן זיין די אייביקע בויער וואָס האַלטן די מחיצה צווישן די צוויי וועלטן.

ווען מען זאָל וועלן געפינען סימבאָלן וועגן דער יידישער פּאָעזיע און יידישן שאַפן בכלל אין אונדזערע אַלטע שריפטן — גלויב איך, וואָלט מען גענומען דעם סימבאָל פון יונה הנביא. גאָט שיקט אים קיין נִנוה ער זאָל דאָרט זאָגן זיין נבואה און ברענגען די מענטשן צו אַ דרך הישר. ער וויל ניט נעמען די שליחות און ער אַנטלויפט קיין תרשיש, אָבער ער איז אין תרשיש ניט דערפאָרן. זיין שיף האַלט זיך ביי טרינקען און מען וואַרפט אים אַריין אין ים. אַ פיש דערשלינגט אים, אָבער דאָס האָט אים אויך ניט געהאָלפן. עס איז גאַנץ הומאָריסטיש וואָס דער פיש האָט אים אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג און ער איז געגאַנגען אין דער באַשערטער שליחות. איך בין ניט אַזוי פרום אַז איך זאָל זאָגן אַז די יידישע פּאָעזיע ווערט געשיקט אויף אַ שליחות, אָבער אַז זי מאַטערט זיך ווי יונה הנביא דאָס איז זיכער, און ממילא איז דערפון געדרונגען אַז זי פירט אויס אַ שליחות. אַז איך זע אַז עס איז ניטאָ קיין פאַרלאַג ווו אַרויס־צוגעבן אַ יידיש בוך — טראַכט איך — דאָס איז די צייט ווען דער פיש האָט איינ־געשלונגען יונהן מיטן פאַרלאַג צוזאַמען, אָבער מיר ווייסן דאָך שוין דעם סוף פון דער מעשה אַז סוף כל סוף וועט מען קומען צו אַ ברעג. ווען איך הער מען זאָגט אַז מען דאַרף ניט קיין לידער — טראַכט איך דאָס איז די צייט ווען מען וואַרפט אים אין ים אַריין, ווייסט מען דאָך שוין אָבער אַז דער פיש וועט קומען און אַזוי כסדר און מען וועט קומען צו אַ ברעג. דער געראַנגל איז נישט פון נעכטן ביז היינט — ער געדויערט שוין דורות.

די אַסימילאַציע איז נישט קיין נייע דערשיינונג ביי אונדז. זי קומט שטענ־דיק צו אונדזערע ברעגן. די אַרומיקע וועלט לאָקט מיט איר עשירות און בלענד און מען קען ניט זאָגן אַז זי האָט נישט קיין השפּעה. אָבער דאָס יידישע שאַפן, די יידישע דיכטונג איז די פעסטונג וואָס שיצט אַז די כוואַליעס פון דעם אַרום זאָלן אונדז נישט פאַר־שווענקען. די יידישע דיכטונג איז פאַראַנקערט צו אירע מקורות אין שפּראַך און אין גייסט. דאָס איז נישט קיין פאַרגליווערטקייט. דאָס איז דורות־דיקע פאָרזעצונג פון יידישן גאַנג.

אין אפרים אויערבאַכס בוך „וואָך איז דער סטעפּ", אין איינע פון די לידער זאָגט ער: „דאָס פאַרנאַכטיקע זילבער איז קיל / ווי צו נעילה אַ פרומע עטרה." די קילקייט פון פאַרנאַכט רופט ביי אים אַרויס אַ פאַרגלייך נישט פון אַ ווינט און נישט פון אַ וואַסער־שטראָם, נאָר ווי די קילקייט פון דעם זילבערנעם ברעג פון טלית, די עטרה. דאָס איז בלויז איין וואָרט, נאָר ס'איז אַ וואָרט וואָס גייט מיט אַ גאַנצער באַגלייטונג פון יידן וואָס דאַוו־נען, ס'איז אידעיש און אָפּטיש אַ יידיש בילד. אויסער דעם איז דאָ פאַראַן די נעילה. די תפילה פון יום־כיפור ווען עס ציטערט אַ פיש אין וואַסער. ס'איז אפשר נישט די קילקייט פון דער פאַר־נאַכטיקער לופט ווי דער ציטער אין האַרצן יום־כיפור צו נעילה. אָט דער נאַציאָנאַלער אַרויסשווום מאַכט ביי אונדז דעם פאַרנאַכט פאַר אַ יידישן פאַרנאַכט. דאָס איז דער כוח פון פּאָעזיע און איר נאַציאָנאַלער באַדייט.

עס איז דאָ דער באַרימטער זאָג פון ד"ר הערצל: „דער ציוניזם איז געווען דער שבת פון מיין לעבן." ער האָט נישט געזאָגט דער אויפטו פון מיין לעבן, אָדער די דערגרייכונג פון מיין לעבן, די פרייד פון מיין לעבן, דער גליק פון מיין לעבן אָדער דער דערפאָלג פון מיין לעבן — נאָר דורך אַ טיפן יידישן געפיל איז ער געקומען צום אויסדריק — דער שבת פון

מיין לעבן. ער איז געקומען צו אַ יידישן באַגריף וואָס איז כולו רוחניות, איז אָפּגעהייליקט און יעדער ייד פילט עס. דאָס איז געווען אַ פּאָעטישער אויסדריק און דערפאַר איז ער געבליבן. הערצל איז געווען אויף אַזוי פיל יידיש אין געפיל אַז אפילו זיין אַסימילירטקייט האָט אים נישט אַסימילירט און ער האָט דערפילט די נשמה יתרהדיקייט פון דעם באַגריף שבת. און דעם אויפטו זיינעם האָט ער גערופן: „דער שבת פון מיין לעבן."

אַ ליד איז אַ סך־הכל פון געפיל, פון מחשבה, פון אַנונגען נאָך נישט אויסגעשטאַלטיקטע, און דאָס דערגרונטעווען זיך צום מקור, צו די יידישע הויפט יסודות איז דער וועג פון דער יידישער פּאָעזיע פון אַלע דורות. צי זי איז אויף העברעיש, צי זי איז אויף יידיש. די שכינה וואָס האָט געוואַנדערט מיט די יידן אין גלות האָט זיכער געהאַט אַ פליגל איבער דער יידישער פּאָעזיע אַמאָל און היינט.

איך האָב איין מאָל געהערט פּרצן אין „הזמיר". ער האָט דעמאָלט גערעדט וועגן יידישן טעאַטער. ס'איז מיר געבליבן אין זיכרון זיינער אַן אויסדרוק: „דער יידישער שוישפּילער דאַרף ניט אַרויפגיין אויף דער בינע מיט שמוציקע נעגל." געמיינט האָט עס — אַ ריינע שפּראַך, אויסוואַל פון אינהאַלט, זוירדיקע האַלטונג. דעם היפּוך דערפון האָט ער באַצייכנט מיטן אויסדרוק „שמוציקע נעגל". דער „הזמיר" איז געווען אַ קליינער צימער מיט האַרטע בענקלעך און האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער יידישער בית מדרש. אָבער פון דעם קליינעם צימער האָט אַרויסגעשיינט די גרויסע ליכט — פּרץ.: אונדזער ליטעראַטור האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין פּאַלאַצן, און איצט האָט זי, דאַכט זיך, אינגאַנצן ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ. עס קען זיין אַז דעריבער זיינען דאָ אַזוי פיל לידער וועגן שטערן. און עס פּאַסט זיך זייער גוט דער זאָג: „נאה עניות לישראל, עס קליידט אונדז די אָרעמקייט.

פּרץ האָט אויפגעהויבן חסידות צו אַ הויכער פּאָעטישער מדרגה. וואָס איז געווען דער פּאָעטישער אויפטו פון חסידות? בכלל, פּאָעזיע איז נישט נאָר די געגראַמטע שורה. עס טרעפט אַז די געגראַמטע שורה איז גראד נישט קיין פּאָעזיע. די חסידישע מעשה האָט נישט נאָר דערציילט וועגן ניסים. זי האָט אַרויסגעבראַכט מידות, די דערהויבנקייט פון גייסט, דעם שבת פון דער נשמה. פּרץ האָט אַרויסגעהויבן די יידישע שיינקייט און גרויסקייט פון דער חסידישער מעשה. און דאָס איז געווען דער גייסטיקער פּאַלאַץ וואָס איז געלעגן אין קליינעם „הזמיר". דאָס איז אויך געווען דער אָפּוועך, די שוץ קעגן אַסימילאַציע פון גייסט. וואָס האָט פּרץ אַרויסגעבראַכט אין „די דריי מתנות", אין „מקובלים", אין „שלום בית"? — יידישן מסירת נפש, פאַרלייקענונג פון עולם הזה, תמימות פון גלויבן — אַ גרויסע גייסטיקע וועלט, וואָס איז יידישער אינהאַלט.

עס קען זיין אַז די יידישע דיכטונג וועט שטענדיק בלייבן „אַלטמאָדיש". וואָס פאַר אַ נייע פאָרמען זי זאָל נישט אַנטוויקלען, וואָס פאַר אַ נייע שפּראַך־דערגרייכונגען זי זאָל ניט האָבן, וועט זי שטענדיק זיין געווענדט צו אירע מקורות. ווען קולבאַק זעט אין די יידן פון ווילנע אין די שמאָלע געסלעך, אין די יידישע קרעמער — די מקובלים, און אויף דעם שול־הויף שטייט אַ ייד פאַרריסן דעם קאָפּ און ציילט די שטערן — איז דאָס זיין דיכטעריש אויג וואָס זעט דעם פאַרבאָרגענעם מקובל, און דעם ייד דעם קרעמער, דעם ייד וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ סך גלותן און געטראָגן מיט זיך זיינע אַן אינערלעכע יום־טובדיקע וועלט אין מיטן אין דער וואָכן. ער זאָגט וועגן ווילנע:

„דו ביסט אַ תהילים אויסגעלייגט
פון ליים און אייזן,
אַ תפילה איז אַ יעדער שטיין,
אַ ניגון — יעדע וואַנט"...

די דיכטונג פורעמט איבער די וועלט און שאַפט איר נאַציאָנאַלע אַטמאָספער אויף אַזאַ אופן וואָס אפילו די אַלמעכטיקע עלעקטראָנען קענען דאָס ניט מאַכן. וואָס איז דען אַ שילדערונג אין דיכטונג? דאָס איז אַרויסברענגען די לעבעדיקע אידעע

וואָס דער דיכטער זעט אין דעם אומבאַוועגלעכן שטיין, אָדער וואַנט, אָדער בוים. פאַרוואָס, צום בײַשפּיל, האָט מען אַ טישל אין בית מדרש אָנגערופן שטענדער, ניט אַ טישל? דאָס איז געווען דער פּאָעטישער חוש פון פאָלק וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם שטענדער פון דעם טיש צוליב אַ אידעאישן צאַם. ווײַל לעבן אָט דעם טישל דאַוונט מען. איז עס אַ שטענדער, ניט קיין טיש. און די ליים און אײַזן פון ווילנע איז געוואָרן — אַ תהילים. דאָס איז דער נאַציאָנאַלער אָטעם וואָס די דיכטונג ברענגט אַרײַן אין דער אַרומיקער וועלט. עס שטייט אַ וועלט בתוך וועלט און אין דער געשאַפענער וועלט פון דער פּאָעזיע לעבן מיר — צי מיר האָבן ליב לידער צי ניט — ווײַל די באַזונדערקייט, דער לבדד איז אַ געהיימער באַגריף וואָס אפשר בלויז מיט דיכטונג קען מען אים אויספורעמען.

מײַן מאַמע איז געווען זייער אָפּגעהיט מיט אָרעמעלײַט. ווײַל יעדער אָרעמאַן קען זײַן אליהו הנביא אָדער אַ ל״ו. איין מאָל איז צו אונדז געקומען אַן אָרעמאַן און האָט געבעטן עפּעס עסן. איך בין געווען דעמאָלט אַ קליין מיידל. די מאַמע איז געווען פאַרנומען, האָט זי מיר געזאָגט וואָס איך זאָל אים געבן און איך האָב אים דערלאַנגט. אין מיטן איז אַרײַנגעקומען די מאַמע און איך האָב געזען זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן זייער אומצופרידן. ווען דער אָרעמאַן איז אַוועק האָט זי מיר אויסגערעדט פאַרוואָס איך האָב נישט אַוועקגעלייגט דעם טישטעך אויפן טיש טאָמער איז ער אליהו הנביא און דו דערלאַנגסט אים עסן אָן אַ טישטעך. בײַ מיר איז געבליבן די געשטאַלט פון אליהו הנביא וואָס מען קען שטענדיק באַגעגענען, ער קען קומען ווי אַן אָרעמאַן און קען קומען אומגעריכט און אומדערזען. דאָס זײַנען די געהיימע פעדים דורך וועלכע דיכטונג ווערט געשאַפן און דאָס איז דער נאַציאָנאַלער געוועב וואָס גייט פון דור צו דור.

עס געהערט צו דער באַזונדערער יידישער גאונות דאָס איבערנעמען די ירושות פון לאַנגע דורות. דאָס וואָס דער אויער הערט און דערהערט נישט, דאָס אויג זעט און דערזעט נישט, דער נגלה און דער נסתר — דאָס איז דער געביט פון פּאָעזיע. ווען איך לייען אַ יידיש ליד, וואָס איז דאָ אין דעם קינסטלערישע דערגרייכונג, פיל איך די יידישע נשמה אין דעם. עס איז אָנגעזאַפּט מיט יידישער געשיכטלעכקייט עמאָציאָנעל — אַמאָל אין דעם מינדעסטן אויסדרוק. ווען איך לייען אַ יידיש ליד אין אַן איבערזעצונג פיל איך ווי די נשמה צאַפּלט זיך אין דעם און קען זיך נישט אַרויסצאַפּלען. די פּאָעזיע איז דער היטער פון דער שפּראַך און דער שעפער פון דער שפּראַך און דער אויסדרוק פון אַלע סך־הכלען.

עס איז דער זכות פון דער יידישער פּאָעזיע וואָס זי גיט זיך נישט אונטער קיין פרעמדע השפּעות וואָס שטראָמען פון די שילדן אויף די ווענט, פון די שווײַפּענצטער וואָס שרײַען, פון די אָרקעסטערן וואָס שפּילן. די פּאָעזיע טראָגט דורך און היט אָפּ דעם יידישן ניגון און די יידישע מחשבה. דאָס איז איר זכות און איר נאַציאָנאַלער באַדײַט.

יולי, 1964

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

337½ North Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048
Phone: 655-1292

פאַרוואַלטונג „חשבון"

הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק

# לידער

## לייענענדיק „דאָס מעסערל“

(לכבוד שלום עליכמס 125־סטן געבוירן־יאָר)

אויפגעשטאַנען איז דאָס ייִנגל מונטער פריי
אויסגעפּלאָנטערט זיך פון שווערע חלומות:
אין ברונען ליגט דאָס מעסערל אויף אַלע עולמות
גייט דאָס ייִנגל אין חדר לערנען אויף דאָס ניי.

אין נייעם חדר, ביים גוטן רבין, לערנען אָן מורא;
גייענדיק הערט דאָס ייִנגל ייִדן ריידן „האַנדל־וואַנדל“
פאַרשרייבט ער אויף פּאַפּירלעך, שמייכלט „האַנדל־וואַנדל“,
ציטערט אויף! — ניט פאַרמישן לערנען מיטן וואָרט מורא.

דאָס ייִנגל זעט אַ פערדל, אַ שיינעם מיט פליגל
כהרף עין זיצט ער אויפן פערדל, ער פליט!
טראָגט זיך אונטערן בלויען הימל אין האַנט אַ ריגל.

אָנגעקומען אין אַרביט פון דער זון זאָגט ער מיט הכנעה:
— איך וויל אַ קויש מיט שטראַלן, אויספלעכטן אַ קרעכץ
— פאַר דעם ייִד וואָס האָט אוצרות געלאָזן מיט זיין צוואה.

## לזכר משה קולבאַק

ליולקעמאַן גייט באַגעגענען דיסנער טשיילד העראַלד
מיטן ווייסן ציגעלע געפּירט אויף אַ שטריק.
איילט באַקענען גאַלאַנטן דיסנער טשיילד העראַלד
דער וועג פירט אויף אַ לאַנגן בריק.

פרייט זיך דער בחור מיט זיינע גאַנצע ריפּן:
גלויבן וועט גובר־זיין אין צעקריגטער צייט —
ער פירט „אַ בינטל ווילדע לידער“ פאַרשריבן,
אויפן הימל יאָגן כמאַרעס פון נאָענט און פון וויט.

טוי טוט גרינען בלומען־בייטן און אַלטן וואַלד
צויבערט בערלין פאַר זיינע גיריקע אויגן זויבער;
דערשטוינט ווערט דער בחור ביים גרענעץ־טויער באַלד
דערזעט דייטשן צינדן סדר, פּלינדערן רו און צויבער!

צערודערט ווערט דער בחור אויף זיין חלום־וועג,
בענטשט די שעה וואָס ט'פאַרהיט זיינע יונגע טעג.

# יצירה

מיין טיש באַלאַדן
מיט זשורנאַלן פון מרחקים,
לידער לויכטן אַרויס
ווי פון אַ מילגרוים קערלעך.
דורשטיק פאַל איך צו
טרינק ווי כּרמל ווייַן
פון פּלאַש אַרויס!
באַד זיך אין יצירה.

ניט ווייניק זאָרג —
פרייד איז אויך דאָ.
נעם איך נאָך אַ זופּ —
מיין בעסטער געטראַנק איז ליד!
מיש איך בלעטער און זשורנאַלן,
שיקאַגאָ דיכטער פלאַטערט
מיטן ריטעם פון מישיגען ווינט,
וועדן מרחקים אָפּגעווישט.

# דער משורר

„...ווען איך וועל טויט זיין
הייב מיך אויף.”
— משה לייב האַלפּערן

געגאַנגען
איז דער משורר
אויף יידיש-עווענין
אין פּרינצלעכן טראַכט
זיין האַרץ געטובלט.
אין חלום
אין יושר
אין גאולה.
זיין הערלעך געזאַנג
צו גינגילי —
וואָס ליכטיקט דעם וועג
צום שוימיקן ים,
וואָס קושט די זאַמדן
פאַרן טראַט פון זרחי —
זיין אומרו
זיין חלום
זיין וועג
צו אייביק, אייביקע טעג — — —

ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן

# צוויי לידער

## ממשותדיקער עדות

די סטאַנציעס ווי זיי פליען
אומרעאַלע, אויסגעטראַכטע בילדער
אַקוראַט ווי די טעג
וואָס מיר גייען זיי דורך
אָן זיי צו זען
נאָר איך פאַרצייכן
שוואַרץ אויף ווייס
ערטער וווּ אָפּגעשטעלט זיך
פאַרקריצט אין הויט
ווי היינט
דאָס קינד וואָס כ'האָב געוויגט
אַ לידל אויסגעטראַכט
פאַר אים
ממשותדיקער עדות
אַז כ'בין געווען.

## פאַרנאַכטיק וויגליד

ס'ווערט מיד דאָס אויג
דער מוח בונטעוועט זיך
וויפל איז דער שיעור
צו רעגיסטרירן
לאָזן פאַרבן איינדרימלען
איינגראָען אין נעפּלען
ווי ס'אויג, דער מוח.
ווי איך.
אויטאָס צייכענען ליניעס
אַ רוטין וואָס וויגט איין
בעט איין אין ווייכן
דאָס אויג, דעם מוח
און דיך.
פאַרנאַכט פאַרטונקלען די הייזער,
ליכטיקער ווערט הימל און גאַס
לעמפלעך פאַרזשמורען ווי קינדער
די אויגן, דעם מוח
און זיך.

# אַריה פּאָזי ז״ל



דעם 25טן יאַנואַר ד.י. איז אַוועק פון אונדז, אין עלטער פון 91 יאָר, דער אָנגעזעענער יידישער שרייבער, געוועזענער רעדאַקטאָר פון „חבשון" אַריה פּאָזי. מיט זיינע ווערק, דראַמאַטישע שריפטן, עסייען, דערציילונגען, האָט ער זיך פאַרשאַפט אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. מיט זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, ווי אַ לערער און לעקטאָר, פריער אין מילוואָקי, שיקאַגאָ און ניו־יאָרק, און די לעצטע יאָרן ביי אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט ער זיך פאַרשאַפט אומצאָליקע פריינד, וועמען ער וועט שטאַרק אויספעלן און וועלכע וועלן אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

ווייטער ברענגען מיר די רעדע, וואָס אַריה פּאָזיס טאָכטער, דינה מעצגער, האָט געהאַלטן אויפן קבר פון איר פאָטער.

רעדאַקציע

* * * * *

אינעם מאָמענט פון מיין פאָטערס טויט, ווען זיין גוף איז פאַרגאַנגען, אין דער זעלבער רגע איז פאַרגאַנגען דאָס וואָס מיר רופן יחיד, און פלוצים האָב איך אים געקאָנט זען, פילן אָפּגעטיילט פון אַלע באַגרענעצונגען פונעם חומר, פון די ליידן, פון דער עלטער. אין אָט דעם פּאַראַדאָקסאַלן און אומגלויבלעכן מאָמענט איז זיין גוף געוואָרן די סאַמע אומדורכדרינגלעכע סובסטאַנץ אינעם אוניווערס, ווייל זיין גייסט האָט אים פאַרלאָזן און איך האָב געקאָנט פילן זיין נשמה פלאַטערנדיק אין דער לופט און כ'האָב זי דערקענט אין דער ריינסטער פאָרם.

איך בין געווען פּנים־אל־פּנים מיט דער נשמה פונעם מאַן, וואָס איז געווען אַ שרייבער מער ווי זיבעציק יאָר און דאָך האָט ער נישט געהאַט קיין ווערטער פאַר זיינע דערפאַרונגען במשך די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. ער פלעגט זעלטן רעדן; ער לעבט, האָב איך שטענדיק געטראַכט, מערסטנס אויף דער אַנדערער זייט פון לעבן. אָבער נישט געקוקט דערויף האָט ער געהאַט אַ קעגנוואַרט. מיר האָבן געוווסט, אַז ער איז ערגעץ־ווו — ער איז נישט געווען פאַרלאָרן — אָבער ווען נאָר איך פלעג אים פרעגן, ווו ער איז געווען, האָט ער בלויז געהויבן די אַקסלען און געשמייכלט. איך האָב זיך געערגערט, כ'האָב געוואָלט וויסן — און ער האָט מיר נישט געקאָנט זאָגן.

אָבער אין דער רגע פון זיין טויט האָב איך געוווסט ווו ער איז געווען. ער האָט מיר געזאָגט עפּעס־וואָס אָן ווערטער.

וואָס ער האָט מיר געזאָגט אין יענער רגע איז, אַז אַ נאָמען איז וויכטיק, אַ גוטער נאָמען איז וויכטיק, ווייל אַ נאָמען איז אַ לעבעדיקע זאַך און הערט נישט אויף טאָן גוטס אין דער וועלט. אַ גוטער נאָמען איז נישט אַזוי וויכטיק פאַר די טויטע, ווי עס איז וויכטיק פאַר די לעבעדיקע. ווייל עס העלפט אָנגיין מיטן לעבן. און ער האָט אַ גוטן נאָמען.

און ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַ גוטער נאָמען באַשטייט פון אַלץ וואָס איינער האָט ליב געהאַט אין זיין לעבן, וואָס ער האָט געמוזט בייקומען כדי ליב צו האָבן; באַשטייט פון זיין ווילן צום ליבן און פון דער מאָס און אינטענסיווקייט פון זיין ליבע.

ווען מיין פריינדין באַרבאַראַ מייערהאָף האָט אַמאָל געהאַט מיט אים אַן אינטערוויו, האָט ער געזאָגט, אַז אין צענטער פון יעדער דערציילונג איז געווען זיין האַרץ און געדאַנק. געוויינלעך פלעגט ער נישט

אַריה פאַזי

# מאַריאַ'ס סוד

(פראַגמענט פון אַ דערציילונג)

גרעגאָריוס איז געווען דער הויפּט פון דעם קאַטוילישמאָנאַכישן פאַרבאַנד סיזענאַנדאָ, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דעם קנאַישן קעניג סיזענאַנד. ווען גרעגאָריוס פלעגט פאַרבייגיין אַ גאַס, האָבן קינד און גרויס מיט שרעק זיך פאַרטאַיעט אין ווינקלען, אויסצומיידן זיך צו באַגעגענען מיט אים. טאָג און נאַכט האָבן זיך פון דעם מאַרק־פּלאַץ אין סעוויל געהויבן זיילן רויך פון שייטערהויפנס, אויף וועלכע עס זיינען געברענט געוואָרן מענטשלעכע קרבנות. אַז מ'האָט אימעצן חושד געווען, אַז ער איז אָפּגענייגט פון קאַטוילישן גלויבן האָט מען אים עפנטלעך פאַרברענט אויפן מאַרק־פּלאַץ. דאָס האָט מען אַזוי געטאָן כדי אַלעמען אָפּצושרעקן, אַז זיי זאָלן זיין געטריי דער קירך און אירע הייליקע געזעצן.

טאָג און נאַכט האָבן זיך אויך געטראָגן שרעקלעכע יללות פון די קעלערן פון דער פעסטונג פון סעוויל. דאָרט האָט מען געפייניקט קרבנות, וואָס מ'האָט זיי חושד געווען, אַז אין געהיים זיינען זיי געבליבן געטריי דעם יידישן גלויבן. מ'האָט זיי געפייניקט אַז זיי זאָלן זיך מודה זיין אין זייערע זינד.

באַנוצן אַזעלכע טערמינען. איך מיין, אַז זיין האַרץ איז געווען דאָס האַרץ פון זיין שרייבן.

און אָט זענען אייניקע אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט ליב געהאַט. ער האָט ליב געהאַט משפחה: קודם כל די משפחה, די לעבנדיקע און די פאַרשטאָרבענע. ער האָט געגלייבט אין דער משפחה און דער בין־השמשות פון זיין לעבן איז געווען די אויסראָטונג פון זיין משפחה בעתן חורבן און ער האָט קיין מאָל נישט פאַרגעסן אָט דעם ווייטיק. ער האָט אים געפילט טאָג־איין טאָג־אויס.

ער האָט ליב געהאַט יודאַיזם און יידישקייט און די יידישע קולטור, די יידישע עטיק, מיסטיציזם און שיינקייט און ער האָט ווייטיקלעך אָפּגעפילט דעם פאַקט, אַז ער איז איינער פון די לעצטע פון זיין דור. ,,איך בין דער לעצטער, דער לעצטער פון מיין משפחה"— האָט ער געזאָגט בעת ער האָט געגוססט, און טיילוויז האָט ער געמיינט, אַז ער איז איינער פון די לעצטע פון דער משפחה יידישע שרייבער.

ער האָט ליב געהאַט דעם טרוים וועגן ישראל און אויב דאָס היסטאָריש־פּאָליטישע ישראל האָט נישט שטענדיק אַנטשפּראָכן זיין טרוים און וויזיע, האָט ער געגלייבט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן אין דעם ערשטיקן טרוים, אין דער וויכטיקייט פון אָט דעם טרוים. פאַר אים איז מדינת ישראל געווען דער אוראַלטער טרוים וועגן דעם צוגעזאָגטן לאַנד, און ער האָט ליב געהאַט אָט דעם טרוים.

ער האָט געגלייבט אין ירושהדיקייט, עס איז געווען פאַר אים זייער וויכטיק איבערצוגעבן די טראַדיציע און ער האָט עס איבערגעגעבן צו זיין סביבה און משפחה.

און ער האָט ליב געהאַט זיין גאָרטן. ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט ער זיך פאַרנומען מיט פלאַנצן גרינוואַרג אויף זיין באַלקאָן.

און ליב געהאַט האָט ער צו שרייבן. ער איז געווען איבערגעגעבן צום וואָרט און, וואָס עס דאַרף געזאָגט ווערן, קיין מאָל נישט אויס אייגננוץ. אין דער הינזיכט איז ער געווען דער סאַמע באַשיידנסטער מענטש וואָס איז מיר אויסגעקומען זוען נישט איז צו באַגעגענען.

און ער האָט ליב געהאַט זיין נאָמען, ווייל ער איז אים געגעבן געוואָרן דורך זיין פאָטער און ער האָט אים געוואָלט איבערלאָזן ווי אַ הייליקייט.

און, הגם ער האָט נישט גערעדט אָפן וועגן אַזעלכע זאַכן, האָט ער זיי דורכגעלעבט אויף זיין שטילן אייגנאַרטיקן אופן.

דינה מעטצגער

טאָג איין און טאָג אויס האָט געטריפט בלוט פון דעם שפּיץ פון דעם שרעקלעכן שווערד פון גרעגאָריוס. און וואָס מער קרבנות עס זיינען געפאַלן דורך זיינע הענט, אַלץ בלוטדורשטיקער איז ער געוואָרן, און אַלץ מער האָט ער געזוכט און געגישטערט צו געפינען נאָך מער קרבנות. די הייזער פון סעוויל זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט שרעק און מיט פּחד. די צאָל יתומים און אַלמנות האָט זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. די ליידן זיינען געווען גרויס און די פּאַניק נאָך גרעסער.

אָבער פאַרנאַכט צו, ווען דער דאָזיקער בלוטדורשטיקער מענטש פלעגט קומען אַהיים, איינגעטונקט אין בלוט פון די קרבנות פונעם טאָג; פאַרנאַכט צו ווען זיין האַרץ איז געווען אָנגעפילט מיט גלוסטונג נאָך נאָך בלוט און נאָך קרבנות — פלעגט ער ביים שוועל פון זיין הויז אויסשרייען: „מאַריאַ!"

דער קלונג פון דעם נאָמען האָט משונהדיק פרעמד געקלונגען פון זיינע ליפּן. און נאָך משונהדיקער איז געווען דאָס, וואָס אויף גריגאָריוסעס אויסגעשריי פלעגט זיך פון אַ צווייטן צימער אָפּרופן אַ מעלאָדישע, ווייכע און צאַרטע שטימע, „דאָס ביסטו, פאָטער?"

און מאָדנע האָט געקלונגען דער דיסאָנאַנס צווישן די דאָזיקע צוויי שטימען. גרעגאָריוסעס שטימע האָט געקלונגען ווי דאָס רעווען פון אַ לייב, ווען ער רייסט זיין פאַרצוקונג; מאַריאַס שטימע האָט געקלונגען ווי די מעלאָדיע פון אַ פלייט ווען אַ פאַרליבטער שפּילט אויף איר אויס זיין סערענאַדע.

מאַריאַ איז געווען די טאָכטער פון דעם דאָזיקן שרעקלעכן גרעגאָריוס. זי איז געווען זיין געליבטע טאָכטער, דער שוואַרצאַפּל פון זיין אויג. פאַר איר וואָלט ער גערן זיין לעבן אָפּגעבן. אָבער פאַר איר וואָלט ער קיין איין קרבן ניט באַגנעדיקט...

מאַריאַ האָט עלנט געלעבט אין דעם פאַרשלאָסענעם פּאַלאַץ פון גרעגאָריוס. איר מוטער איז געווען לאַנג טויט. זי איז געשטאָרבן ווען מאַריאַ איז נאָך געווען אַ קליין קינד. געשטאָרבן איז זי פון אַ מאָדנער קראַנקייט. אַ פּלוצימדיקער טויט איז עס געווען. עפּעס, געדענקט מאַריאַ, האָט איר פאָטער געשריען און זי פאַר עפּעס געמוסרט. מאַריאַ האָט דאַן זייער מורא געהאַט פאַר איר פאָטער און זי איז געלעגן אין איר בעט און האָט געוויינט און האָט געציטערט. דערנאָך איז זי איינגעשלאָפן. אויף מאָרגן, ווען זי איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף און זי האָט, ווי געוויינלעך, גערופן איר מאַמען, איז איר מאַמע מער ניט געקומען. אָנשטאָט איר איז געקומען איר טאַטע און האָט איר געזאָגט, אַז איר מאַמע איז שוין מער ניטאָ. זי איז אַוועק אין הימל, האָט ער איר געזאָגט.

קוים וואָס מאַריאַ געדענקט איר מוטער. בלויז אָפּגעריסענע זכרונות שוועבן פאַר איר זכרון, און וויפל זי זאָל ניט וועלן קען זי די דאָזיקע זכרונות ניט פאַרבינדן איינע מיט די אַנדערע.

קען עס מעגלעך זיין — טראַכט אָפּטמאָל מאַריאַ מיט שרעק — אַז איר מוטער איז געווען איינע פון אָט דעם פאָלק פון אומגלויביקע? איר מוטער, איר הייליקע מוטער — טראַכט ווידער מאַריאַ — זי מיט אירע טרויעריקע אויגן און מיט דעם גאַנצן חן פון גוטסקייט וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר פּנים, ווי קאָן עס מעגלעך זיין, אַז זי איז געווען איינע פון יענע זינדיקע, וואָס האָבן זייערע נשמות פאַרקויפט צום טייוול? ניין, עס איז ניט מעגלעך אַז איר מוטער האָט געהערט צו יענער אומה וואָס האָט קריסטוסן געקרייציקט, און וואָס דערפאַר ווערן זיי איצט אויסגעראָטן פון דער הייליקער קירך!

דער דאָזיקער געדאַנק איז צו שרעקלעך, אַז מאַריאַ זאָל וועלן אים אַרויפברענגען אויף איר זינען. זי פאַרטרייבט אים. זי קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן אַז איר מוטער איז געווען אַ זינדיקע צווישן זינדיקע, וואָס, ווי עס דערציילן די קירךפאָטערס, קויפן אויס זייערע זינד אין די פייערן פון גיהנום. ווי קאָן דאָס גאָר געמאָלט זיין אַז איר מוטער איז געווען אַ יידישע? ניין, איר מוטער איז איצט אַ מלאך צווישן מלאכים און זי פאַרנעמט אַ שטול אין הימל צווישן די גלויביקע!

עס ווילט זיך מאַריאַן ניט גלויבן, פון דעסטוועגן קלינגען נאָך עד היום אין אירע אויערן די מאָדנע מעשיות וואָס איר מוטער פלעגט איר דערציילן. דאָס זיינען געווען מעשיות וועגן אַ גרויס פאָלק, וואָס איז פאַריאָגט פון זיין לאַנד, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט, וואָס ווערט פאַרפאָלגט, אָבער האָט זיין אמונה ניט אויפגעגעבן און עס וואַרט אויף משיחן און אויף אַ דערלייזונג.

* * * * *

איין אָוונט האָט זיך אין גרעגאָריוסעס הויז פאַרזאַמלט אַ גרויסע צאָל מענטשן. זיי זיינען געווען באַוואפנט פון קאָפּ ביז די פיס. זייערע פנימער זיינען געווען בייז און אַ ניט גוטער גלאַנץ האָט געפינקלט פון זייערע אויגן.

מאַריאַ האָט דערפילט אַז די דאָזיקע שרעקלעכע מענטשן האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט צוליב עפּעס אַ בייזן ציל. געוויס האָבן זיי בדעה אַן אונטערנעמונג פון בלוט און מאָרד. האָט זי זיך באַהאַלטן הינטערן פאָרהאַנג, וואָס האָט אָפּגעטיילט איר צימער פון דעם גרויסן זאַל פונעם פּאַלאַץ און זי האָט זיך צוגעהערט.

גערעדט האָט איר פאָטער.

„ברידער", האָט ער געזאָגט, „אונדז אַלעמען פאַראייניקט אַ הייליקע זאַך — דער קאַמף פאַר אונדזער גלויבן און פאַר דער הייליקער קירך. מיר האָבן דערקלערט קריג צו די אומגלויביקע. מיר וועלן אונדזערע שווערדן ניט אַוועקלייגן כל זמן אונדזער לאַנד וועט ניט ווערן פריי פון די יידן. זיי זיינען אין אַ בונד מיטן שטן און דורך דעם מאַכן זיי אומזיכער אונדזער לאַנד. כל זמן דער שטן וועט אין גאַנצן ניט פאַריאָגט ווערן פון אונדזער לאַנד איז יעדער גלויביקער אין געפאַר געשטרויכלט צו ווערן.

„אַ סך יידן האָבן לפנים אָנגענומען אונדזער גלויבן, אָבער אין געהיים האַלטן זיי אָן זייער בונד מיטן שטן. זיי האָבן פאַרבאָרגענע פּלעצער און דאָרטן פּראַוועז זיי זייערע דינסטן פון אומגלויבן. אויסראָטן דאַרף מען זיי!

„אָבער ביז היינט האָבן מיר נאָך ניט געפונען זייער פאַרבאָרגענעם פּלאַץ, זייער נעסט פון זינד. מיר האָבן געפייניקט אַ סך יידן, אָבער זיי האָבן אונדז דעם פּלאַץ ניט אַרויסגעגעבן. כל זמן מיר האָבן ניט צעשטערט יענע נעסט פון זינד, קענען מיר ניט זאָגן, אַז אונדזער מלחמה איז געענדיקט. כל זמן די פאַרשטעלטע יידן פאַרזאַמלען זייך נאָך פאַר זייערע געהיימע שטן־דינסטן, איז קיין זיכערקייט אין אונדזער לאַנד ניטאָ.

„אָבער היינט קענען מיר יענעם סוד אויסגעפינען. פון אַפריקע איז היינט אָנגעקומען זייער הייליקער און פירער אין זינד, משה בן אליהו. היינט אום מיטןנאַכט וועלן זיך די היגע יידן מיט אים פאַרזאַמלען אין זייער פאַרבאָרגענעם אָרט. דאָרט וועט ער פאַר זיי פּריידיקן פון זיין אומגלויביקער תורה.

„איז אָט וואָס מיר זאָלן טאָן: פאַר האַלבער נאַכט וועלן מיר זיך אַוועקשטעלן הינטער די טויערן פון דער קירך פון הייליקן פאול. איך האָב זיך דערוווסט, אַז משה בן אליהו וועט פאַרבייגיין די דאָזיקע קירך. איך וועל אים דאַן נאָכפאָלגן. איך וועל זען וווהין ער גייט אַריין. דאַן וועל איך אייך געבן אַ סיגנאַל, און מיר וועלן באַפאַלן זייער נעסט פון זינד. איך פאַרלאָז זיך אויף אייך, ברידער, אַז קיין איין ייד זאָל פון דאָרט ניט אַנטרינען. וועמען מיר וועלן ניט נעמען געפאַנגען, זאָלן מיר טויטן אויפן אָרט, אָבער זייט גרייט! זיי וועלן באַווייזן אַ ווידערשטאַנד און קעמפן פאַר זייער לעבן. זייט גרייט צום ביטערן קאַמף!

„איך וועל זיין מיט אייך. איך ווייס ווי צו דערקענען דעם דאָזיקן משה בן אליהו. ער איז נידעריק און דאַר און וועט זיין איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצן מאַנטל. ברידער, טויט צו די אומגלויביקע! טויט צו די לעסטערער פון אונדזער אמונה און צו די פאַרשוועכער פון דער הייליקער קירך!"

„טויט!... טויט!..." האָבן מיט רציחה אויסגעשריען אַלע פאַרזאַמלטע.

ווען מאַריאַ האָט דערהערט די שרעקלעכע רייד פון איר פאָטער, ווען זי האָט דערהערט די ווילדע אויסגעשרייען פון דער באַוואָפנטער באַנדע, האָט זי פאַרגעסן אָן אַלע אירע ספקות און זיך אָפּ־

געגעבן צום געפיל פון רחמנות און צו דער ליבע פון איר האַרץ. זי האָט זיך אַנטשלאָסן צו ראַטעווען די לעבנס פון די דאָזיקע אומגליקלעכע.

זי האָט געוואַרט ביז איר פאָטער און זיינע העגקערס זיינען אַרויס פון הויז. דאַן האָט זי אָנגעטאָן איר מאַנטל, זיך אין אים אַזוי איינגעוויקלט אַז מ׳זאָל זי ניט דערקענען, און איז אויף דער גיך אַוועק אַהין, פון וואַנען עס דאַרף אָנקומען דער געהיימער משה בן אליהו.

לאַנג איז איר ניט אויסגעקומען צו וואַרטן. זי האָט באַלד דערזען אַ שוואַרצע געשטאַלט וואָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער קירך. „דאָס איז ער", האָט אַ טראַכט געטאָן מאַריאַ. זי איז צו אים שנעל צוגעקומען און האָט אים אָנגערירט ביים מאַנטל. „מיין הער", האָט זי שטיל אַרויסגערעדט, „אויב מען רופט אייך משה בן ישראל, גייט ניט אַהין וווהין איר גייט. איבערהויפּט גייט ניט פאַרביי דער קירך פון דעם הייליקן פאול. אַנטלויפט, אויב אייער אייגן לעבן און דאָס לעבן פון אייערע ברידער איז אייך טייער."

זי האָט ניט געוואַרט צו הערן וואָס דער דאָזיקער מאַן וועט איר זאָגן. זי איז שטיל אַוועק און פאַרבאָרגן זיך איבעם שאָטן פון אַ דערבייאיקער גאַס און איז אויף דער גיך אַוועק אַהיים.

* * * * *

קומענדיק צוריק אַהיים איז מאַריאַ געפאַלן אויף דער ערד פאַרן הייליקן בילד פון דער געטלעכער מוטער און האָט זיך ביטער צעוויינט. ניין, זי האָט ניט חרטה געהאַט פאַרוואָס זי האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פון די אומגליקלעכע. נאָר זי האָט פלוצים ביי זיך אין האַרצן דערשפּירט אַ מאָדנעם פיינלעכן סוד, אַז דאָס אַליין אין וואָס זי האָט ביז איצט געגלויבט, איז ניט אמת, איז עפּעס ניט אַזוי...

„מאַריאַ", האָט זיך איר פאָטער ביי איר נאָכגעפרעגט, „פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט? פאַרוואָס ווערסטו בלייכער פון טאָג צו טאָג? ביסטו קראַנק? אָדער מיראָגסט עפּעס צער ביי זיך אין האַרצן? ווער, מיין טאָכטער, פאַרשאַפט דיר צער?"

„קיינער ניט, פאָטער, קיינער ניט!" האָט זי געענטפערט מיט אַ ציטער, „אויך בין איך ניט קראַנק". און דערביי האָט זי זיך געכאַפּט פאַר איר ברוסט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַז איר פאָטער זאָל אַהין אַריינדרינגען און אַנטפּלעקן די פאַרבאָרגענע ספקות פון איר האַרץ.

„ניין, מיין טאָכטער, איך זע אַז דו פאַרבאָרגסט זאַכן פון מיר. וואָרעם ס׳איז שוין ניט צום ערשטן מאָל, וואָס איך מערק דיין טרויער, און דו ווערסט בלייכער פון טאָג צו טאָג.

מאַריאַ האָט זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן. זי האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין.

„פאָטער!", האָט זי אויסגערופן, „ווען פון טאָג צו טאָג הייבט זיך דער רויך פון די שייטערהויפנס, און דער ווינט דערטראָגט אַהער די ווײ־געשרייען פון די ליידנדע, ווי קען אַ מענטשלעך האַרץ ניט צעגיסן ווערן פון רחמנות? דו קומסט אַהיים און נעמסט מיך פאָטערלעך אַרום, אָבער ווי זאָל איך ניט האָבן אין זינען די קינדער פון די דאָזיקע אומגליקלעכע, וואָס אַ פאָטער וועט זיי שוין מער קיינמאָל ניט אַרומנעמען? און זייער פאָטערס האָב־און־גוטס איז אויך פאַרנומען געוואָרן און זיי גייען אויס פון נויט..."

איר פאָטער האָט אויף איר געקוקט מיט דערשטוינונג און שרעק. אירע רייד האָבן אים דערמאָנט אָן די רייד פון איר מוטער, און וואָס דערפאַר איז ער, גרעגאָריוס, געצוווּנגען געווען צו זיין דער שליח פון גאָט, אַז זי זאָל אומגעבראַכט ווערן פון דער וועלט... קערן זיך אום גייסטער צוריק?...

* * * * *

האַסטיק איז מאַריאַ געגאַנגען איבער די גאַסן פון סעוויל וואָס פירן צו דער שרעקלעכער תפיסה, ווו עס ווערן פאַרפייניקט די אומשולדיקע קרבנות. נעכטן ביינאַכט האָט זי זיך אונטערגעהערט, אַז היינט אָוונט וועלן די סיזענאָנדער פאַרפייניקן די פרוי פון דעם מאַן, וועמען איר פאָטער האָט באַגעגנט אין קירך און מ׳האָט אים דערמאָרדעט פאַר די אויגן פון זיין ווייב און קינדער.

געאיילט האָט זיך מאַריאַ צו דער תפיסה

און איר באַשלוס איז געווען פעסט. וואָס עס זאָל ניט געשען, מוז זי ראַטעווען די דאָזיקע אומגליקלעכע פרוי. אפילו ווען זי, מאַריאַ, זאָל דערפאַר דאַרפן באַצאָלן מיט איר אייגענעם לעבן.

„לעבן...", האָט זי זיך געטראַכט, „וואָס פאַר אַ ווערט האָט לעבן..." איר אייגן לעבן איז איר אַזוי נמאס, אַז זי וואָלט בעסער געוואָלט זיין טויט...

מאַריאַ האָט דערפילט אַ מאָדנע בענקשאַפט נאָך מאַרטירערטום. אַ בענקשאַפט צו קאָנען מיט די אייגענע ליידן אויסקויפן די מוראדיקע זינד וואָס ווערן באַגאַנגען אויף דער ערד. און איר פאָטער איז דער הויפט פון די זינדיקע. אָבער ניט איר פאָטערס זינד אַליין ווילט זיך איר אויסלייזן, נאָר די זינד פון דער גאַנצער מענטשהייט. די מענטשהייט איז אַריינגעטאָן אין אַ ווילדער אָרגיע פון בלוטדורשטיקייט. מיט זייערע ליפן בענטשן זיי גאָט און מיט זייערע מעשים לעסטערן זיי זיין נאָמען אויף דעם ווילדסטן שטייגער.

איר האַרץ איז פון טאָג צו טאָג אויסגעגאַנגען פאַר ווייטאָג. ליבערשט אומקומען איידער אַרומטראָגן זיך מיט יסורים. זי קען מער ניט פאַרטראָגן די טרערן און וויי־געשרייען פון די געפייניקטע. די סיזענאַנדער פאַראורזאַכן מיט איין קלאַפּ פון זייערן אַ שפיז מער אומגליק איידער זי קען לינדערן אין משך פון איר גאַנצן לעבן. און וויבאַלד זי קען אַזוי ווייניק אויפטאָן וויל זי מער ניט לעבן. צוליב וואָס די אומאויפהערלעכע פיין? — און אומבאַוווסטזיניק, מער איידער באַוווסטזיניק„ האָט זי זיך געווונטש דעם טויט.

זי איז צוגעקומען צו דער תפיסה. די תפיסה איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ וואַך פון מענטשן מיט ברוטאַלע, גרויזאַמע פנימער. זיי זיינען געווען איינגעוויקלט אין שוואַרצע מאַנטלען און באַוואָפנט. מאַריאַ האָט זיי דערקענט. דאָס זיינען די שרעקלעכע סיזענאַנדער, איר פאָטערס קאַמעראַדן. מאַריאַ האָט זיך פאַרבאָרגן הינטערן שטאַם פונעם אַלטן דעמב, וואָס איז דאָ געוואַקסן און האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד.

צו זיי איז צוגעפאָרן אַ רייטער, אויך איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצן מאַנטל און אויך באַוואָפנט.

„אַלפאָנזאָ דע קאַרלאָן", האָט דער רייטער אויסגעשריען, „איך האָב זיך דערוווסט, אַז משה בן אליהו איז נאָך דאָ אין שטאָט. ער מיט די אומגלויביקע קלייבן זיך צו באַפרייען די פאַראורטיילטע פרוי. זיי ווילן זיך פאַרזאַמלען אין אַ הויז לעבן דער פלאַזאַ. גיב מיר צען מענטשן און איך וועל זיי פאַרכאַפּן."

מאַריאַ איז פאַרציטערט געוואָרן און כדי ניט צו פאַלן האָט זי זיך אָנגעשפאַרט אָן שטאַם פונעם דעמב. דער שרעקלעכער רייטער איז געווען איר אייגענער פאָטער. „הייליקע מוטער", האָבן געשעפטשעט אירע ליפן, „מיט דיין האַרץ פון רחמנות שטעל אָפּ די רציחות פון דער ערד! דערבאַרעם זיך אויף דער בלוטנדיקער מענטשהייט!"

זי האָט שוין פאַר איר פאָטער מער ניט מתפלל געווען, זי האָט מתפלל געווען פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

די שרעקלעכע תפיסה־וואַך האָט הויך געלאַכט און זיך הויך געזידלט. אָבער מאַריאַ האָט זיך מער צו זייערע רייד ניט צוגעהערט. זי האָט בלויז געוואַרט ביז וואַנען איר פאָטער מיט די צען רייטער זיינען אָפּגעפאָרן. דאַן איז זי דרייסט אַרויס פון איר פאַרבאָרגעניש און איז צוגעגאַנגען צו אַלפאָנזאָ דע קאַרלאָ. זי האָט אויפגעדעקט איר שלייער און האָט זיך צו אים געווענדט:

„אַלפאָנזאָ דע קאַרלאָ, דערקענסט מיך?"

„מאַריאַ!... די טאָכטער פון גרעגאָריוס!..." איז דער סיזענאָנדער דערשטוינט געוואָרן און האָט זיך פאַר איר פאַרנייגט.

„אַלפאָנזאָ", האָט מאַריאַ געזאָגט, „איך וויל אַריינגיין אין תפיסה און רידן צו די פאַראורטיילטע דאָס וואָרט פון גאָט. איך וויל זוכן חרטה אין זייער האַרץ. איך וויל אויסגעפינען ווו איז זייער פאַרבאָרגעניש פון טומאה. וועסט מיך אַריינלאָזן, אַלפאָנזאָ?"

אַלפאָנזאָ האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר בלויז געגעבן אַ צייכן צו זיינע לייט, וואָס האָבן פאַר איר אָפּגעטראָטן דעם וועג.

„אָבער וואַרט, אַלפּאָנזאָ, האָט מאַריאַ פאָרגעזעצט, „איך האָב צו דיר נאָך אַ בקשה. ווען איך וועל צוריקקומען, זאָלסטו מיך ניט אָפּשטעלן און ביי מיר קיין זאַך ניט פרעגן. דעם סוד וואָס איך וועל אַרויסטראָגן פון תפיסה וועל איך בלויז צו מיין פּאָטער אַנטפּלעקן. איך וויל אַרויסקומען פון תפיסה מיט תפילות אויף מיינע ליפּן. פאַרשפּרעסטו דאָס מיר, אַלפּאָנזאָ?"

„איך פאַרשפּרעך", האָט ער געענט־פערט.

„און ווי, אַלפּאָנזאָ, אַז דו וועסט דאָ מער ניט זיין ווען איך וועל צוריקקומען? און ווי אַז דאַן וועט דאָ אויף דער וואַך זיין אַן אַנדערער, וואָס קען מיך ניט?"

„איך פאַרשפּרעך דיר, אָ, מאַריאַ", האָט איר אַלפּאָנזאָ געענטפערט, „אַז איך וועל פון דאַנען ניט אָפּטרעטן ביז וואַנען דו וועסט צוריקקומען."

מאַריאַ האָט אים באַדאַנקט און איז אַריין אין תפיסה.

* * * * *

אין דער פינצטערניש פון תפיסה־הויף האָט מאַריאַ באַמערקט אַז באַוואָפנטן מענטשן, אָנגעטאָן אין די קליידער פון די סיזעגנאָנדער. ווען זי איז צו אים צוגע־קומען נענטער האָט זי אין אים גלייך דערקענט דעם זעלבן משה בן אליהו, וועמען זי האָט אַמאָל געראַטעוועט פון טויט, און וואָס אים זוכט איר פאָטער איצט אַרום. זי איז פאַרציטערט געוואָרן.

„אומגליקלעכער", האָט זי אים געזאָגט, „ווי קומסטו אַהער? האָסטו דען ניט גע־הערט אַז די סיזעגנאַנדער זוכן דיך אַרום? ווען זיי וועלן דיך דערקענען וועלן זיי דיך גלייך דערמאָרדן."

„איך בין אַהער געקומען צו ראַטעווען אַ פרוי, וואָס איז אונדז אַלעמען טייער," האָט איר משה בן אליהו געענטפערט. „איך רייד צו דיר אָפנהאַרציק, ווייל איך דערקען אין דיר, אַז דו וועסט מיך ניט פאַרראַטן. איר מאַן איז דערמאָרדעט גע־וואָרן פאָריקע וואָך און זי איז פאַראור־טיילט היינט דערמאָרדעט צו ווערן. מיר איז מיין לעבן ניט טייער, אויב נאָר איך קען דורך אים ראַטעווען אַ לעבן, וואָס איז אונדז אַלעמען טייער."

„משה בן אליהו", האָט צו אים מאַריאַ געזאָגט, „ווען דו וואָלסט מיך ניט דער־קענט, וואָלסטו מיר ניט פאַרטרויט צוליב וואָס דו ביסט דאָ. איין מאָל האָב איך דיין לעבן געראַטעוועט, איצט בין איך דאָ צו ראַטעווען דאָס לעבן פון דער זעלבי־קער פרוי וואָס דו ווילסט ראַטעווען. אָבער דו מוזט אַוועק פון דאַנען איידער דו ווערסט דערקענט. אויב ניט איז דיין לעבן פאַרפאַלן און אויך איר לעבן וועט זיין פאַרפאַלן."

זי האָט אויף אים אַכטונג געגעבן און האָט געזען אַז ער צווייפלט אין אירע רייד. האָט זי פאָרגעזעצט:

„איך שווער דיר מיט אַלץ וואָס איז באמת הייליק אויף דער וועלט."

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, ווי ער וואָלט געוויגן און געמאָסטן אירע רייד. דערנאָך האָט ער, ניט רעדנדיק קיין וואָרט, אַ קוש געטאָן איר האַנט און האָט זיך אומגעדרייט אַרויסצוגיין פון תפיסה־הויף.

„וואַרט אויף איר אין דרויסן, ביי דער פלאַצאַ, אונטער די קאָלאָנעס פון דער קירך", האָט זי אים נאָכגעזאָגט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיט קאָפּ.

משה בן אליהו איז אַוועק צום פלאַץ וואָס מאַריאַ האָט אים אָנגעצייכנט. ניט לאַנג איז אים אויסגעקומען צו וואַרטן באַלד איז צו אים צוגעקומען אַ פרוי אָנ־געטאָן אין מאַריאַס קליידער. זי האָט אים שטיל געזאָגט:

„שנעל, לאָמיר גיין פון דאַנען. אַ גוטער מלאך איז אין מיין תפיסה־צעל געקומען. זי האָט מיר געגעבן אירע קליידער און האָט מיך באַפרייט. זי האָט מיר געזאָגט ווו צו געפינען דיך."

* * * * *

אין תפיסה־צעל איז אַריינגעקומען גרעגאָריוס. אין דער פינצטערניש האָט ער אין ווינקל דערזען אַ ווייס פרויען־געשטאַלט. ער איז צו איר צוגעקומען, האָט זי אָנגענומען מיט זיין בלוטיקער האַנט, און זי דורכגעשטאָכן מיט זיין שווערד. דערביי האָט ער אויסגעשריען מיט אַ שרעקלעכער רציחה:

„שטאַרב, דו אומריינע, שטאַרב!"

(המשך אויף זייט 23)

משה שקליאַר

# לידער

## אין אַלבאָם פונעם זכרון

מיט אַנגעשפּיצטע נערוון אין די ציטער־פינגער
איך מיש די בלעטער אין אַלבאָם פונעם זכרון
און אַלץ וואָס איז פאַרגאַנגען שוין זינט לאַנגע יאָרן
קומט ווידער אויף, און איך אַליין ווער ייִנגער.
גאָט לאָז איך שיפלעך אינעם רינשטאָק וואָס פאַרשווינדן
פון מיין בליק ערגעץ אין ווייטע טייכן, ימען,
איך וואָלט מיט זיי אַוועק אַהין, נאָר ס׳וואַרט מיין מאַמע.
ווי קאָן איך לאָזן זי אַליין אין קראַנקן־בעט, ווען ס׳צינדן
אָן זיך די לאָמטערנס שוין ווי קלייניקע לבנות
און מיניען זיך אַריבער קעפּ מיט זילבער־פאַרבן.
ס׳איז פּרייטיק אויף דער נאַכט. זי קאָן נאָך ווידער שטאַרבן
און כ׳וועל אויף אייביק שוין, אויף אייביק בלייבן אָן איר.

ערשטער שבת אָן דער מאַמען. ס׳בעט איז ליידיק,
איך וואַרף אַהין פון צייט צו צייט באַהאַלטענע בליקן.
איך ווייס שוין, אַז פון ד אָ ר ט נישטאָ איז קיין צוריקקום,
נאָר דאָך, אפשר וועט זי כאַטש אַ וואָרט אויסריידן,
אַ גלעטנדיקן רוף טאָן מיך— משהלע, מיין קינד — — —
דערווייל רופט מיך דער טאַטע. מיט פאַרווייִנטע אויגן
ער זיצט איבער אַן אָפן ספר טיף געבויגן
און קוקט אַריבער דעם, ווי ער געווען וואָלט בלינד.
— געדענקסט דעם קדיש? — זאָגט ער — דאַרפסט אים קענען —
און איך באַווייז אים — יתגדל ויתקדש...
צי הערט זי מיך, די מאַמע? מיין קול ווי פון אַ פלאַש
אַרויס קומט און פאַרשטיקט עס וועט צו איר גענעבען.

מיין קול איז אַלץ פאַרשטיקט נאָך ווען איך מיש די בלעטער
אין אַלבאָם פונעם זכרון. יאָרן און געשטאַלטן
לויפן מיר פאַרביי און שווער איז זיי פאַרהאַלטן,
און ס׳מישן צייטן זיך — דער פריער און דער שפּעטער.
און ס׳מישן ערטער זיך און פלעצער, ווו געווען
איך בין, ווו נישט געווען. צווישן אוראַלער שנייען
איך זע די ייִדן וואַרשעווער אין געטאָ גייען,
און ביי דעם דזשמנע־אויוון וואָס אָן אויפהער איז אין ברען

איך זע די אוישוויץ־רויכן און מיין מיידלס לאָקן
וואָס לייכטן זיך אַרויס פון צווישן שוואַרצע כמאַרעס.
איך ליג פאַרנורעט ערגעץ אויף אַ לאַגער־נאַרע
און לויף מיין מאַמען זוכן איבער טרעפּ און שטאָקן.

ווען איך זי געפינען? לאַמטערנס ווידער זיך צעשיינען
און שאָטנס פאַלן אויף מיין מאַמעס בלייכן פּנים.
אַזוי פיל יאָרן שוין, אַזוי פיל יאָרן אָן איר,
און מיר ווילט אַלץ זיך באַך מיט שטילע טרערן וויינען.

— — — — — — — — — — — — — —

מיט אָנגעשפּיצטע נערוון אין די ציטער־פינגער
איך מיש די בלעטער אין אַלבאָם פון זכרון.

## שווער צו אונטערשיידן

די מומע גאָלדעשי אַ גוידער האָט געהאַט אַ גרויסן
און פּיסלעך קלייניקע, וואָס האָבן קוים דעם גוף געהאַלטן,
ווען שטיל געריידט אין שטוב זי האָט, געהילכט עס האָט אין דרויסן,
און שווער ז׳געווען איר ווערטער־שטראָם אַ רגע צו פאַרהאַלטן.

און זי געהאַסט האָט וואַלד און פעלד, אַזוי האָט מיר געדאַכט זיך,
„אויף אַלע וויסטע פעלדער, וועלדער״— פלעגט זי אָן אויפהער שפּייען —
גלייך אָפּשפּרעכן זי וואָלט אַן עין־הרע, ווי עס מאַכט זיך,
און גוטע עצות זי געהאַט האָט יעדן צו נאַראַיען — — —

אוי, די מומע גאָלדעשי, אַ ליכטיקער גן־עדן אויף איר.
געזאָגט מען האָט: „ס׳אַ שטילינקע נשמה און אַ האַרץ אַ פייער״,
„די פּיסלעך שלעפּן זיך און ס׳מיילעכל, עס גייט אויף שרויפן״...
נאָר געווען אַלץ איינס זי איז מיר ליב און טייער.

זיסוואַרג פלעגט זי טיילן אונדז פון אונטער פאַרטעכל דעם קליינעם
און אַ קנופּ געטאָן דערביי אין בעקל אָדער הינטער־חלק,
און באַלד פאַרשווונדן איז זי אויף די דראָבנע פּיסלעך אייליק,
נאָר נישט פאַרשווונדן איז זי אין זכרון מיינעם.

***

די מומע גאָלדע, דו געדענקסט די מומע גאָלדע —
איך פרעג ביי זיך אַליין און ס׳שאָטנט אין זכרון.
ווי אַ פּאָרטרעט מיט פאַרבן ליכטיקע געמאָלן
איר געשטאַלט אַרויס קומט פון דער ראָם פון יאָרן,

הויך און שלאַנק, מיט קנייטשן אויפן אויסגעדאַרטן פּנים,
מיין מאַמעס בלויע אויגן און דער קלוגער שמייכל.
דריי טעכטערלעך געהאַט האָט זי און אויך דריי בנים,
נאָר פון גליק און נחת אינעם הויז, קיין צייכן.

פון דער מומע גאָלדעשי געווען איז זי דער היפּוך —
אַ שטאָלצער בוים, נאָר שוין אַ ביסעלע געבויגן,
אַ רענדל פאַר אַ וואָרט אויף אירע דינע ליפּן,
נאָר אַלע מאָל געווען איז עס געמאָסטן און געוויגן.

***

אין חלום קומען זיי איצטער צו מיר צוזאַמען
די מומעס צוויי, נאָר שווער איז זיי מיר אונטערשיידן.
זיי שיילן זיך אַרויס פון געטאָ־אַשן, רויך און פלאַמען
און ווי אַמאָל איך טוליע־און־פאַרליר־זיך צווישן ביידן.

# דער ווינט נאָך וויטערט

אָנגעלאָפן איז דער פעטער לוי
פונעם שטעטל מיט אַ קלומעק אויף די אַקסל,
גלייך ער וואָלט אַרויס פון נח'ס תיבה,
און עס הענגען נאָך אויף אים די שלאַקסן.

אין די אויגן אומרו האָט געציטערט,
אויף די שטיוול — בלוט־באַפלעקטע בלאָטע,
און געדאַכט האָט, אַז דער ווינט נאָך וויטערט
דעם פעטערס איינגעריסענע קאַפּאָטע.

שווער אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ בענקל,
אַרויסגעקרעכצט ר'האָט מיט אַ קול אַ פרעמדן:
„אַרויס זיי זענען שיכורע פון שעכטן
און גענומען זיך צום שלאָגן און צום שענדן" - - -

און נאָך עפּעס ער האָט געזאָגט, דער פעטער:
„אויף פּאָגראָמען ווער האָט זיך געריכט דען?"

— — — — — — — — — — — —

דערמאָנט כ'האָב זיך די ווערטער שפּעטער,
ווען אַלץ אַרום איז שוין געווען פאַרניכטעט.

און כ'בין אַליין מיט קלומעק אויף די אַקסל
געלאָפן פונעם מבול און פון פייער,
פונעם לאַנד ווו כ'בין מיט ליד געוואַקסן
אחן געצאָלט פאַר דעם מיט בלוט מיין שטייער.

לילקע מייזנער

# איך געדענק...

## מיין ברודערס פּאָרטרעט

אויף דער וואַנט, נישט ווייט פון באַלקאָן — איז געהאָנגען דיין פּאָרטרעט. דיינע בלויע אויגן האָבן אַראָפּגעקוקט אַזוי לעבעדיק פון דעם טונקל בלויען לייוונט, דיין מאַטראָזן־קאָלנער איז געווען אַזוי גלייך אויסגעלייגט — און דער שמייכל אויף דיינע פולע ליפּן — אַזאַ וואַרעמער.

איך געדענק גענוי דיין בילד, די טעג ווען דער מאלער האָט דיך געמאָלן. ביסט געזעסן אַזאַ ערנסטער, פון צייט צו צייט האָסטו זיך אויפגעהויבן און די מאַמע האָט דיר דיין שאָקאָלאַד־מילך געגעבן. ביסט מסתמא דעמאָלט אַ צוועלף יאָר אַלט געווען. — היינט וואָלסטו זעכציק געוואָרן.

זיינען דיינע יאָרן פאַרשניטן געוואָרן, און דיין פּאָרטרעט איז פאַרקריצט און פאַרזיגלט אין מיין דמיון. ביסט ביי מיר אַזוי פאַרבליבן, און די בלויקייט פון דיינע אויגן פאַרלאָזט מיך נישט.

צאָפּטמאָל, אין נעכט לאַנגע, ווען די אויגן פאַלן נישט צו, זע איך די וואַנט, די ווייסע וואַנט, אין דיין גרויסן פּאָרטרעט. דאַן גייסטו פון אים אַרויס, און מיר זיינען ווייטער ביידע דאָ, אין אונדזער שטוב, ביי טאַטע־מאַמע — מיר לויפן אַרום דעם גרויסן עס־טיש, אונדזערע הענט אין דער לופטן — געוואָלט דיך כאַפּן — און דו האָסט זיך גערייצט מיט מיר, און דיין פּנים האָט געלויכטן מיט דעם לצים־געלעכטער. אָט, האָב איך דיך אָנגעכאַפּט, און אָנגעכאַפּט די נאַכט־פּוסטקייט, און אין דער פּוסטקייט דיך מער נישט געזען. ביסט צוריק אַרויף אין דיין פּאָרטרעט, און געקוקט, געקוקט מיט דיינע בלויע אויגן.

דיין נאָז איז געווען אַביסל אויסגעקרימט — ס'איז מיין שולד געווען... איך געדענק, ס'איז ווינטער געווען. אין שטוב איז געווען וואַרעם, מיר האָבן זיך געשפּילט אויף דער פּאָדלאָגע, מיטאַמאָל האָב איך דיך געוואָלט נעמען אויף מיין רוקן, אַ קינדער־שפּיל אַזאַ געווען, האָסטו זיך אַראָפּגעגליטשט און געפאַלן אויפן פּנים. איך האָב נאָר געהערט דיין געוויין און מיטגעוויינט מיט דיר צוזאַמען. איך האָב דיר דיין נאָז צעבראָכן — איך האָב זיך קיינמאָל דאָס נישט מוחל געווען, און געווייטיקט אויף דעם... די נאָז האָט דיר נישט געשטערט צו דיין שיינעם סענסיטיוון פּנים — איך האָב דיך אַזוי ליב געהאַט — ברודער מיינער.

די פאָריקע נאַכט, אין מיין חלום, בין איך ווייטער געווען אין אונדזער שטוב — כ'בין גלייך צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, וווּ דיין בילד איז געהאַנגען און ווייטער געקוקט אויף דיין פּנים — דאָס מאָל האָבן דיינע ליפּן צו מיר געשמייכלט. מיר האָבן

---

אריה פאַזי (סוף פון זייט 19)

און זיין געלעכטער האָט זיך הילכיק צעטראָגן איבערן צעל.

ווען די פרוי האָט דערפילט אַז זי איז שטערבלעך פאַרוווּנדעט האָט זי צוגעכּדעסט איר האַנט צו דער ברוסט, אָפּצושטעלן דעם שטראָם בלוט, און זי האָט אויסגערופן:

„היליקע מוטער! זאָל כאָטש מיין בלוט אָפּוואַשן די זינד פון דער ערד און אויפלויכטן די אויגן פון די בלינדע, אַז זיי זאָלן אויפהערן פאַרגיסן אומשולדיק בלוט!

און זי איז געפאַלן אויף דער ערד — טויט.

ווען גרעגאָריוס האָט דערהערט דער פרויס קול האָט ער דערפילט ווי זיין האַרץ וואָלט פּלוצים געפּלאַצט אין זיין ברוסט, און אַז זיינע האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר. ער האָט שנעל אויפגעהויבן דעם טויטן קערפּער און אים צוגעטראָגן צום פענצטערל פון דער צעל. ביים שוואַכן ליכט פון דער לבנה, וואָס האָט אַהין אַריינגעשיינט, האָט ער דערזען דאָס פּנים.

„מאַריאַ!" האָט ער ווילד אויסגעשריען. „מאַריאַ!" און איז גלייך געפאַלן אויף דער ערד און מיטגעשלעפּט מיט זיך דעם קערפּער פון זיין טאָכטער.

ביידע זיך צוגעזעצט אויפן דיל, דו האָסט
אַרויסגענומען דיין פייפל פון דער קליי־
נער טאַש און אָנגעהויבן בלאָזן, נאָר איך
האָב נישט געהערט קיין קלאַנג — האָסט
אָנגענומען מיין האַנט און געזאָגט: קום,
קום מיט מיר. האָבן מיר זיך ביידע אַ
לאָז געטאָן אויף גרינע פעלדער און לאָנ־
קעס, אָנגעריסן די בלויע קאָרן־בלימעלעך
און די ווייסע שמעקעדיקע קאָרן־גלעק־
לעך. דער געלער לובין האָט פאַרריסן
די נאָז, און די גרינע הויכע גראָזן האָבן
געשאָרכט און געבויגן זיך ווי אין אַ תפילה.
ביסט געלאָפן מיט אַ גרויסער נעץ און
געיאָגט זיך נאָך די קליינע ברוינע, געלע
זומער־פייגעלעך. פון דער וויטנס האָבן
מיר געהערט דער מאַמעס שטימע. —
דער הילצערנער וואָגן אָנגעפילט מיט היי,
האָט איבערגעריסן די אידילישע שטיל־
קייט מיט זיין סקריפען און קרעכצן.
כ׳בין אַזוי לאַנג דיר נאָכגעלאָפן, און
דו ביסט אַזוי ווייט פון מיר געוועזן —
ביז דו ביסט ווייטער געזעסן אַזוי שטיל
אין דיין פאָרטרעט און אין דיינע אויגן
האָב איך צוויי גרויסע טרערן געזען, און
אין זיי האָב איך זיך געזען, די ווייסע האָר,
עדות פון דער אַוועקגעגאַנגענער צייט.

היינט האָב איך אַ שפּאַציר געמאַכט
ביים ברעג פון ים, די כוואַליעס האָבן
געיאָגט ווי ווייסע צעיאַכמערטע פערד,
שנעל און שנעלער, די זון האָט געהאַלטן
ביים פאַרגיין און די לעצטע גאָלדענע
שטראַלן האָבן געגלעט די שוימיקע כוואַ־
ליעס. כ׳האָב טיף אַריינגעקוקט אין די
וואַסערן און געוואָלט אַדורכלעכערן דעם
דנאָ — און פלוצעם, ווי אַ מיראַזש, איז
אויף דער אויבערפלאַך אַרויפגעקומען
דיין פאָרטרעט — און רויק געשוווּמען
אַלץ נענטער און נענטער, און מיין האַנט
האָט געוואָלט אָנרירן דיינע קאַשטאַן־
ברוינע האָר, און דיינע אויגן האָבן אַרויס־
געקוקט פון די טיפענישן, און דיינע ליפּן
האָבן געשמייכלט, דער ים איז אָנגעפילט
געוואָרן מיט דיר, און יעדעס מאָל ווען
די כוואַליע האָט אָפּגעוואַשן דיין פנים,
ביסטו נאָך בולטער אַרויס. כ׳האָב פאַר־
מאַכט מיינע אויגן און געוואָלט איינהאַלטן
דאָס בילד, כ׳האָב צעשפּרייט מיינע הענט
און געוואָלט אַרומנעמען דיך — און אַרומ־
גענומען די ליידיקייט. כ׳האָב שטיל אַרויס־
גערופן דיין נאָמען בלויז דו זאָלסט אים
הערן, נאָר האָסט נישט געענטפערט, דיין
פנים האָט זיך געהוידלט מיט די כוואַליעס
און ביסט אַזוי נאָענט — און גלייכצייטיק
אַזוי ווייט געווען. . .

. . . ליגט דיין קערפּער אין די טיפע־
נישן פון טייך עלבע. דאָרט אין דעם
פאַרשאָלטענעם לאַנד, דאָרט האָבן דיך
די דייטשן אומגעברענגט מיט נאָך ברי־
דער דיינע. שווימט אַרויס דיין פנים און
באַווייזט זיך פאַר מיר ווי נאָר איך קום
צו צו די ברעגעס פון וואַסערן און ימען,
שווימסט אַרויס — און דיינע בלויע אויגן
מאָנען, און דיינע אויגן נעמען מיך אַרום,
און דיינע ליפּן שעפּטשען ווערטער. . .
נעם איך דיך אַרום אין דער ליידיקייט,
מיין ברודער — און נישט פאַרגעסן וועל
איך דיך — און נישט פאַרגעבן וועל איך
זיי! איך האָב דיך אַזוי ליב געהאַט —
אַזוי שטאַרק!

***

## סאָניע

אין מיינע אָדערן פליסט דיין בלוט —
ריזלט עס פון צייט צו צייט און מאָנט,
אַז כ׳זאָל דיך געדענקען, דערמאָנען,
סאָניע — מיין פאַרלוירענער פריינד!

ווי ווייט איז די צייט, און דאָך אַזוי נאָ־
ענט. ווי שרעקלעך די פאַרגאַנגענע טעג
און קיינמאָל נישט פאַרגעסענע. און ווי
מאָדנע דער מענטשלעכער גורל. פאַר־
פלאָנטערט, נישט פאַרשטענדלעך.

דיין נאָמען איז געווען סאָניע. דער קאָפּ
געקרויזלטע האָר האָט באַשיינט דיין ליכ־
טיקן פנים. דיינע אויגן גרין — אַזוי גרין
ווי די פעלדער אין פרילינג. ביסט געווען
הויך, שלאַנק, דיין גאַנג אין אָנהייב פון
די קאָשמאַרנע טעג — גראַציעז. ביסט
געבוירן געוואָרן מיט אַ פיזישן דעפעקט
— איין האַנט קירצער פון דער אַנדערער
— אָבער עס האָט נישט געשטערט צו
דיין שיינקייט.

מיר האָבן זיך באַקענט אין אַ צייט, וואָס
ווערט באַצייכנט אין דער מאָדערנער גע־
שיכטע מיטן וואָרט „האָלאָקאָסט“, אין
אַן אָרט — אַן אַזוי גערופענער „אַרבעטס־
לאַגער“.

מיר זיינען געגאַנגען פיר אין אַ ריי, און געשלעפּט מיט אונדזערע געשוואָלענע הענט גרויסע שאָוולס מיט שטיינער פון איין עק באַן־ליניע ביז צו דער צווייטער. אַזוי זיינען מיר געגאַנגען שעהן אונטער דער ברענענדיקער זון, אונטער דעם כסדרדיקן קלאַנג פון דער לעדערנע נאַגייקע, וואָס האָט אָפּגעקלאַפּט אין דעם שוואַרצן, שימערירנדיקן לעדערנעם שטיוול פון דעם דייטשן מערדער.

דאָס בערגל שטיינער איז קיינמאָל ניט גרעסער אָדער קלענער געוואָרן, ווייל די הונדערטער פרויען האָבן עס פון איין אָרט גענומען, צו דעם אַנדערן צוגעלייגט — און צוריק צוגענומען. דער ציל איז געווען אונדז צו פּאַרמאַטערן פיזיש און דעגראַדירן מאָראַליש. מיר האָבן זיך געשלעפּט מסתמא אַזוי צען, עלף שעה, ביז מיין גוף האָט מער נישט געקענט אויסהאַלטן.

איך האָב געפילט די קלעפּ, נאָר מער גאָרנישט געזען. געפילט האָב איך הענט, וואָס האָבן מיר געשלעפּט, און מער גאָרנישט פאַרשטאַנען. ווען כ׳האָב אויפגעעפנט די אויגן האָב איך דיין פּנים געזען און געוווּנדערט זיך — ווער ביסטו? און דאַן זיך דערמאָנט, אַז מיר זיינען צוזאַמען אין דער ריי געגאַנגען. האָסט מיין פּנים מיט וואַסער געריניקט, האָסט מיינע געשוואָלענע הענט געהאַלטן און געבעטן זיך מיט דיינע גרינע, גרויסע אויגן — „האַלט אויס"!

צום סוף האָסטו מיר דיין בלוט געשאָנקען — אין דער טראַנספוזיע, וואָס דער ביאַליסטאָקער יידישער דאָקטער סאָווטשיק האָט געמאַכט, אין דער ענגער, פינצטערער „קראַנקן־שטובע". מיר האָבן זיך קיינמאָל פריער נישט געקענט. מיר זיינען געוואָרן גורל־שוועסטער אין איין ספּעציפישן מאָמענט פון אונדזער לעבן. גורל־שוועסטער אין אַ צייט, ווען מענטשלעכע לעבנס האָבן קיין שום ווערט נישט געהאַט — און דאָך — דאָך האָסטו אַרויסגעוויזן אַזוי פיל מענטשלעכקייט! ווען אַלץ איז געווען אויסגעטאָן פון אַ יעטוועדע מאָראַל. האָסטו זיך נישט גערעכנט מיט דיין אויסגעמאַטערטן, הונגעריקן גוף, האָסט געגעבן פון זיך דאָס טייערסטע — דיין בלוט.

האָסט מיך געראַטעוועט, געברענגט צוריק צום לעבן, אַז מיר זאָלן ווייטער ליגן צוזאַמען אויף דער שמוציקער נאַרע און שפּינען ווייטער אונדזער חלום — פון אפשר... אפשר.

אין איינער אַ נאַכט, ווען די פינצטערקייט פון באַראַק איז געווען שוואַרצער פון שוואַרץ און די געיאָמערן פון די פרויען האָבן דורכגעלעכערט די ווענט — האָסטו זיך צוגערוקט צו מיר און אָנגעהויבן שעפּטשען און דערציילן מיר אַ פאַנטאַסטישע געשיכטע. האָסט מיר צום ערשטן מאָל געזאָגט פון וואַנען דו קומסט, ווער דו ביסט, און ווי אַזוי דו ביסט אַהער געקומען. און איך האָב געפילט אויף מיינע הענט, אין דער שוואַרצער נאַכט, דיינע הייסע טרערן.

פון ווייטן, ווייטן קיעוו ביסטו געקומען. האָסט געהאַט אַ באָבען אין ביאַליסטאָק, וועלכע דו האָסט קיינמאָל נישט געזען. ווען די געגנט איז פאַרנומען געוואָרן דורך די סאָוועטן פאַר אַ געוויסער צייט, ביסטו געקומען זי באַזוכן. האָסט מיר געשילדערט דיין באָבען, איר צערטלעך פּנים, און דיין קערפּער האָט זיך געוויגט ווען דו האָסט וועגן איר גערעדט, אַזוי ווי דו וואָלסט איר קאָפּ געהאַלטן אין דיינע הענט. שפּעטער איז ביאַליסטאָק אַריבער צו די דייטשן. האָסט נישט געוואָלט אַוועקגיין מיט דער עוואַקואַציע אין דיין שטאָט און היים. ביסט געבליבן מיט דיין באָבען, כדי צו פאַרלייכטערן איר איינזאַמקייט. זי איז געגאַנגען צום אומקום — און דו ביסט געווען יונג, געזונט און ביסט געגאַנגען צום לעבן...

דיינע ווערטער זיינען שטילער געוואָרן, ביז דו ביסט פאַרשוויגן געוואָרן. און פון צייט צו צייט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טיפער, טיפער זיפץ. איך האָב געהאַלטן דיינע הענט, און מסתמא איינגעשלאָפן מיט דעם אומרויקן קראַנקן לאַגער־שלאָף. ביז — מיטאַמאָל האָב איך דערפילט אַ מאָדנע וואַרעמקייט אויף אַ זייט פון מיין קערפּער. איך האָב זיך ראַפּטעם איבערגערוקט. דורך די איבערשטע פאַרקראַטעוועטע לעכער האָט די גרויקייט פון

ד"ר מישעל נוטקעוויטש

# דער צווייטער דור דערמאָנט

דעם 19טן יאַנואַר ד.י. האָבן איבער 500 פּערזאָן פונעם צווייטן דור, ניצול געוואָרענע פון חורבן, ווי אויך פאַראינטערעסירטע, זיך פאַרזאַמלט אין לאָס אַנדזשעלעס כדי צו באַטראַכטן און דיסקוטירן די פאַקטאָרן און כוחות וואָס האָבן געפורעמט דעם אָנדענק פונעם חורבן (האָלאָקאָסט) און וואָס וועלן באַשטימען דעם אופן ווי די וועלט וועט געדענקען די טראַגישסטע געשעעניש אין דער מאָדערנער געשיכטע. די קאָנפערענץ א.נ. „טראַכטנדיק וועגן האָלאָקאָסט: דער געברויך און מיסברויך פון זכרון", האָט צונויפגענומען אונטער איין דאַך אָנגעזעענע טוערס פון דער פילם־אינדוסטריע, טעלעוויזיע, פּרעסע און אַקאַדעמיקער.

די קאָנפערענץ איז געווען אייגנאַרטיק אין דעם זין וואָס זי האָט באַהאַנדלט די פראַגע ווי אַזוי דער האָלאָקאָסט איז און דאַרף דערמאָנט ווערן מצד יענע, וואָס זענען באַרופן צום געשטאַלטיקן די עפנטלעכע מיינונג: זשורנאַליסטן, פילם און טעלעוויזיע טוער, געלערנטע. אייניקע פון די לעבהאַפטסטע פּאַנעלס איז געווען וועגן „פילם, טעלעוויזיע און דער האָלאָקאָסט", אָנגעפירט דורך פּראָפ. האָוואַרד סאבער פונעם פילם־אָפּטייל ביים קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט (יו־סי־על־איי).

ראָבערט מאַרקאָוויטש, דירעקטאָר פונעם פילם לויט דזשאַן הערסעיס בוך וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד א.נ. „די וואַנט", האָט גערעדט וועגן די קאָמפּראָמיסן וואָס ער האָט געמזוט מאַכן בעת ער האָט פילמירט אין פּוילן. די פּוילישע רעגירונג האָט אים דערלויבט צו נוצן אַן אויטענטישע חורבה פון דער מלחמה־צייט פאַר אַ סצענע פונעם אויפשטאַנד מיטן באַדינג, אַז ער וועט נישט ווייזן קיין פּאָליאַקן אין אָט דער סצענע. זיי האָבן נישט געוואָלט ווייזן אַז פּאָליאַקן זענען געווען פּאַסיוו בעתן אויפשטאַנד. דער היסטאָרישער אמת, ווייזט זיך אַרויס, פאַלט אָפּט מאָל אַ קרבן ווען דו מוזט אָפּקלייבן וואָס צו באַזייטיקן און וואָס נישט.

סטאַנלי קריימער, דער דירעקטאָר פונעם פילם „דער משפּט אין נירעמבערג", איז געקומען צום אויספיר אַז דעם פילם־קינסטלערס ערשטער געבאָט איז קינסטלערישע שלימות. דאָס איז די אייניציקע מאָס לויט וועלכער דער קינסטלער דאַרף זיך ריכטן. אַנדערע באַטייליקטע זענען געווען דעניס דאַטי, פּראָדוצירער פון אַ טעלעוויזיע־דראַמע וועגן דעם טויטן־לאַגער אין סאביבאָר, פּיער סאַוואַזש, אַ קינד פון ניצול־געוואָרענע נאַצי־קרבנות, וועלכער גרייט אַ דאָקומענטאַרן פילם וועגן פראַנצויזישע פויערים פון לע שאַמבאָ, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן יידן, און דער פילם־קריטיקער גערי פראַנקלין.

ד"ר מישעל נוטקעוויטש, דירעקטאָר פונעם האָלאָקאָסט מעמאָריאַל מוזעום אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט אָנגעפירט אַ פּאַנעל וועגן רעוויזיאָניזם, ווו ס'האָט זיך אויך באַטייליקט מעל מערמעלשטיין און זיין פּאַרטיידיקער, מישעל מאַראַקאַ,

---

טאָג אַריינגעקוקט. דיין קאָפּ, סאָניע, איז געווען פאַרוואָרפן, דיין פּנים אַשיק גרוי. — דיינע ביידע דלאָניעס איבערגעשניטן. האָסט יענע נאַכט געוואָלט פאַרענדיקן דיין לעבן — מיר האָבן דיך נישט געלאָזט...

אַ צייט שפּעטער, ווען מיר זיינען ווייטער געשטאַנען פאַר דעם אויסוואַל פון „לינקס" און „רעכטס" — לעבן און טויט — האָסטו מיך מיט דיינע גרינע אויגן געזעגנט — און דיין בליק פאָלגט מיר נאָך כסדר...

אין מיינע אָדערן ריזלט נאָך היינט אַ טייל פון דיין בלוט — סאָניע, מיין פריינד — סאָניע, מיין אומפאַרגעסלעכער פריינד...

וועלכער האָט געוווּנען אַ משפּט קעגן
דעם רעוויזיאָניסטישן „אינסטיטוט פאָר
היסטאָריקאַל רעוויו״. דער אינסטיטוט,
ווי באַקאַנט, האָט צוגעזאָגט אַ גרויסע
געלט־סומע דער פּערזאָן וואָס קאָן באַ־
ווייזן, אַז יידן זענען פאַרגאַזט געוואָרן
אין אוישוויץ. מערמעלשטיין האָט נישט
בלויז געוווּנען דעם פּראָצעס, נאָר ער
האָט אויך מיט דערפאָלג אָנגעקלאָגט די
פעלשער פאַר ברענגען אים פּערזענלעכע
שאָדנס.

געווען אַ געוויסע מיינונג־פאַרשידנהייט
צווישן די באַטייליקטע ווי אַזוי מען דאַרף
כאַראַקטעריזירן די רעוויזיאָניסטן. שלמה
אַראָנסאָן פונעם „1939 קלוב״ און פּראָ־
פעסאָר פאַר האָלאָקאָסט שטודיעס ביי
יו־סי־על־איי, ווי אויך ד״ר נוטקעוויטש
האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף פאַרבינדן
זייער אַנטיסעמיטיזם מיט אידעאָלאָגיע.
ד״ר נוטקעוויטש האָט אונטערגעשטראָכן,
אַז די פאַרלייקענונג פון האָלאָקאָסט איז
אַ טייל פונעם פּרווו צו פאַרקערעווען דעם
אויפמערק פון דער געזעלשאַפט אויפן
קאָמוניזם, וואָס ווערט באַטראַכט דורך
די רעכטע ווי דער ווירקלעכער געמיינ־
זאַמער שונא פון דייטשלאַנד און די פאַר־
אייניקטע שטאַטן. אין די אויגן פון די
רעוויזיאָניסטן זענען די יידן אַ טייל פון
אַ וועלט־פאַרשווערונג וואָס שליסט איין
די קאָמוניסטן. דוד לעהר פון דער אַנטי־
דעפאַמיישאַן ליג האָט, דאַקעגן, אונטער־
געשטראָכן די אַנטי־ישראלדיקע איינשטע־
לונג פון די רעוויזיאָניסטן. זיי באַהויפּטן
אַז די יידן פעלשן די געשיכטע כדי צו
געווינען שטיצע פאַר ישראל. רבי אברהם
קופּער פון סיימאָן וויזענטאַל צענטער
האָט געהאַט אַן ענלעכע שטעלונג.

דער דריטער פאַנעל האָט זיך געווידמעט
דער פּרעסע און איר אופן פון באַ־
ריכטן וועגן פעלקער־מאָרד (דזשענאָ־
סייד). פּראָפ. דעבאָראַ ליפּשטאַדט, וועלכע
האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אַ בוך וועגן
האָלאָקאָסט און די אַמעריקאַנער פּרעסע,
האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס וויסן
וועגן האָלאָקאָסט האָט נישט שטענדיק
געפירט צום פאַרשטיין דעם גרויל. אין
דער פאַר מלחמה־צייט, למשל, האָבן
זשורנאַליסטן נישט ווי געהעריק פאַר־
שטאַנען די צענטראַלע ראָלע פונעם אַנטי־
סעמיטיזם אין דייטשלאַנדס אינערן־ און
אויסערן־פּאָליטיק. פּראָפ. ליפּשטאַדט
האָט אויך באַהויפּטעט, אַז דער פאַקט
וואָס עס איז נישט געווען קיין פּרעצעדענט
פון אַזאַ מאַסן־מאָרד האָט באַשווערט די
רעדאַקטאָרן זיך צו באַציען ערנסט צו די
באַריכטן וועגן דזשענאָסייד. האָט גע־
טראָפן אַז בעת רעדאַקטאָרן האָבן באַ־
ריכטעט וועגן טויט פון עטלעכע הונדערט
יידן אויף דער ערשטער זייט פון זייער
צייטונג, זיינען באַריכטן וועגן טויט פון
מיליאָנען פאַרשטעקט געוואָרן ערגעץ
אויף דער לעצטער זייט.

מאַרסיאַ בראַנדווין פון טעלעוויזיע
האָט געזאָגט, אַז אַזאַ געשעעניש ווי דער
האָלאָקאָסט וואָלט נישט געקאָנט פּאַסירן
אין דער צייט פון עלעקטראָניק און טעלע־
קאָמוניקאַציע. טעלעוויזיע — האָט זי דער־
קלערט — דערגרייכט צו די פאַרוואָרפנסטע
ווינקעלעך אין דער וועלט. דאַקעגן מאַטיס
כאַוואַנאָו פון „לאָס אַנדזשעלעס טיימס״
האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די צענזור
קאָן נישט צולאָזן די פּרעסע און טעלע־
וויזיע צו ערטער וווּ עס ווערן באַגאַנגען
פאַרברעכנס קעגן מענטשן־רעכט. די אָנ־
וועזנדיקע זענען מסכּים געווען, אַז דאָס
לעצטע צענזורירן ידיעות פון דרום־
אַפריקע האָט באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט
דעם אויפמערק צו יענעם טייל פון דער
וועלט. צבי ליוואר, אַ ישראל־זשורנאַליסט,
האָט גערעדט וועגן זיין דערפאַרונג ווי
אַ רעפּאָרטער אין דייטשלאַנד. דער פאַנעל
איז אָנגעפירט געוואָרן דורך רבי
בן בעליאַק פון קלאַרמאָנט קאָלעדזש.

דער צענטראַלער רעדנער איז געווען
דער באַוווּסטער היסטאָריקער ראַול היל־
בערג, מחבר פון אַ וויכטיק ווערק וועגן
דער פאַרניכטונג פון די יידן אין אייראָפּע.
פאַר אַן — האָט ער געזאָגט — צוויי וויכטי־
קע קוואַלן צום שטודירן דעם האָלאָקאָסט:
גביית־עדותן און דאָקומענטן. די גביית־
עדותן זענען מערסטנס פון יידן; די דאָקו־
מענטן זענען דער עיקר דייטשישע. וואָס
מער מיר דערווייטערן זיך פון דער
חורבן־צייט אַלץ מער פאַרשווינדן די

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# לידער

## היל מיך איין, וואַלד

נעם מיך אַריין אין דיינע מיסטישע אָרעמס, וואַלד,
פאַרוויש די פּחד־שפּורן אין מיר פאַרהוילענע,
אין מיין אַנטלויף פון בראַנדיקע סכנה־בליקן
באַהאַלט,
אַז די שיינע וועלט זאָל מיך ניט דערשטיקן.

אין געבלעטער פון אַשינעס און צווייגן־געפלעכט
עפן מיר דעם מאַכיקן בונקער־שטיין, סיזאַם!
צינד מיר אָן דאָס פאַרפיר־ליכטל אָראַנזשענע
אין גרינעם פעלזן־שפּאַלט,
פון קלאַנגדיקע רויב־פייגל און יעגער־הינט
באַשירעם מיך, וואַלד.

אין דיינע געדיכטענישן וואַלגערט זיך
מיין יונגע נעסט,
די סומנע פליט פון אַ פאַרלוירענע דוינע
פייגל־תּפילות פלאַטערן נאָך
אויף דיינע סאָסנע־קרוינען.

מיט גרינער שלווה פון טאָפּאָלן
היל מיך איין, וואַלד;
אין האַרבסט פון מיינע יאָרן כ'האָב פאַרברענט שוין
אַלע צוריקן,
אַז די שיינע וועלט זאָל מיך ניט דערשטיקן.

---

עדות. בלייבן פאַר אונדז די דאָקומענטן און זייער אינטערפּרעטאַציע. ליגט דערי־בער אויפן ספּעציאַליסט די גרעסטע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אָנדענק פונעם האָלאָקאָסט אין דער צוקונפט. ער מוז אינטערפּרעטירן, אָפּקלייבן כדי דערגיין צום אמת. די איינציקע אַלטערנאַטיוו איז שווייגן — אָבער דאָס איז נישט צום אָנ־נעמען, הגם צייטנווייז לאָקנדיק.

צו דער קאָנפערענץ איז אויך געקומען מעיאָר טאָם ברעדלי, וועלכער האָט דער־קלערט דעם 19טן יאַנואַר פאַר אַ „טאָג פונעם צווייטן דור". די קאָנפערענץ איז אָרגאַניזירט געוואָרן צוזאַמען דורך דער צווייטער דור גרופּע פון לאָס אַנדזשעלעס און דעם האָלאָקאָסט מעמאָריאַל־מוזעוםביים קאָנסיל פון דער יידישער פעדע־ראַציע.

## אַנטפּלעק מיר די שלווהדיקע ליכט

צעעפן דעם בלענדיקן פּאַרהאַנג פון צייט,
שפּיל מיר דעם ניגון אויס
פון די רויִע טעג וואָס דרעמלען אין די וויגן,
אַנטפּלעק די רגעס פאַרבאָרגענע
אין די אינגעווייִדן פון פאַרטייעטן מאָרגן.

טראָג מיך אויף דיינע פליגל אַהין
צו די ניצוץ־געוואָרענע שטערן
פון מיין אייניקלס מילך־וועג,
איידער ס׳וועלן אויסטריפן מיינע טעג.

פון אַלע נעכטנס פאַרשפּילטע, אין געיעג,
כ׳בין קוים אַנטרינען
מיט מיין אָפּגעראַטעוועטן פאַרמעג.

לאָמיר ציען באַנאַנד איבער פיאָלעטע בערג,
און ערגעץ, פון די וואָלקנדיקע שווייגענישן
אַנטפּלעק מיר די שלווהדיקע ליכט
פון מיין אייניקלס געדעקטע טישן.

## מיט פאַליבטן באַגינען

מיטן וווּנדער־ניגון אויפן בלויען דאַך
פון דער וועלט
איך קרייז אַרום דיר, אַ פייער־פינטעלע,
צעשפּילטער ציר;
אין אָוונטיקן שווייגן עכאָט מיין שטים:
הנני, כ׳בין דאָ אין טויִאיקן געדיי,
אַ שקיעהדיקער איך וואָלקן זיך אַריין אויפסניי
אין שחריתדיקן נשמת כל חי.

ווי אַמאָל, ערב־צייט,
איידער נאָך ביסט אַנטרינען
און מיך געלאָזן אויף דער ברענענדיקער זייט,
איך בין דאָ, איך לעב ווי אַ נס
אין איינגעדרעמלטן פאַרגעס.

מיינע זמירותדיקע הענט שטרעקן זיך צו דיר
מיט פאַרליבטן באַגינען,
כאָטש יענער בלי־חלום ליגט שוין צעקרישלט
אויף דיינע רואינען.

רבקה קאָפּע / פּאַריז

# לידער

## אייביק לעבן

גוט מאָרגן שטראַל!
בויג זיך צו מיר איין
און שליס מיר אויף
גאָטס פּלאָרע,
זיינע גייסטיקע
בלומען־קינדער:

די קנאָספּן־וואָרצלען —
מאַמעלן־בריסטן.
די בלעטער־פּאַרמען
מיט גראַפישע באַטיסטן;

די שניי־פּאַקרעטן
פון פרילינג־שלאַקסן,
אונטער האָגל געוואַקסן.

כ'וואָלט זיך פאַרליפּן
מיט די סאַמעט־טוליפּן.
דאָס קאָסט ניט העכער
ווי דער פּרייז פון באַוווּנדער!

אין מיינע נעגל,
שפּיגל־ניי,
כּפּלט נאַרציז
זיך באַזונדער.

כ'וואָלט אייך אויפגעגעסן
בלומען־קינדער! —
ווערן א ווידערקלאַנג
פון אייך;
אַרויסוואַקסן
פונעם ווייכן קישעלע
פון דער ערד —
אַזוי ווי אייך איז באַשערט
אייביק לעבן!

## אויטאָפּאָרטרעט

אין פּאַרנאַכטיקן וואַסער־שפּיגל
וויברירן פּיאָלעטע רינגען
פון מיין זיידנס ראָספּשער ניגון;
זיין פּנים פיבערדיק גליט
נאָך היינט
אין מיינע פאַרזשמורעטע אויגן;
ווייט־צאַנקענדיקע שטראַלן
גלימערן הינטער תּכלתדיקע וואַלן.
קינדער־פּחד, מיין געירשנט ליד
פלאַמט אין געמיט; אַ רויטער טוליפּאַן
פלאַקערט אין זכּרון,
סמוטנע טענער פון ווייטע קינדער־יאָרן.

אין בלויען וואַסער־שפּיגל
טריפט אַריין מיין מאַמעס אָסיענדיקער
תּשליך,
אין מיינע בלוטן ריזלט אַ כּראָנישע נגינה,
מיין טאַטנס פינגער ציטערן
אויף פידל־סטרונעס דינע.

צו אונדזער פאַרוואָרלאָזטן וואַסער־שפּיגל
פויזען מיינע טעג, שקיעהדיקע, טריבע,
זיך אָנטרינקען מיט אַ ביסל שוים
פון מיין זיידנס
ערב־מבולדיקער ליבע.

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# דאַקטאָר פּינעטאָס קאַבינעט

(דערציילונג)

1.

אין פאַרלויף פון פינף און דרייסיק יאָר זיינען די בלינדע און די טויבע און די געליימטע פון וויליאַמסבורג געקומען זיך היילן ביי דאָטאר וויליאַם פּינעטאָ.

דעם דאָקטארס קאַבינעט איז געווען אַן אָפּגעשונדן הויז אויף מייפּל סטריט. די טרעפּ הילצערנע, דורכגעפוילטע, האָבן דרייענדיק זיך ווי ספּיראַלן, אַרויפגעפירט אויפן פינפטן שטאָק. דאָס אַלטמאָדישע פּאַרצימער האָט געשמעקט מיט ליזאָל און בוידעם־ריחות. און אַלע טעג פון יאָר האָבן די קראַנקע געקלעטערט איבער די געדרייטע טרעפּ, ווי עס קלעטערן שלאַק־ריריקע צום באַרג־שפּיץ פון אַ הייליקן נזיר.

פּינעטאָ איז נישט געווען קיין בעל־מופת. ער האָט אָבער געהאַט דעם בייזן כוח פון אַ כישוף־מאַכער. זיינע פינגער זיינען געווען רירעוודיק ווי ביי אַ האָקוס־פּאָקוסניק. זיינע נאָזלעכער — שנאָפּנדיקע ווי ביי אַ שוואַרץ־קינסטלער. הויך און קנאָכיק מיט אויסגעשטרעקטע, שטייפע פּיס, איז ער געגאַנגען ווי אויף שטאָלצן. אין זיינע טונקעלע אויגן, אונטער דעם ברייטן מרה־שחורהדיקן שטערן האָבן געברענט פייערלעך פון אַ היפּנאָטיקער. פון זיינע אויפגעשוואָלענע ליפּן זיינען טייל מאָל געפאַלן טרייסט־ווערטער ווי ביי אַן אָפּשפּרעכער און טייל מאָל פלוך־רייד ווי ביי אַ מכשף.

ד"ר פּינעטאָס קאַבינעט איז געווען דאָס הויז פון גערעכטיקייט, אַ שטוב, וווּ מען טיילט אויס דעם גערעכטן זיין שכר און דעם רשע זיין שטראָף. ער האָט זיינע פּאַציענטן איינגעטיילט אין קאַטעגאָריעס. פון די אָרעמע, דערשלאָגענע און דורכגעפאַלענע האָט ער נישט גענומען באַצאָלט. אָבער פון די שיכורים, הולטאַיעס און פערד־שפּילער האָט ער געשונדן די הויט. ער האָט נישט געהאַט קיין איינזען פאַר פוילנצער און קיין וואָך אויער פאַר אַרומשלעפּערס.

די איינוווינער פון וויליאַמסבורג האָבן געוווּסט צו דער־ציילן, אַז דאָקטאר פּינעטאָ פאַרמאָגט זעק מיט געלט, אַז ער איז קורח־רייך. שכנים פון די אַרומיקע גאַסן האָבן זיך געשושקעט, אַז דער דאָקטאר איז אַ לויזער כאַראַקטער — ער זוכט ווייסקי און שפּילט פּאָקער אין די הינטער־שטובן פון די סאַלונען. זיינע אָנהענגערס האָבן פאַרענטפערט זיין צייט־פאַרטרייב אין די שענקען מיט דעם וואָס ער איז פאַרלייידיק, אָן ווייב, אָן קינד, און פּינעטאָ איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיינע

---

***

טעג און נעכט בלענדט אויף מיר מיין
    ראָז פּאַפּיר,
בינד איך אויף דעם מיינע סטויגלעך לידער;
עלעהיי אַ זיסקרעפּטיק עליקסיר,
וואָס קוועלן אָן מיינע מוסקלען גלידער!

און קיין שום טאָג פאַרמעג טאָר ניט
    סתם פאַרגיין —
נאָך יעדן ליד מוז נאָך אַ ליד געבוירן;
זאָל זיין פון לקט — אויב איר ווילט
    פאַרשטיין...
נאָר פאָרט — ווערט אין מיר עפּעס פאַרלוירן.

רבחה קאָפּע

פּאַציענטן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך צו לאָזן פאַרווײלן פון פרויען.

ווען ער איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר, האָט אין אים זיך פאַרליבט עוועלין, אַ רײַכע פּאַציענטקע, די טאָכטער פון אַ באַנקיר. זי האָט געליטן פון האַלוצינאַציעס און געזען חלומות אויף דער וואָר. ד״ר פינעטאַ האָט זי געהאַלטן פאַר אַ פּסיכאָפּאַט. אָבער גלייך נאָך דער פאַרליבעניש איז זי אויסקורירט געוואָרן פון אירע ווילדע זעונגען. די קראַנקייט איז ווי מיט אַ צויבער־האַנט אָפּגעשווישט געוואָרן. עוועלין האָט זיך אונטערגעגעבן דעם דאָקטאָרס פאַרפירערישע אויגן און געוואָרנט דעם פאָטער, אַז זי וועט זיך נעמען דאָס לעבן, אויב פינעטאַ וועט מיט איר נישט חתונה האָבן. דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן און דער באַנקיר האָט צוגעזאָגט אויסצובויען פאַר אים אַ סאַנאַטאָריום, ווו ער וועט קענען אויפנעמען פּאַציענטן פון אַלע פופציק שטאַטן.

פינעטאַ האָט זיך געלאָזט איבעררײדן, אָבער אין יענעם טאָג, ווען די חופּה־שטאַנגען האָבן אויף אים געוואַרט, האָט מען אים אָרויסגערופן אַזש קיין ווירדזשיניע צו אַ שלאָף נעגער־קינד. דער דאָקטאָר איז אָפּגעפאָרן אַ מהלך פון קנאַפּע דריי הונדערט מייל. די פאַרשעמטע כלה האָט אויגנבליקלעך צוריקגעקראָגן אירע האַלוצינאַציעס. דער פאָטער האָט צעטריבן די חתונה־געסט און די פאַרבעטענע משפּחה געלאָזט וויסן, אַז אַ חתן, ביי וועמען אַ שלאָף בעגער־קינד איז בילכער ווי זיין אייגענע חתונה, וועט אומגליקלעך מאַכן זיין טאָכטער. דאָקטאָר פינעטאַ איז ווייטער געבליבן פרייליידיק. אין זיין פרייער צייט האָט ער געזופּט וויסקי און געשפּילט פּאָוקער אין די הינטער־שטובן פון די סאַלונען.

פון יאָרן־לאַנג טראַכטן אין טערמינען פון אַנאַטאָמיע, האָט דאָקטאָר פינעטאַ זיך זעלטן דערמאָנט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אַ ייד. כאָטש די קוואַרטאַלן פון וויליאַמסבורג זיינען געווען פול מיט שולן און ישיבות, האָט ער קיין מאָל, אַפילו אויס נייגעריקייט, נישט אַריינגעשטעלט אַ פוס אין גאָטס הויז. פון זיין פאָטער, אַ סאַלאָניקער אימיגראַנט, וואָס האָט געלאַנדעט אין וויליאַמסבורג מיט זעכציק יאָר פרייער, האָט ער זיך דערוווּסט נאָך קליינערהייט, אַז יידן זיינען אַ געיאָגט פאָלק, אַז פונקט ווי די ערשטע פּיאָנערן, די פּוריטאַנער, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אין דער נייער וועלט איבער רעליגיעזע רדיפות, אַזוי שיפלען זיך אויך יידן אויף אַלע זיבן ימען, נאָכן אַנטלויפן פון פאַרפאָלגונגען.

ווען פינעטאַ איז עלטער געוואָרן, האָט ער אויסגעפונען, אַז די פאַרפאָלגונגען האַלטן אָן זינט פעלקער האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרופּירן. און דאָס האָט אים געשטויסן נאָכצוקוקן דעם רעקאָרד פון זיין שטאַם, ווי עס קוקט נאָך אַ דאָקטאָר דעם רעקאָרד פון זיין כראָנישן פּאַציענט. ווען דער לאַנגער רעקאָרד — פון דעם ביבלישן עמלק ביז די צאַרן אין רוסלאַנד — האָט געוויזן הריגות, בלוט־בילבולים און אינקוויזיציעס, האָט דאָקטאָר פינעטאַ באַרעכטיקט זיין פאָטערס אַנטלויפן פון סאַלאָניקי, זיין ווילן צו ראַטעווען די אייגענע פעל.

אויס איינזעעניש צו זיין געפייניקטן שטאַם האָט פינעטאַ מיט יאָרן שפּעטער גענומען אַריינקוקן אין די וויליאַמסבורגער שולן צוויי מאָל אַ יאָר, יום־כּיפּור צו כל נדרי און שמחת תורה צו הקפות.

די פּאַציענטן פון וויליאַמסבורג האָבן געזען ווי זייער דאָקטאָר עלטערט זיך. זיינע שוואַרצע פּאַסמעס האָר ווערן געפלעקט מיט גרויע בינטלעך. די היפּנאָטישע פייערלעך אין די אויגן פלעמלען נישט מער. אָבער מיט יעדן יאָר וואָס ער איז עלטער געוואָרן, איז זיין רירעווידיקייט פון אים נישט אָפּגעטראָטן. צוזאַמען מיט דער רירעוודיקייט זיינען געבליבן די פליכטן. די פּאַציענטן האָבן אים געבענטשט פאַר זיין איינזעעניש צום ליידנדיקן מענטש.

שלאָקס־רעגנס און שטורעם־ווינטן האָבן אים נישט צוריקגעהאַלטן פון ווייטע רייזעס. שנייען און זאַווערוכעס האָבן נישט פאַרשטעלט דעם וועג. ער האָט געקענט אויפשטיין אין מיטן אַ פראָסטיקער נאַכט און נעמען טרייבן זיין אויטאָמאָביל אַכציק

מייל ווײַט, כדי צו באַרויקן אַ היסטערישע פרוי, כדי צוריקצוברענגען צום לעבן אַ דערשטיקט קינד, אָדער צו וואַשן די ווונדן פון אַ צעשלאָגענעם האָבאָ־יונג.

פינעטאָ איז נישט געווען קיין טרוקענער מעדיקער. פאַר אים זײַנען נישט געווען גענוג די קאַלטע מעדיצינישע פאָרמולעס. דער פּאַציענט איז מער ווי אַן אַנאַטאָמיש וועזן. ער איז אַ פּסיכישער אינדיווידיום, וואָס גיט זיך אונטער אַלע אַנאַליטישע קאַלקולאַציעס.

אויב פאַר אָרעמע און קראַנקע האָט פינעטאָ געהאַט בלויז איינזעעניש, האָט ער פאַר פאַרמעגלעכע חולאים אַרויסגעוויזן ווידערווילן. שפּעטער איז דער ווידערווילן איבערגעגאַנגען אין אַ פײַנטשאַפט. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן די חולאים צווישן די אַרויפגעאַרבעטע גבירים ווײַטער אָפּצושלאָגן זײַן טיר. פאַרשלעפּטע היפּאָכאָנדריקער, וואָס האָבן אַ לעבן לאַנג זיך אַרומגעטראָגן מיט זייערע מיחושים און געהאַט אויפגעגעבן די האָפענונג זיך אויסצוקורירן, דווקא זיי האָבן רעקאָמענדירט פּאַציענטן צו דעם וויליאַמסבורגער בייזן דאָקטאָר. עס האָט זיי אימפּאָנירט פינעטאָס שטייפע האַלטונג, זײַן שטרענגקייט, זײַן יאַדען דעם פּאַציענט, און פינעטאָ האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די רײַכע באַזוכער. אויב ער האָט פון אַ קראַנקן גביר בלויז חוזק געמאַכט און אים אויסגערעדט, אַז ער איז אַ פּאַראַזיט, אַ באַציל, האָט ער בײַ אַ נגיד, אַ יורד, געמיַרייבערט די אָדערן, ווי ער וואָלט דערלעבט אַ פּערזענלעכע נקמה.

אין 1929, נאָכן קראַך אויף וואָל סטריט, האָבן רויִנירטע מאַגנאַטן געקראָגן האַרץ־פעלערס און פאַרשטייפטע אָדערן. טייל האָבן זיך געוואָרפן פון די וואָלקנקראַצערס, די דורכגעפאַלענע זעלבסטמערדערס זײַנען געקומען אין פינעטאָס קאַבינעט אויף היפּנאָטישע אָבסערוואַציעס. דער דאָקטאָר האָט זיי אויפגענומען איינעם בײַ איינעם מיט טייוולאָנישן געלעכטער. אין זײַנע אויגן האָבן זיך געטובלט שדימלעך. ער האָט זיך גערייצט מיט יעדן קרבן.

— אַ נישט־געלונגענע רייזע אין הימל אַרײַן, וואָס? אַן אײַנגעשרומפּענער מאַגנאַט, וואָס קען נישט אַריבערטראָגן דאָס קייקלען זיך פון באַנקנאָט ראָלן? אַ מענטש קען אויסהאַלטן די יסורים פון אַ קאַנסער, די אַגאָניע פון אַ געהירן־אָנצינדונג, אָבער ער קען נישט אַריבערטראָגן, ווען אַ מיליאָן נעמט איינשרומפּן אויף צוויי מאָל הונדערט טויזנט... פאַר מיר און פאַר יעדן צווייטן אַף גאַס, ווייסט איר וואָס עס מיינט צוויי מאָל הונדערט טויזנט? עס מיינט דאָס צוגעזאָגטע לאַנד מיט רוישנדיקע אָרקעסטערס אויף יעדן סקווער... ס'מיינט טאַנצנדיקע ווײַבער אין די האַרעמס... ס'מיינט אַ מלכים־ידיד אויף דער ערד... און פאַר אײַך? וואָס מיינען צוויי מאָל הונדערט טויזנט? דאָס אַראָפּזינקען צום שטאַנד פון אַ קלאָון, וואָס ציט זײַן הוט צו די מײַז אין צירק...

צו זעכציק יאָר האָט דאָקטאָר פינעטאָ גענומען לײַדן אויף די ניִרן. ער איז געוואָרן אַ הויז־זיצער, מער נישט געטרונקען אין די הינטער־שטובן פון די סאַלונען און זעלטענער געפאָרן צו פּאַציענטן אויסער ניו־יאָרק. די ווינטער־אָוונטן האָט ער פאַרבראַכט אין זײַן ביבליאָטעק. ער האָט געוואַרעמט די פיס בײַם קאַמין, מאַסאַזשירט זײַנע געלענקען און געלייענט דעטעקטיוו־געשיכטעס.

איין יאָר איז פאַרבײַ, אַ צווייט יאָר, אַ דריטס. דער באַגער נאָך רו, וואָס קומט אויף דער עלטער, האָט זיך צעלייגט איבער אַלע זײַנע ביינער. דער דאָקטאָר איז ווײַטער געזעסן בײַם קאַמין. ער האָט מיט ערפורכט געקוקט אויף לינקאָלנס פּאָרטרעט איבער דער ביכער־וואַרשטע, און געקומען צום אויספיר, אַז דער זעכצנטער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט נישט בלויז באַפרײַט די נעגערס, נאָר אויך אָפּגעווישט די בושה פון דעם ווײַסן מענטש.

## .2

דער פרילינג האָט אַרײַנגעפּראַלט אין דעם דאָקטאָרס קאַבינעט מיט זשמעניעס ליכט. די ענגע קוואַרטאַלן פון וויליאַמסבורג האָבן אויסגעזען ווי צעעפנטע פּעסטונגען. דער רוישיקער גאַסן־פאַרקער האָט אויסגעשפּילט ריטמישע מעלאָדיעס.

פֿאַרבייגייער האָבן זיך געוויגט ווי אין אַ טאַנץ. די לופֿט איז פֿול געווען מיט בלויער הימל־פֿרייד.

דאָקטאָר פּינעטאָ האָט צווישן די אויפֿנעם־שעהן גענאַשט שטיקער זון. ער האָט געוואַרעמט זיינע פּלייצעס אויף די פּאַרקבענק. ווען ער איז איין מאָל צוריקגעקומען פֿון אַ טעגלעכן זון־שפּאַציר, האָט ער געטראָפֿן אין זיין קאַבינעט וואַרטן אַ האַלב־געלינטשטן נעגער. צוויי יונגען האָבן אים געבראַכט פֿון אַ שענק הינטער דער בריק. ער איז זיך באַגאַנגען פֿרעך מיט אַ ווייסער גאַסן־פֿרוי. די שטראָף, וואָס די ווייסע שיכורים האָבן אים צוגעטיילט, איז געווען שווערע לינטש־ווונדן.

דער נעגער איז געווען אַזוי צעממיתט, אַז דער דאָקטאָר האָט אים צוריק געוועקט צום לעבן דורך אַריינפּאָמפּען קינסטלעך לופֿט און געבן איינשפּריצונגען. זיין קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט ביילן, גרויס ווי פּויסטן. די ריפּן אונטערגעהאַקט און פֿון די גראָבע מויל־ווינקלען זיינען גערונען בלוט־שנירלעך. ביים לייגן די באַנדאַזשן האָט דאָקטאָר פּינעטאָ געביטן זיין מיינונג. לינקאָלן האָט נישט אָפּגעווישט די בושה, די חרפּה לעבט אין יעדן ווייסן. זי לעסטערט דאָס באַשעפֿעניש, וואָס הייסט מענטש.

איין עוולה האָט געבראַכט אויפֿן זכרון אַן אַנדער עוולה. איין אומרעכט האָט אַרויסגערופֿן אַ צווייטע און דאָקטאָר פּינעטאָ האָט מיט אַ מאָל זיך אַרומגעזען, אַז דער מענטשלעכער באַרבאַריזם טראָגט זיך ווי אַ בראַנד־פֿייער איבער דער וועלט.

אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט אין דאָקטאָרס טיר געקלונגען אַן עלטערער פּאַציענט. דאָקטאָר פּינעטאָ, וואָס האָט יאָרןלאַנג געוואַשן די ווונדן אויף שוואַרצער הויט, אויף ווייסער הויט, האָט איצט אויפֿגענומען דעם ווייסן פּאַציענט מיט דעם פּאַרדרוס, ווי מען נעמט אויף אַ ברודער, מיט וועמען מען שעמט זיך אין דער משפּחה.

דער פּאַציענט איז געווען אַן אויסגעצערט מענטשל מיט אַ קעפּער וואָס האַלט אין איין איינלויפֿן. זיין וואַקסן פּנים איז געווען פֿול מיט גערונצלטע טאָרבעלעך. ער האָט זיך באַקלאָגט אויף דער לעבער, אויף דער גאַל, אויף שלאָפֿלאָזיקייט. ער איז געווען פֿול מיט מיחושים. זיין געזונט איז געווען צעלעכערט ווי אַ זיפּ.

דאָקטאָר פּינעטאָ האָט אים באַטראַכט ווי אַ גזלן באַטראַכט זיין קרבן. נאָכן צולייגן די האַרץ־טרייבלעך, נאָכן מעסטן דעם בלוט־דרוק, האָט ער דעם איינגעשרומפּענעם פּאַציענט אַרויפֿגעשטעלט אויף דער וואָג. דער פֿאַרלוסט פֿון געוויכט איז געווען פֿערציק פֿונט. דער דאָקטאָר איז נישט געווען איבערראַשט. ער איז געקומען צום אויספֿיר, אַז עס איז נישט קיין פֿיזישער פֿאַרלוסט, דאָס איז אַ פֿאַרלוסט פֿון לעבנס־ווילן, דער פּאַציענט איז אַ פּסיכאָפּאַט.

ער האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ ראָדשטול, האַסטיק אָנגעשטעלט זיין בליקלעמפּל אויף די געלבלעכע ווייסל־אויגן און געפֿרעגט:

— וואָס איז אייער באַשעפֿטיקונג?

— כ'האָב זיך צוריקגעצויגן פֿון באַשעפֿטיקונג.

— אַ לײדיקגייער? שלעכט! אַקטיוויטעט וואָלט אייך צוריקגעשטעלט אויף די פֿיס.

— כ'בין געווען אַקטיוו דריי און דרייסיק יאָר — האָט דער פּאַציענט זיך פֿאַרענטפֿערט.

— ווי אַלט זייט איר?

— צוויי און זעכציק.

— איר ליידט פֿון וואַניטאַס וואַניטאַטיס! — האָט דער דאָקטאָר אַרויסגעזאָגט די ווערטער שטרענג, ווי אַן אורטייל.

— איז דאָס ערנסט?

— ס'איז געפֿערלעך.

— אַן אָפּעראַציע? מען וועט דאַרפֿן שניידן?

— צום באַדויערן, כירורגיע איז אומבאַהאָלפֿן קעגן דער אָנשיקעניש — האָט דער דאָקטאָר פּענעטאָ זיך פֿאַרקרימט — ס'איז אַ גייסטיקע קראַנקייט, אַ קראַנקייט וואָס קומט פֿון צופֿיל וווילטאָג. אַפּאַטיע און וווילשטאַנד זיינען די וואָרצלען. מען רופֿט זי שלמה המלך קראַנקייט. דער הבל־הבלים־קאָמפּלעקס.

דער פּאַציענט האָט געקוקט אויפֿן דאָקטאָר. אין זיינע שטרענגע אויגן האָבן זיך געטובלט שדימלעך. ביים ריידן האָבן די

בריטע אַנטשלאָסענע ליפּן זיך געבלעזלט, די שלייפן האָבן געצוקט און דאָס פּנים פון אַ היילער, וואָס האָט געזאָלט אָניאָגן טרייסט, האָט אָנגעוואָרפן מורא.

— און שלמה המלך איז געשטאָרבן פון דער קראַנקייט? — איז דער פּאַציענט געוואָרן נייגעריק.

— אפשר. די פּאַרצייטיקע מעדיקער האָבן נישט געפירט קיין רעקאָרד פון זייערע פּאַציענטן.

דער פּאַציענט האָט אַ בליק געטאָן אויפן דאָקטאר מיט ביטול. אַרום זיינע ליפּן־ווינקלען האָט זיך געשנירלט אַ לוס־טיקער גרימאַס. אין יענער רגע האָבן דעם דאָקטארס קענטעלישן נישט געהאַט קיין האַפט. זיין געניטשאַפט ביים שטעלן די דיאַגנאָז איז געווען אויסגערונען. ער האָט נישט געקוקט אויף פּינעטאָן, ווי עס קוקט אַ פּאַציענט אויף אַ דאָקטאר, נאָר ווי אַ דורכגעטריבענער פּאָלעמיקער, וואָס גייט באַזיגן זיין אָפּאָנענט. ער האָט זיך צעלאַכט:

— איך קען יאָ דעם רעקאָרד פון שלמה המלך. כ'ווייס נישט צי דער קלוגער מאָנאַרך האָט אויף דער עלטער פאַרלוירן וואָג, נישט געשלאָפן קיין נעכט אָדער געטריבן געוואָרן צו משוגעת. כ'ווייס אָבער, אַז ער איז געשטאָרבן צו 94 יאָר.

— די ביבל האָט דאָס נישט רעגיסטרירט — האָט פּינעטאָ זיך אַ בייזער געטאָן.

— יאָזעפוס פלאַוויוס איז געווען אַ גוטער בוכהאַלטער. אין זיינע ביכער איז אַלץ פאַרצייכנט — האָט דער פּאַציענט אַ געשטאַרקטער, ווי ער וואָלט אָנגעשעפּט גבורה, זיך אויפגעשטעלט, בעת די געלבלעכע אויגן האָבן קרענקלעך געשפּאַסט — איך האָב נאָך לאַנג צו שפּאַנען, דאָקטאר, אַ גאַנג פון העכער דרייסיק יאָר...

— די מעדיצין קען דאָס נישט גאַראַנטירן — האָט פּינעטאָ געברומט און אַן אָנגעדראָלטער גענומען שפּרייזן איבערן קאַבינעט — ייִנגערע פון איך זיינען פון וואַניטאַס וואַניטאַטיס אומגעקומען... זיי זיינען נישט געשטאָרבן נאַטירלעך, זיי האָבן זיך גענומען דאָס לעבן. ס'איז קיין אונטערשייד נישט! די פּאַ צווייפלונג טוט אַזאַ טויט געבוירן. אַז אַ מענטש ווערט צו דעם חשק צו לעבן, פאַרלירט דער גאַנצער באַשאַף אַרום אים יעדע ווערט. די וועלט איז פול מיט פּסיכאָפּאַטן... ווען איר זאָלט האָבן אַ געשוויר אין אינגעווייד, וואָלט איך אייך נישט אָפּערירט, כ'וואָלט זיך נישט צוגערירט צו די כירורגישע אינסטרומענטן. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל עס פעלט אייך וויטאַליטעט. ס'פעלט אייך לעבנס־ווילן בייצוקומען אַן אָפּעראַציע. אפילו בלוט־טראַנספוזיעס קענען נישט ראַטעווען אַזעלכע קראַנקע. זיי כאַפּן זיך מער נישט אויף פון דער אַנעסטעזיע.

— איר רעדט פון מענטשן מיט שוואַכע הערצער, דאָקטאר — האָט דער פּאַציענט אים איבערגעשלאָגן.

און ווי לאַנג קען אייער האַרץ שלעפּן דעם גוף? דאָס נישט שלאָפן, דאָס פאַרלירן וואָג, שטעלט אָפּ דעם האַרץ־מאָטאָר פּונקט ווי אַן אויסגעליידיקטע גאַזאָלינבאַנקע פאַרהאַלט דעם לויפנדיקן אויטאָמאָביל. שלאָף־פּילן וועלן אייך הרגענען. כ'גיב נישט קיין מעדיצינען! פאַר צווייפלער און אַפּאַטיקער זיינען רעצעפּטן קיין הילף נישט. אַ מענטש אין אייערע יאָרן דאַרף זיין אָנגעלאָדן מיט באַגערן, מיט גלוסטענישן. וואָס טוט איר אויפצוהאַלטן אייערע מינימאַלסטע אַמביציעס? אפילו אַ ליידיקגייער האָט זיינע פאַרלאַנגען. שפּילט איר אין קאָרטן? יאָגט איר זיך נאָך פרויען? שטעלט איר איין אויף אַ פערד־געלויף?

בעת דער דאָקטאר האָט געשפּרייזט איבערן קאַבינעט, האָט ביים פּאַציענט די אָנגעשעפּטע גבורה זיך אָפּגעטאָן. אויף זיין שטערן האָבן אויסגעשלאָגן אַנגסטן. די שפּאַסיקע ספּאַזמען אין די אויגן זיינען געווען פאַרווישט. דער לוסטיקער גרימאַס אַרום די ליפּן־ווינקלען איז איינגעלאָפן. זיינע אויערן האָבן ווי שוואָמען איינגעזאַפּט דעם דאָקטארס אָנקלאַגעס. ער האָט זיך געקרעקט מיט ווערטער.

— אַמביציעס און באַגערן האָב איך געהאַט אין די דרייסיקער, דאָקטאר, געהאַט זיי צופיל. כ'האָב געהאַט גענוג באַגערן פאַר צוויי לעבנס. איצט בין איך אַ צוריקגעצויגענער ביזנעסמאַן...

— אַ צוריקגעצויגענער ביזנעסמאַן איז פּאַסיוו ווי אַ פּאַראַזיט. ער האַלט אין איין באָרגן, אָבער ער באַשטייערט זיך צו קיין

זאַך נישט. און די נאַטור האָט אייזערנע געזעצן. יעדעס באַשעפעניש דאַרף אַריינטראָגן אַ חלק אין דעם נאַטור־קעניגרייך. ווען איר זאָלט דאַרפן אויף ברויט, ראַנגלען זיך, דערשלאָגן זיך צו אַ שטאַנד, וואָלט איר געגעסן ווי אַן אָקס און געשלאָפן ווי אַ בער. איר זייט הינטערשטעליק מיט פערציק פונט. אַזאַ וואָגפאַרלוסט מאַכט חרוב דעם קערפּער. ליידיקגייערס ווי איר דערמאָנען אָן חיהלעך, וואָס וואַקסן אויף אַ ווילדן פאַרם. דאָרט כאָוועט זיי זיך אויף אַ שטיינערנעם באָדן. זיי פירן מלחמות מיט אינזעקטן, מיט ווערים, זיי שלאָגן זיך פאַר שפּייז. נעמט מען די פאַרהאָרעוועטע חיהלעך און מען באַזעצט זיי אין אַ גאָרטן, אויף פעטער ערד. ווייסט איר וואָס עס פּאַסירט מיט זיי? זיי הייבן אָן קרענקען, ווערן שווינדזיכטיק, אַ מגפה באַפאַלט זיי און זיי שטאַרבן אויס.

דער פּאַציענט האָט לאַנגזאַם זיך אַרויסגעהויבן פון זיין שטול. זיין אויסגעצערטער קערפּער האָט זיך גענומען שטרעקן, ציען, ווי ער וואָלט מיט אַ מאָל צוריק אַרויפגענומען די פאַרלוירענע וואָג. דאָס איינגעפאַלענע פּנים האָט אָנגעטאָן אַ גרימצאָרן, ער האָט צונויפגעביילט די פויסטן און זיך דערנענטערט צו פּינעטאָן מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו וואַרפן אויף אים.

— דאָקטאָר, דאָס איז אַ גרויזאַמער אורטייל! וואָס קען איך טאָן אויסצומיידן אַזאַ שווינדזיכטיקן טויט?

— איר זייט פאַרהייראַט?

— כ'בין אַן אַלמן.

— קינדער?

— איין טאָכטער.

— האָט חתונה!

— איר זייט וווּלגאַר, דאָקטאָר.

— אַ דאָקטאָר איז קיינמאָל נישט וווּלגאַר מיט זיין פּאַציענט. זיין עצה איז אַ געבאָט, וואָס מען מוז אויספאָלגן. און אויב איר קענט זיך אַליין נישט באַזאָרגן אַ פרוי, זאָל אייער טאָכטער דאָס פאַר אייך געפינען.

— מיין טאָכטער קען פאַר מיר קויפן העמדער, פּידזשאַמעס. זי קען פירן אַ קיך, אָבער קען נישט קויפן אַ ווייב. איבעריקנס, זי אַליין וויל אויך נישט חתונה האָבן...

— זי וויל נישט?

— זי איז גערעכט! — האָט דער פּאַציענט אַ געשריי געטאָן — צו וואָס חתונה האָבן און געבוירן קינדער פאַר מלחמות? זאָל זי געבוירן פליער צו וואַרפן באָמבעס? מאַטראָזן צו זינקען שיפן? טאַנקטרייבער חרוב צו מאַכן שטעט?

דאָקטאָר פּינעטאָ האָט גענומען לויפן איבערן קאַבינעט ווי איבער אַ שטייג.

— איר זעט? אפילו אייער קינד האָט איר אָנגעשטעקט מיט וואַניטאַטיס. איר זייט אַ געפערלעכער מיקראָבן־טרעגער. איר טראָגט אין זיך גיפטיקע באַצילן. איר פאַרסמט דעם באַשאַף אַרום... אַ געשמאַפּטער אַראָגאַנט זייט איר, אַ דעפעטיסט! און דעפעטיסטן האָבן פיינט דעם מענטשלעכן מין; פאַרגעסט אייער קורצן אָטעם, פאַרגעסט אייערע נירן, אייערע גאַל־שטיינער. ס'איז דאָ איין מיטל ווי אייך צו היילן...

— וואָס?

— ווישט אָפּ די בושה פונעם ווייסן מענטש.

דער פּאַציענט האָט געגאַפט אויפן דאָקטאָר, וואָס איז געלאָפן אַ צעדרודערטער איבערן קאַבינעט און אַרויסגעלאָזט ברומענישן, ווי ער וואָלט געפירט אַ שטרייט מיט זיך אַליין. אין זיינע אויגן האָבן געפלעמלט היפּנאָטישע פייערלעך. דער ביטער שטערן איז געווען פאַרוואָלקנט ווי ביי אַ מעלאַנכאָליקער. די נאָזלעכער האָבן געשיפּעט. איבערן שאַרבן האָט אַ שיטערער קנויל האָר זיך צעבאַרשט ווי די פעל פון אַ יאָזש. פּינעטאָ איז שטיין געבליבן ביים פּאַציענט און געשריען:

— איר זייט אַ צוריקגעצויגענער געשעפטסמאַן, אַ מידער בעל־תאווה, אַן אויסגעשעפּטער יעגער נאָך באַזיץ. אַלע ווייסן אַז מידע צוריקגעצויגענע געשעפטסלייט זיינען איינגעשטאָפּט מיט געלט. ס'אַן אומגליק! מיט כבוד זייט איר זאַט. מיט אייגנטום באַלאָדן. דער וווילשטאַנד איז פאַר אייך אַ לאַסט. די שפּע דריקט, טאָ ווערט אַ פילאַנטראָפּ! וואַרפט נישט קיין געלט פאַר שולן אָדער קירכעס, שענקט גאָרנישט די הימל־פּאַרטרעטערס.

דאָ, אויף דער ערד דרייען זיך אַרום מענטשן מיט פאַרביקע הויטן, ווי קאָלירטע פייגל. זיי שניידן די גאָרגלען איינער ביים אַנדערן... דער ווייסער רודפט דעם שוואַרצן, ר׳לינטשט אים, ר׳קען אים נישט שענקען זיין טונקעלע הויט. די קנעכט פון כנען זיינען געווען פרינצן אין פאַרגלייך מיט די קאָלירטע ברידער אין דער סאַוט... לינקאָלן האָט באַפרייט די שקלאַפן — ער האָט אָבער נישט אָפגעראַמט די שקלאַפן־טרייבער. אין יעדן ווייסן עושר לעבט אַ שקלאַפן־יעגער. וואָס דאַרפט איר שטאַרבן רייך? באַשטייערט אייער געלט אויף צו פאַרטרייבן די שקלאַפן־יעגערס. אייער לעבנס־שפאַן איז קורץ, קויפט אויס דאָס אומזיניקע רעשטל יאָרן דורך פילאַנטראָפיע. ווישט אָפ די בושה פון ווייסן מענטש.

דעם דאָקטאָרס געשרייען האָבן דעם איינגעשרומפענעם פאַציענט געטריבן צום אַרויסגאַנג. ער האָט אין צעטומלעניש פאַרריכט אויף זיך די צעקנעפלטע קליידער, פלינק אַרויסגעלאָפן און געלאָזט הינטער דער פאַרהאַקטער טיר דעם הויכן, קנאָכיקן דאָקטאָר.

פינעטאָ האָט אַ צערודערטער געשטעלט איבערן קאַבינעט לאַנגע, שטייפע שפרייזן. פון זיינע ליפן זיינען נישט געפאַלן קיין טרייסט־ווערטער פון אַ היילער, נאָר פלוך־רייד פון אַ כישוף־מאַכער.

## 3.

ד״ר פינעטאָ איז געוואָרן אַלץ מער איבערקלייבעריש. ער האָט געזיפט זיינע פאַציענטן דורך די פינגער. האָט אַ קראַנקער געוועקט זיין מיטלייד, האָט ער נישט בלויז פאַר אים געשריבן רעצעפטן, נאָר אויך געעפנט פאַר אים די טיר פון זיין וועלט, און דערציילט וועגן די לעצטע לאַבאָראַטאָריע וווּנדער, וועגן הייל־עקספערימענטן. פינעטאָ האָט אַראָפגענומען די שלעסער פון זיינע מעדיצינישע אַנטיקוואַרן. ער האָט ליב געהאַט פאַציענטן, שווייגערס; די טומלערס האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. באַרײדעוודיקע חולאים, וואָס האָבן געהאַט פולע מיילער רייד וועגן זייערע מיחושים, האָט ער אַרויסגעוואָרפן פון קאַבינעט.

פינעטאָ האָט זעלטן אַריינגעקוקט אין מעדיצינישע ביכער און אָפט איבערגעמישט געשיכטע־בלעטער. זיינע אויסדערוויילטע קאַפיטלעך זיינען געווען וועגן דעם קאַמף אַרום די ראַסן־דיסקרימינאַציעס אין די דרום־שטאַטן פאַרן בירגערקריג. ער האָט באַדויערט, וואָס לינקאָלן האָט נישט פאַרענדיקט זיין מיסיע און איז אַריין אין דער געשיכטע ווי אַן אַראָפגעשאָסענער אָדלער, ווען אין דער אמתן האָט ער זיך באַוויזן ווי אַ נייער לוחות־טרעגער.

פינעטאָ האָט נישט געהאַלטן פאַר איבערטריבן, וואָס נאָך דער נעגער־עמאַנציפאַציע האָט דאָס קאָלירטע פאָלק געקוקט אויף לינקאָלנען ווי אויף משהן. משה האָט אַראָפגעבראַכט די געבאָטן פון די וואָלקנס און לינקאָלן האָט זיי פאַנאַנדערגעטראָגן איבער דער ערד.

אין יעדן מענטש ליגט אַ באַשיידענער מלאך. ער ווערט אָבער פאַרשטעלט פונעם גלוסטיקן רשע. דער ווייסער מענטש דאַרף אין זיך דערשטיקן דעם מאַכט־יעגער וואָס וויל געוועלטיקן. אויב ברידערלעכקייט איז פאַר מיליאָן איגנאָראַנטן אַ פוסטע פראַזע, אַ נאַקעטע טעאָריע, וועט ער, פינעטאָ, די טעאָריע פאַרוואַנדלען אין אַ טעגלעכער טואונג.

פינעטאָס באַשלוס האָט געבוירן טאַטן. דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן, ער האָט אַרויסגעהאָנגען איבערן פראָנט־אַריינגאַנג אַ נייעם שילד מיט פעטער רויטער שריפט. די שילד האָט זיך געלייענט:

ד״ר וויליאַם פינעטאָ
אַ פריינד צו די פריינדלאָזע
אַ היילער צו די אומהיילבאַרע
נעגער־פאַציענטן — געוווּנטשן.

אינעווייניק, אין טרעפן־הויז אויף דעם שטיינערנעם דיל איז געווען איינגעפאַסט אין אַ ראַם אַ צווייט שילדל מיט אַן אויפגעמאָלענער פייל, וואָס האָט ווי אַ ווייזער געטייטלט אַרויף:

ד״ר וויליאַם פינעטאָ
זיין קאַבינעט — אויבן!

דאָקטאָר פינעטאָס טירן האָבן נישט גערוט. פאַרגעסענע בלינדע און טויבע,

פאַרשטויסענע לאַמע און קרעציקע, פאַר־
נאַכלעסיקטע לעבער־קראַנקע און פאַר־
לאָזטע קענסער־פּאַציענטן — אַלע האָבן
געשטראָמט צום רחמנות־דאָקטאָר אויף
מייפּל סטריט.

די קריפּלס האָבן זיך געצויגן איבער
פינעטאַס טרעפּ ווי אַ קאַוואַלקאַדע; דער
דאָקטאָר איז געווען מיד און אויסגעשעפּט.
ער האָט אָנגעשטעלט צוויי שוואַרץ־הויטי־
קע קראַנקן־שוועסטער. פינעטאַס נאָמען
האָט מען געטראָגן אויף די ליפּן, נישט
בלויז צווישן די נעגערס אין וויליאַמס־
בורג, נישט בלויז אין די שכנותדיקע
קוואַרטאַלן, נאָר ווייט אַריבער יענער זייט
בריק. דאָס קאָלירטע פאָלק האָט געקוקט
אויף אים ווי אויף אַ געטלעכן מאַן און
דער מידער דאָקטאָר האָט אָפּגעצאָלט
פאַר זייער צוטרוי מיט גרויסמוט.

4.

בעת פינעטאַ איז געווען פאַרנומען מיט
טראָגן היילונג צו זיינע אויסדערוויילטע
פּאַציענטן, האָט אין איינעם אַ טאָג אין
זיין קאַבינעט זיך באַוויזן אַ געבויגענע
זקנה. זי האָט זיך באַקלאָגט אויף הויכן
בלוט־דרוק.

פינעטאַ האָט געקענט די אַלטיטשקע.
ס'איז געווען די ליידי פּאַטרישאַ. פון די
פּלוידערזעק פון וויליאַמסבורג האָט ער
זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַן אַלמנה מיט
אַ גרויסער ירושה. אין פאַרלויף פון יאָרן
האָט די זקנה נאָכאַנאַנד אָפּגעצערט. די
ירושה האָט געשימלט, און מענטשן נישט־
פאַרגינערס האָבן זי גערופן: „די קאַרגע
ליידי פּאַטרישאַ". די זקנה האָט געשפּעט
פון די בייזע צינגער. זי האָט נישט גע־
רעדט מיט קיין מענטשן. זי האָט זיך
אויסגעטענהט מיט איר גרויסן הונט. אויף
איר צעקנייטשטן קערפּער האָט זי גע־
טראָגן אָפּגענוצטע קליידער און זיך גע־
שפּייזט מיט אַלטע בייגל און זויערמילך.

פינעטאַ האָט באַמערקט, אַז די זקנה
איז פּלוצים פעט געוואָרן און געטראַכט,
אַז דער גוטער מלאך, וואָס זיצט אין יעדן
ווייסן מענטש נעבן דעם גלוסטיקן רשע,
איז אויסגערונען. זיין קורצע אונטער־
זוכונג האָט באַשטעטיקט אַ הויכן בלוט־
דרוק און געוויזן, אַז זי ליידט פון אַרטע־
ריאָ־סקלעראָזיס. און דאָ זיינען אירע
הענט, אירע היפּטן אָנגעגאָסן ווי ביי אַ
שמאַלץ־גאַנדז.

פון וואָס איז ליידי פּאַטרישאַ פעט גע־
וואָרן? פון קייען טרוקענע בייגל? בייגל
אַנטהאַלטן נישט קיין קאָלעסטאָרעל ווי
פעט פלייש. אירע באַשעדיקטע בלוט־
רערן ווערן שטייפער. זיי נעמען אַריין
דאָס האַרץ ווי אין צוואַנגען. זיי קענען
אָפּשטעלן דעם אָטעם. פאַר איר קען בלויז
זיין איין היילונג, זי זאָל קריגן שמיץ און
אָפּצערן. אפשר וועט דער טייוול פון איר
אַרויס...

אין זיין באַגער צו באַשטראָפן די ווייסע
פרוי, וואָס האָט אויפגעגעסן אין זיך דעם
גוטן מלאך, איז פינעטאַ גרייט געווען זי
אָנצושרעקן, אַז דאָס אָפּגעשוואַכטע האַרץ
איז איינגעקלעמט צווישן די קראַנקע
בלוט־רערן. עס קאָן אַ ליאַדע טאָג פּלאַצן.
זיין מרה־שחורהדיקער שטערן האָט זיך
געוואָלקנט. די היפּנאָטישע פייערלעך אין
זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. די
בייזע ליפּן האָבן געטריבן די זקנה צו
דער טיר.

— איר זייט ווי אַ באָמבע אויפן וואַסער,
ליידי פּאַטרישאַ. היינט קענט איר זיך
לייגן שלאָפן און צומאָרגנס מער נישט
אויפשטיין...

די געבויגענע זקנה האָט אויסגעגלייכט
אירע אַקסלען. פון שנאה איז איר גע־
קאַרבט פּנים אויפגעלאָפן. די ברייטע
הויט־פאַלדן זיינען איינגעשרומפּן. אין די
גרינע אויגן האָבן אויפגעפלאַמט שרפות,
וואָס האָבן פאַרברענט די היפּנאָטישע
פייערלעך אין פינעטאַס בליקן. זי האָט
אַ פּראַל אויף געגעבן די טיר צום אַרויס־
לויפן און זיך צעשריגן:

— אַזוי רעדט דער מלאך־המות, נישט
קיין דאָקטאָר. כ'וועל דיך איבערלעבן,
פאַרשאָלטענער פינעטאַ!

דער מידער דאָקטאָר האָט געלאַכט פון
דער זקנהס קללה. צוויי שעה שפּעטער
האָט ער אַרויסבאַגלייט דעם לעצטן פּאַ־
ציענט און פאַרשלאָסן דעם קאַבינעט.

דעם זעלבן אָוונט האָבן ווייטע, פרעמ־
דע טענער, ווי דינע האַרפּן־קלאַנגען, גע־
פּליסטערט אין פינעטאַס אויערן. ער איז
אַריינגעגאַנגען אין זיין ביבליאָטעק זיך

אַפּרוען. די ביכער אויף די פּאַליצעס האָבן געמורמלט, פון די געליישטע רוקנס האָבן אַראָפּגערעדט מאַגישע שפּרוכן. אין די טונקעלע ווינקלען האָבן זיך געדראַפּעט וויגנדיקע שאָטנס.

פּלוצים האָט פינעטאָ דערשפּירט ווי אַ שניידנדיקער ווייטאָג שטעכט זיינע קריזשעס, דורכנאָך דעם גאַנצן חוט־השדרה. די אַטאַקע האָט אים אַריינגעטריבן אין יסורים. דער דאָקטאָר האָט געליטן קראַמפּן. דער פאַרדאַכט, אַז די וויסקי, וואָס ער האָט יאָרן־לאַנג געזופּט אין די הינטער־שטובן פון די סאַלונען, נעמט אָן אים נקמה, דער פאַרדאַכט האָט אים געצוווּנגען איצט צו טראַכטן וועגן זיין אייגענעם קערפּער אין אַנאַטאָמישע טערמינען. פאַרן שלאָפן גיין האָט פינעטאָ זיך אויסגעטאָן אָדם נאַקעט און גענומען אינווענטאַר פונעם אייגענעם גוף.

ביז פופציק יאָר האָט ער געטראָגן דעם קערפּער ווי מען טראָגט אַ העמדל. אָנגעטאָן און פאַרגעסן. ביי זעכציק האָט ער אָנגעהויבן צו קריגן צוויי יערלעכע פאַרקילונגען, אַרום ניי־יאָר און אין וואַשינגטאָנס געבורטסטאָג, און יעדן קוואַרטאַל זיינען אים אָנגעוואַקסן הינער־אויגן אויף די פיס.

פינעטאָ האָט זיך אַרומגעזען, אַז די אַנטראָפּאָלאָגן זיינען אומגערעכט ווען זיי האַלטן אַז דער מענטש איז די פּערפעקציע, אַז ער איז דער לעצטער שטיין אויף דער פּיראַמידע. הינער ווערן געבוירן לייכטער. טשערעפּאַכעס לעבן לענגער. און אויב עס איז ריכטיק דאָס נאַטור־געזעץ, אַז פונעם ערשטן טאָג, ווען דער מענטש הייבט אָן צו וואַקסן אין דער מוטער־טראַכט ביז צום ראַנד פון זיין קבר — גייט אָן אין זיין קערפּער אַ פּראָצעס פון בויונג און אַ פּראָצעס פון צעשטערונג, איז אויך ריכטיק דער קאַלטער שטיינערנער געזעץ, אַז זיין אַלטער אָפּגעשוואַכטער גוף ווערט חרוב.

פינעטאָ האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן, אַז ער איז אויסגעשפּילט, אַ זיבעציק יאָריקער זקן. צו באַרויקן זיך האָט ער גענומען אַ הייסע וואַנע, געגעבן זיך אַן איינשפּריצונג און אַ מידער זיך געלייגט אין בעט.

די נאַכט, אָנגעלאָדן מיט חלומות, איז אומהיימלעך געהאַנגען איבער וויליאַמסבורג. אין דרויסן האָבן אומרויקע ווינטלעך געגלעט די פאַסאַדן פון געביידעס און געוויגט די ביימער אויף די סקווערן. דאָס קאַלטע לבנה־ליכט האָט געוואַשן די אויסגעלאָשענע פענצטער פון די הייזער. די טונקעלע אָפּגעשוואַנדענע מויערן זיינען געשטאַנען ווי איינגעפרוירענע פּאַלאַצן.

די ווייכע טוי־קילקייט, וואָס פּראַלט אַרויס פונעם באַגינען האָט גענומען דורכזיפּן די ערשטע זון־שטרייפן און געצונדן דעם אויפגייענדיקן טאָג. די זון־שטרייפן זיינען אַריינגעדרונגען דורך אַלע פענצטער פון דאָקטאָר פינעטאָס קאַבינעט און אָנגעטראָגן זיילן ליכט איבער דער סטעליע, איבער די ווענט, איבער זיין בעט. אָבער דאָס ליכט האָט נישט געקענט אויפוועקן דעם מידן דאָקטאָר פון זיין טיפן שלאָף. ער איז אויסגעגאַנגען אין דער נאַכט, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט חלומות.

דורך די פינף און דרייסיק יאָר האָבן די בלינדע און די טויבע און די געליימטע פון וויליאַמסבורג געהאַט אַן אָפענע טיר צו פינעטאָס קאַבינעט. אויפן זעקס און דרייסיקסטן יאָר איז די טיר געווען פאַרשפּאַרט. די צוויי שוואַרצע קראַנקן־שוועסטער זיינען געשטאַנען ביים פאַרשלאָסענעם אַריינגאַנג און געטריבן די טרויעריקע פּאַציענטן צום טשאַפּעל, פון וואַנען מען האָט געזאָלט באַגלייטן זייער דאָקטאָר צו זיין הימל־רו. אַזאַ לוויה האָט וויליאַמסבורג פריער נישט געהאַט געזען. איבער דעם וועג צום יידישן בית־עולם האָט זיך געצויגן אַן אויסטערלישע קאַוואַלקאַדע: לאָמע, טויבע, בלינדע, קרעציקע, געליימטע אויף וועגעלעך און ראָד־שטולן.

פּאַציענטן האָבן אויסגעפונען, אַז פינעטאָס עשירות איז געווען אַן אויסגעטראַכטע. בייזע צינגער האָבן באַשאַפן דעם ליגן. דעם גוטן דאָקטאָר האָט מען באַגראָבן אין אַ זייטיקן קבר, וואָס אַ פּאָר וויליאַמסבורגער פילאַנטראָפן האָבן אין איילעניש געקויפט.

(המשך אויף זייט 45)

מאיר חרץ / ירושלים

# לידער

## דער ווינטערדיקער

ווידער ווינטער פונקט ווי פאַראַיאָרן,
דאָך אַ ביסל אַנדערש יעדעס יאָר,
וויפל לענדער כ'בין שוין אויסגעפאָרן
און איך גרייט מיין שליטן צו אַ נייעם פאָר.

אויב איך וועל אַ מאָל אין אַן אַכסניה
זיך פאַרהאַלטן און פאַרברענגען מיט די לייט
און נישט וועלן איבערלאָזן די קאָמפּאַניע —
לאָזט אַרויס מיין שליטן, אויב ס'איז ווינטערצייט.

זאָל מיין שליטן שליטלען זיך און דרייען,
זאָל מיין שליטן שליטלען זיך אין שניי,
גאָט שיקט צו דעם שליטן זיינע שנייען
און די געסט אין דער אַכסניה — אַ סאַמאָוואַר מיט טיי.

## אַ שטאַרקער מאַן מיט אַ שוואַכן מוט

אַ שטאַרקער מאַן מיט שוואַכן מוט,
ער הייבט פאַר יעדן אויף זיין הוט,
וואָס קען נאָר אויפהייבן זיין שטים
און שטרענג אַראָפּשרייען אויף אים.

אַ שטאַרקער מאַן, אַ שוואַכער מאַן,
צי איז אַזוינער דען פאַראַן?
פאַראַן, פאַראַן! איך קען אים גוט —
אַ שטאַרקער מאַן מיט שוואַכן מוט.

## מיר קומען צו זעכציק

בעלאָטשקען, צו איר דרייצנטער יאָרצייט

מיר קומען צו זעכציק, מיר קומען צו אַכציק יאָר
און ווייל איז צו דעם, וואָס קומט אין דער פּאָר
מיט בעלאַן מיט זיינער אויף די עלטער טעג,
נאָר דו האָסט געאיילט זיך, ביסט פריער אַוועק.

און איך בין געבליבן צו זעכציק אַליין,
ביי זעכציק אַליין איז שווערער צו גיין,
אַרויפגיין, אַראָפּגיין סיי לינקס און סיי רעכטס,
מע גייט אין דער פּאָר מיטן אייגענעם קרעכץ.

מיין קרעכץ און מיין זיפץ, וואָס דו הערסט זיי, מיר דאַכט,
מיין קרעכץ און מיין זיפץ, וואָס געדענקסט זיי, מיר דאַכט,
איך זע דאָך דיין שמייכל, ווי נאָר איך דערמאָן
מיין קרעכץ און מיין זיפץ אויף מיין יעדן שפּאָן.

איך זע דיין שמייכל און זע דיין בליק,
איך זע דיין גיין ווי מיט יאָרן צוריק,
דו גייסט און אָט איז אַ טאָל אָן אַ דנאָ,
איך זע דיין גיין, נאָר דו ביסט נישטאָ.

(ירושלים, אויגוסט, 1985)

## אַ צופאַל

אַ צופאַל האָט אונדז צונויפגעבראַכט
אין איינעם אַ שטאָטישן פאַרנאַכט,
ווען איך האָב פון עפּעס אַנדערש געטראַכט.

נאָר איך האָב צו טראַכטן שוין פאַרשפּאָרט,
איך האָב אין געדאַנק געשפּילט אַ קאָרט
און איך האָב אויף דער באַנק געמאַכט דיר אַן אָרט.

איך האָב זיך אַ קאַפּעלע אָפּגערוקט
און דו האָסט געזעצט זיך, אויף עפּעס געקוקט
און מיט דער ליפּ געטאָן אַ צוק.

דערנאָך דעם קאָפּ אַ דריי אויס צו מיר,
איך האָב דערפילט פון דיין בליק דעם באַריר,
דערזען אַ שטיק פון מיין גורל אין דיר.

משה עטינגער / ניו־יאָרק

# לידער

## מיין עיקר

מיין טאָג הענגט
אויף דעם פאָדעם
פון דער צייט:
ווי נאָנט צי ווייט
איז דער תהום
וואָס וועט דעם סכום
פון מיינע יאָרן
איינגעוורן
אין אַן אָרון
פון האָלץ.
דאָס צו וויסן —
איז אַ טפל:

מיין וואָרט צעפלאַמט
אין מוזע
פון ליד
גליט
נאָך זכות, אַ פינטל,
צו שטיין אין שאָטן
פון איבן גבירול.
דאָס צו וויסן
צי ס׳וועט געראָטן?
איז פאַר מיר
אַן אָדם קטן —
דער עיקר שבעיקרים.

## אַן ענטפער

דורכן שלאָסלאָך פון דער טיר
איז ער אַרויס
און אַ טויטן גוף אויף דער בריק
צוריקגעלאָזט.
דער טאָג האָט
געפענטעט די נאַכט
און איבער דעם גוף
געוואַכט.

צומאָרגנס איז מען געקומען
און דעם גוף אַרויסגענומען
זיין דירה, אין הפקר פאַרשריבן.
האָבן שכנים ווי מוראַשקעס
זיך אין איר אַריינגעריבן
געזוכט, געכאַפּט, געקליבן
און אַ טוכלע־טרויער אַריינגעשריבן:

שאַפעס אויסגעהוילטע
האָבן קריעה געריסן —
אַ פליג אין אַ ווינקל האָט
אַ טויטע שפין געביסן,
אַ מויז אַרום אַ נאַכטגעשיר
האָט הקפות געמאַכט
און אַ קאַץ פון דרויסן
אַ ביין אַריינגעבראַכט.

אין פעדערהויז ביי דער טיר האָט
אַ קינד געקייעט אַ פענעץ ברויט
און דערשראָקן געפרעגט —
„מאי קא משמע לן דער טויט?“
אַ קלוגער גרויער זקן
וואָס יאָרן און זכרון
האָבן אים געצוואָגן
האָט שמייכלדיק געענטפערט —
קינד מיינס, ס׳מיינט: לעבן, לעבן, לעבן!“

## די האָלעוועשקע

בלוטיקע רויכעס שלענגלען זיך פון קברים
אין צעלאָמעטע יידישע בית־עלמינס.
פאַרקנוילט אין די רויכעס איז
מיין באָבע געקומען.
שבת־אויפס געבראַכט
פון פרידן אַ סימן.
„זיי טועם, עס, מיין קינד—
ניט דיינע איז געוווען די זינד:“

ישראל גובקין

# יוסף חיים ברענער

## (צו זיין פינף און זעכציקסטן יאָרצייט)

אַביסל געשיכטע. עס איז באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַרום 1918־1919. צווישן דער אומרויקער יידישער יוגנט אין בריסק (ברעסט־ליטאָווסק) און אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּעישן יידן־לאַנד טראָגט זיך דער נאָמען ברענער אַרום ווי דער נאָמען פון אַ פּאַרצייטיקן וואַנדערנדיקן נזיר־נביא, וואָס ציט פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, זעט מיט זיין שאַרפן אויג די יידישע מאַטעריעלע אָרעמקייט, גייסטיקע צעטומלעניש, באַדנלאָזיקייט און שוצ־לאָזיקייט; מאַכט זיך ניט קיין אילוזיעס וועגן דער באַציונג פון דער אַרומיקער ניט־יידישער באַפעלקערונג צו זיין פאָלק. ער דערפילט די געפערלעכע חיהשקייט וואָס יוירעט אַרום וואָרט „ייד", און וואָס קען אונטערן מינדסטן דרוק עקספּלאָדירן און ברענגען אומגליק אויף הונדערטער טויזנטער. ער זעט דעם אָנהייב פון חורבן פון יידישן צענטער אין מזרח־אייראָפּע, און ער וואָרנט און שרייט.

מיר ווייסן וויל, אַז ברענער איז זייט 1909 אין ארץ־ישראל, אָבער פאַר אונדז איז ער אַלץ דער וואַנדערנדיקער נזיר־נביא, און מיר הערן זיין געשריי ווי ער וואָלט געווען צווישן אונדז אין עמק־הבכא.

מיר זיינען כמעט אַלע צוריקגעקומענע פון פאַרשידענע דייטשישע צוואַנג־אַרבעט לאַגערן, און האָבן ווי ברענער — כאָטש ניט אַזוי לאַנג ווי ער — זיך אַרומגעוואַל־גערט אין אַלערליי פאַרוואָרפענע עקן, קאַזאַרמעס, תפיסות, וואַלינער וועלדער און פינסקער בלאָטעס. מיר פאַרשטייען ברענערן אַ סך בעסער ווי געוויסע קאַבי־נעט־מענטשן און טעאָרעטיקער אין די גרויסע שטעט, וויל מיר זיינען געקומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער ניט־יידישער באַפעלקערונג, מיט די דאָרפישע פּויערים און מיט די קליינשטעטלדיקע מעשטשאַנעס. מיר ווייסן גוט אויף וואָס זיי זיינען פעיק, ווי גיך די דייטשישע מאַכט וועט זיך צוריקציען, און זיי וועלן אָנהייבן שאַלטעווען. (למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די דייטשן אין יענער צייט האָבן זיך געהאַלטן קאָרעקט, צומאָל פריינדלעך צו יידן, און אָנגעהאַלטן אָרדע־נונג). די פינצטערע ידיעות וואָס דער־גרייכן אונדז פון אוקראַינע און רוסלאַנד, וועגן די דאָרטיקע פּאָגראָמען און שחיטות ווערן דורך אונדז אויפגענומען מיט צער, שרעק און פאַרביטערונג, און שטילערהייט אַז די פיינטלעכע שכנים זאָלן ניט הערן, רעדן מיר צווישן זיך, אַז ברענערס פּאַרויסזאָגונגען ווערן מקויים.

וואָס טוט מען? מיר אָרגאַניזירן זיך אין זעלבסטשוץ־גרופּעס. געווער קריגט מען ביליק אָדער בחינם פון די אָפּטרעטנ־דיקע אָקופּאַנטן. מען פּלאַנירט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. מיר הערן פון וואַר־שע וועגן דער דריטער עליה, וואָס זאָגט צו צו ווערן אַ מאַסן־עליה. מען וועגדעט

---

שטרעק איך מיין האַנט
דאָס אויפּס צו גרייכן,
איז די באָבע ווי אַ פויגל
פאַרפלויגן צו די הייכן
און דאָס אויפּס, חורבן־בלוט,
האָט מיין האַנט פאַרפליאַמט.

קוק איך צו דער וועלט
זי איז ווי זי'ז געווען:
די טבע בליט
די מי גליט
די אַרבעט קלאַפּט
דאָס לעבן קאָכט
נאָר ניט פאַר דעם פּליט —
די טליענדיקע האַלאָוועשקע
פון שארית־הפליטה.
ער קען ניט פאַרגעסן
ניט געפינען זיין רו
אין דער רישעותדיקער
רציחהדיקער וועלט.
רחמנא לצלן!

זיך נאָך הילף צו קרובים אין אַמעריקע, ס'הייבט זיך אָן אַ געראַנגל פאַר אַריינפאָר־סערטיפיקאַטן קיין ארץ־ישראל און פאַר וויזעס קיין אַמעריקע און קאַנאַדע. אָבער ניט קוקנדיק אויף אַלע האָפענונגען וויסן מיר, אַז דאָס זיינען אַנטרינונגען פאַר קליינע צאָלן. מיר וויסן אויך, אַז אונדזער זעלבסטשוץ קען אָפשרעקן אָדער באַקעמפן ווען נויטיק, קליינע גרופּעס כוליגאַנעס, אָבער ווער וועט זיך קעגנשטעלן די מיליטערישע שחיטה־פאָרמאַציעס פון אַלערליי „רעגירונגען"?

ניט קוקנדיק אויף אַלע צרות, זאָרג און שרעק, ווערט ברענער אַ סך געלייענט אין אונדזערע קרייזן, יידישע לעקציעס ווערן געהאַלטן וועגן אים און זיין שאַפן פאַר די וואָס לייענען ניט קיין העברעיש. דיסקוסיעס ווערן געפירט אַרום זיינע ערנסטע שאַפונגען און אַלץ וואָס מיר קריגן אַריין, געשריבן דורך אים, פון ארץ־ישראל. ברענערס וואָרנונגען און זיינע דערציילונגען און אַרטיקלען ווערן אָפט ציטירט, און אַלע מאָל שווימט אַרויף די פראַגע: ווי זיינען געוועזן אונדזערע פירער ווען ברענער האָט געוואָרנט? אפשר וואָלט דעמאָלט עפּעס געקענט געטאָן ווערן צו ראַטעווען אונדזערע אַרומגערינגלטע און באַלאַגערטע פאָלקס־מאַסן.

אויב ארץ־ישראל איז דעמאָלט ניט געווען גרייט אויפצונעמען אַ מאַסן־אימיגראַציע, איז דאָך אַמעריקע געווען אָפן, קאַנאַדע, אַרגענטינע און נאָך. אמת, יידן האָבן אויך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה עמיגרירט, אָבער ניט גענוג איז געטאָן געוואָרן צו דערמעגלעכן אַ מאַסן־עמיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע צוליב דער געפערלעכער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן מיטן אָנהייב פון די רוסישע פּאָגראָמען אין 1881 און מיטן כסדרדיקן שטייגן פון אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּע בכלל, בעיקר אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך.

קיין ענטפער אויף אונדזערע פראַגעס און טענות האָבן מיר פון קיינעם ניט געקראָגן, און ברענער איז געבליבן פאַר אונדז דער איינציקער רואה, וואָס האָט כסדר געוואָרנט „בגויים יכלו ושם יתמו" — צווישן די גויים וועלן זיי זיך ענדיקן און דאָרט וועלן זיי אויסגיין. ווייניק האָבן זיך צו אים צוגעהערט, און נאָך ווייניקער האָבן אים גענומען ערנסט.

אונדזערע אָפּגעפרעמדטע און האַלב־אַסימילירטע אינטעליגענטן האָבן געגלויבט אין פּראָגרעס און געחלומט פון אַ רעוואָלוציע, וואָס וועט פאַרענטפערן אויך דאָס יידישע פּראָבלעם. אַ טייל פון זיי איז דאָס יידישע פּראָבלעם בכלל ניט אָנגעגאַנגען .

די נאַציאָנאַל־געשטימטע אינטעליגענץ האָט זיך געפשטלט וועגן אחד־העמס „מרכז רוחני" — גייסטיקן צענטער אין ארץ ישראל, אָדער וועגן ד ו ב נ אָ וו ס „נאַציאָנאַל ־ קולטורעלע אויטאָנאָמיע" אויפן אָרט. די „בונד"־פירערשאַפט האָט געפּרעדיקט און אונטערשטראָכן דעם „דאָאיזם" — דאָס קעמפן צוזאַמען מיטן ניט־יידישן אַרבעטער פאַר אַ בעסער לעבן. קיינער פון זיי האָט ניט דערפילט אין צייט, אָדער ניט געוואָלט דערפילן דעם ביטערן אמת אין ברענערס אויסגעשריי, אַז מען וויל לייגן „אַ דאַך אויף צעפוילטע ווענט." די וואָס האָבן עס יאָ דערפילט און מיטגעשריגן מיט אים זיינען געווען צו ווייניק אַרויסצורופן דעם שטורעם, וואָס דאָס פּראָבלעם האָט פאַרדינט.

אַוודאי, ס'האָט קיין זין ניט צו באַשולדיקן אימיצן פאַר זיך ניט כאַפּן אין צייט און פּרובירן פאַרמיידן אָדער פאַרמילדערן געשיכטלעכע אומגליקן. אַ סך אינדיווידועלע טראַגעדיעס און קאָלעקטיווע קאַטאַסטראָפעס וואָלטן אפשר געקענט פאַרמיטן ווערן ווען מענטשן — ווי אַ כלל — וואָלטן ניט געווען קורצזיכטיק, אָדער ווען זיי וואָלטן געווען מוטיק גענוג צו קענען און וועלן זען דאָס אומפאַרמיידלעכע. דער פאַקט בלייבט אָבער, אַז עפּעס ווייניקער ווי צוואַנציק יאָר נאָך ברענערס וואָרנונגען זיינען געקומען די ערשטע קראַכן מיט דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער — די צווייטע וועלט־מלחמה מיט דער אַכזריות־דיקער פאַרניכטונג פון קערנדיקסטן טייל פון אונדזער פאָלק. ברענערס ביטערע נבואה „בגויים יכלו ושם יתמו" איז מקויים געוואָרן...

* * * * *

יוסף חיים ברענער (געבוירן 1881 — אומגעקומען 1טן מאַי, 1921) האָט פון

זייַנע בערך צוואַנציק יאָר שאַפן איבערגעלאָזן אַ גרויסע ליטעראַרישע ירושה, וואָס באַשטייט פון קורצע דערציילונגען, ראָמאַנען און נאָוועלן; ליטעראַריש־קריטישע עסייען און פאָרטראגן וועגן אַברהם מאַפו, מענדעלע מו״ס, בערדיטשעווסקי, י. ל. גאָרדאָן, אַברהם רייזען און אַנדערע העברעישע און יידישע שרייבערס. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון אברהם רייזענען צוליב זיין עכטקייט און פאָלקסטימלעכקייט.

ס'איז פון אים געבליבן ממש אַ ים פון פובליציסטישע אַרטיקלען, באַמערקונגען און נאָטיצן; אויך אַ פראַכטפולע איבערזעצונג פון דאָסטאָיעווסקיס „פאַרברעכן און שטראָף״; צו דעם זייַנע צוויי בענד בריוו, וואָס זייַנען אַ תורה שלימה פאַר זיך, פון גרויסן היסטאָרישן און ליטעראַרישן ווערט.

זייַנע געזאַמלטע ווערק זייַנען דערשינען נאָך זיין טויט אין 9 גרויסע בענד דורכן שטיבל פאַרלאַג, אַ צווייטע אויפלאַגע פון זייַנע ווערק — דורכן „דבר״־פאַרלאַג.

אין יידיש איז דאָ אַ פייַנע זאַמלונג פון זייַנע שריפטן און אָפּהאַנדלונגען וועגן אים און זיין שאַפן: „יוסף חיים ברענער — זיין לעבן און שאַפן״, רעדאַגירט פון שלמה גראָדזענסקי, ליטעראַרישער מיטרעדאַקטאָר פון „יידישער קעמפער״, אַרויסגעגעבן פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד. דער שרייבער פון די שורות איז דאָרט פאַרטראָטן מיט אַן איבערזעצונג פון ברענערס אייגנאַרטיק־געשריבענער נאָוועלע „מן המיצר״, וואָס דערמאָנט אין אויסגעשריי און פראָטעסט אָסקאַר ווײַלדס „דע פראָפאַונדיס״, כאָטש די טעמאַטיק איז אין גאַנצן אַנדערש.

וועגן זייער ווייניק שרייבער איז אַזוי־פיל געשריבן געוואָרן ווי וועגן ברענערן. ס'ווערט נאָך וועגן אים געשריבן עד היום הזה. ער ווערט ניט פאַרגעסן. עס ווערט באַהאַנדלט ברענערס שטרעבן צו קדושה, זיין אַבסאָלוטע ערלעכקייט אין זען זייַנע אייגענע פעלערן און די פעלערן פון אַנדערע אַרום אים; זיין רעאַליזם אין שאַפן, זיין ספּעציפישער צוגאַנג צום ציוניזם, ציוניסטישע פּאָליטיק און אַרבעטער פראַגן.

הייַנט צו זיין פינף־און־זעכציקסטן יאָרצייט, לאָמיר געדענקען דעם גרויסן מעורר וואָרנונג און זי האַלטן פאַר די אויגן ווו מיר זאָלן ניט זיין, און ווי שטיל און זיכער דער אַרום זאָל ניט אויסזען... — אומעטום איז גלות, האָט ברענער געזאָגט.

ווער ווייסט וויפל קרבנות מיר וואָלטן פאַרשפּאָרט ווען מיר וואָלטן זיך צוגעהערט אין צייט צו דעם רחמים־פולן וואָרנער, וואָס האָט אין זיין פריער נאָוועלע „בחורף״ (ווינטער־צייט) אָנגעוויזן די אמתע און אפשר איינציקע סיבה פון זיין שרייבן.

— איך שרייב — זאָגט ברענער — נאָר דערפאַר ווייל ס'איז מיר אוממעגלעך ניט אַרויסצושרייען דעם אַלטן ווייטיק...

---

שמואל איזבאַן (סוף פון זייט 39)

אַ חודש נאָך דער לוויה האָבן פרומע נעגערס זיך אַרומגעזען, אַז מען דאַרף אויף פינעטאָס קבר שטעלן אַ מצבה, אַ הייליקן שטיין, וואָס זאָל אָנזאָגן, אַז דער היילער פון די אָרעמע און דערשלאָגענע האָט זיין רו־אָרט אין הימל. עס איז אָנגעגאַנגען אַ שטרייט וועגן דעם עפּיטאַף אויפן שטיין, פיינשמעקער האָבן געוואָלט לאָזן אויסקריצן אַ פּאָר שורות פּאָעזיע. מען האָט אָבער געדענקט, אַז פינעטאָ האָט ביים לעבן פיינט געהאַט פּאָעזיע. אַ מאָראַל־זוכער האָט אָנגעבאָטן עזאָפּ'ס אַ פאַבל און אַ גאָטפאָרכטיקער פּאַציענט איז באַשטאַנען אויף אַ פּסוק פון תהילים.

אַלע פּלענער זייַנען געווען צו שפּעט. דער נעגער, וואָס איז מיט יאָרן צוריק שיער נישט געלינטשט געוואָרן און זייַנע וווּנדן זייַנען געוואַשן געוואָרן דורך פינעטאָס הענט, האָט זיך דערמאָנט אָן זיין דאָקטאָר מיט היפּשע טעג פריער. ער איז געווען אָרעם. קיין געלט אויף אַ מצבה האָט ער נישט געהאַט, האָט ער אַרויסגעריסן דאָס שלידל פון דעם שטייַנעם דיל אין טרעפּן־הויז, ביינאַכט האָט ער זיך אַרייַנגעגנבעט אויפן בית־עולם און עס אַרייַנגעשטעקט אין דעם בערגלדיקן קבר.

דאָס שילדל מיט אַן אויסגעמאָלענער פייל ווי אַ ווייזער צום הימל, האָט אָנגעזאָגט:

ד״ר ווילִיאַם פינעטאָ
זיין קאַבינעט — אויבן...

שלמה שוואַרץ / שיקאַגאָ

# לידער

## מיין אויסוועלטיקע עפּאָכע

דער מיסל,
פּלוטאָנישער הערשער פון וואָפן געשפּענסט
גאָט מיט אַנגעצונדענע אויגן
אין די אָפענע גריבער פון אונטערגאַנג,
פון אויסבערג, אויספעלדער, אויסוועלדער.
ראַדיאַקטיוו
אין די שאַרפע לײדיקייט
מיט העסלעכע ווונדן און בלייאיקן אומעט.

שוואַרצע פלעקן אין הייסן זאַמד'!
אומהיימלעכע סימנים פון אורוואַלדיקע פאַרגאַכטן
אין די בלאַטיקע הויקערס
פון צעלעכערטן תוהו ובוהו !

די נאַכט פון אויפגעריסענער ערד
מיט צעשמעטערטע בראַכוואַרג
און מיט אויסגעלאָשענע קנויטן
מיט ראַדיום וואָס היילט ניט די לאַנדשאַפט
פון פייערדיקע יסורים;
און שטיינער מיט שטומע פּסאַלמען אין ליימיקן סוף
באַשטראָפטע גייסטער פון מיין עפּאָכע:

און קינדער וואָס וועלן מער ניט זיין,
און ליבע וואָס קיינער וויל ניט מער,
און טויטע וואָס וועלן קיינמאָל ניט ווערן מקבר,
דער הייליקער וואָס דאַרף ניט מער קיין טויטע —
און טעג מיט שטויב און שטויב...

וועל איך קומען איינער אַליין
ווי אַן אויסגייסט אָן אַ קערפּער
נאָך אַלעמען.
אויסוועלטיש וועט ליגן די נאָכבלייבניש.
קיינער וועט מער ניט לעבן אין מיין פּאַטישער שטאָט
אַחוץ דאָס אַטאָמישע מיידל מיט די טיגרישע שטריכן
אין גרויסן אומגעהיימען לייק מישיגען
ווי ערב נאַכט,
איינגעוויקלט אין אַ רויטער שאַל —
אַ לאַנגער שאָטן ביים ברעג פון ערגעץ ניט.

(1985)

## צו מיין דריטן אייניקל,
## אַרי בן דניאל

מיין בלעכן צילעגע
פֿון טאָדראָס געלער, אַ געמעל,
שענק איך דיר
אָנצוהענגען אויף דיין טיר
די שענסטע לעגענדע
פֿון מיר צו דיר
דעם בירגער פֿון יידישלאַנד.

וואָרצל טיף
מיט די מזל־צייכנס פֿון אונדזער זיין.
מיט אויסגעלאָשענעם דאָרשט
טרינק פֿון אונדזער וויין
דאָס זיסע און דאָס ביטערע
וואָס שמעקט שטענדיק היימיש —
נאָך דער ברכה.

שרעק זיך ניט, קינד דו,
פֿאַר דעם בליץ
און פֿאַר דעם דונער:
געטלעכער עקסטאַז,
גאָטס רייד צו קליינע קינדער
ווי אין מעשהלעך פֿאַרשריבן.

און אין די קעמערלעך
פֿון דיין יונג האַרץ
פֿאַרנעם און גלויב
אין די ווונדער פֿון יצירה
די הערלעכע שיינקייט
פֿון אַ רעגנבויגן.

אויך דאָס בלעכן ציגעלע
דו, האָב ליב,
באַגלייט מיט מיין בענקשאַפֿט
איך די יידישע סטראָפֿן.

(1985)

## מיין בלעכן ציגעלע:
## וואַריאַציע II

אָט
אין די גאָלדענע שטייגן פֿון מיין שטאָט
איז מיין בלעכן ציגעלע
זשאַווערדיק אַראָפּגעפֿאַלן
געבליבן ליגן אויפֿן טעפּיך
פֿון קאָרידאָר
זילבערדיק, טויט,
שטום און ביינערדיק.

אַלץ איז אין קאָרידאָר
אומעטיקער און פֿרעמדער געוואָרן,
דאָס וואָס איך האָב געדאַרפֿט טאָן
האָב איך געטאָן:
עס אויפֿגעהויבן,
אַריינגענומען אין דעם פֿירהויז
הויקערדיק אין מיין האַנט
און אויסגעגלייכט.
דרייצן מאָל פֿאַרצערטלט מיט מיינע פֿינגער
זיין שטילקייט.
געבעטן
אַז די בלייכע נשמה
וועט מער ניט דאַרפֿן וויינען
ווי אַן אויסגעלאָשן לעמפּל
ביינאַכט.

דער קאָרידאָר
מיט אַ ליידיקער שווייגיקייט
געבליבן איז פּוסט, טונקל, אָפּגעצאַנקט.
דאָס יינגל אין מיר
אין דעם אומבאַלויכטענעם פֿאַרנאַכט
מיט פֿרומע שפּרוכן
צוריק
די בלעכן פֿאַרברודערטע מתנה
אָפּגעגעבן צו גאָט
וואָס דער זיידע האָט פֿאַר מיר
פֿאַר אַ גילדן געקויפֿט
צו מיינע דרייצן יאָר.

(1985)

חיים פלאָטקין / ניו־יאָרק

# צוויי לידער

## אויב באַשערט אַמאָל

דריי טעג שוין ווי די חמימה וואָרגט די שטאָט,
ווי דער הימל וואָלט געצונדערט אין פלאַמען.
היינט שרעקט ווידער ס'פּנים פון די פייער־ראָד
וואָס קען פאַרטונקלען דעם פּסק פון גיהנום!

ביי גאָט וועל איך קשיות נישט פרעגן,
פאַרוואָס די וואָלקנס זיינען טרוקענער ווי ביינער...
נישט נאָר איך בענק און גאָר אויף אַ רעגן,
אויף די שוועל, די צעגליטע, די טרעפּ און די שטיינער.

מיין פאַרחלשטן גאָרטן איך קאַרג נישט צו שפּריצן,
דערמונטערן די גראָזן און די גוסנדיקע בלומען.
דעם עפּלבוים כ'בין הילפלאָז צו שיצן —
ער האָט פּלוצים פאַרלוירן זיין גרינעם פּנים.

ווו זיינען די ווינטן, די דונערס און די בליצן?
אפשר אין גן־עדן האָט גאָט זיי פאַרשלאָסן?
אויב באַשערט מיר אַמאָל אַ מינוט נאָר דאָרט זיצן —
דערציילן כ'וועל פון שווייס וואָס האָב פאַרגאָסן — — —

## קיין ליכטיקער טראָפּן

אויפן ברוגזן הימל
איז פונעם זוניקן פּנים
קיין סימן,
קיין ליכטיקער טראָפּן
ניט געבליבן!

די טונקעלע וואָלקנס —
באַרגיקע פעלדזן
מיט מגושמדיקע פּאַסן,
ווי צעשטאָכן פון די קופּאָלן
און געעפנט אין זיי די קראַנען
פאַר די מבול־שטראָמען
וואָס דערטרענקען די גאַסן.

דער יונגער טאָג
האָט אויסגעטאָן ס'אַלטע
נאַכטיק העמד:
מיליאָנען שויבן
האָבן געעפנט די אויגן
און צעבלישטשעט די ליכטשטראַלן־נעצן
אויף די טראָטואַרן און ווענט.

מיט שליסן ביים שוועל,
ווי דערשראָקן פון די בליצן
כ'גליווער ביי מיין טיר
און ס'דאַכט זיך מיר—
די דונערס לאַכן אָפּ פון מיר...

שיע טענענבוים / ניו־יאָרק

# אַ שוועסטער פון לוטס ווייב

(דערציילונג)

יעדער נאַכט, ווי איך שלאָף איין, האָב איך ליב ווידער צו באַזוכן די גאַסן, די הייף און די גערטנער פון אַנטווערפּן, די שטאָט אין וועמענס דאַך־שטיבלעך איך האָב פאַרבראַכט צען יאָר פון מיין לעבן. עס איז אַ טרויזם, אַן אמת אין מיין לעבן וואָס נישט יעדער מענטש וועט גרייט זיין מיר צו גלייבן, אפילו נישט די מיסטיש־געשטימטע מענטשן וועלן זיך גערן צוהערן צו מיינע רייד און עפּיזאָדן וואָס איך גיי איצט דערציילן...

נאָכן איינשלאָפן וואַנדער איך ווידער אַזאַ שיכורער אָדער באַזעסענער, צי גאָר פאַרכישופטער, אין די צו מיר גוט־באַקאַנטע גאַסן ווו איך האָב געוווינט, געחלומט און געמאַכט אויך מיינע ערשטע פּרוּוון אין שרייבעריי וועגן די מענטשן, די הייזער, די גערטנער, די סעדער און די וועגן פון מיין שטעטל פּילעווו; וועגן דעם גרויסן היסטאָרישן פּאַרק, וואָס האָט געהערט צום פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי, וועמענס פרוי, איזאַבעלאַ, איז געווען אַ האָלענדישע, און איר פאַמיליע־נאָמען איז געווען פלעמינג. זי האָט געלאָזן שטיין אירע מעשים און חלומות אין דעם גרויסן גאָרטן בשעת אירע שפּאַצירן אין די פאַרנאַכטן.

אין יאָר 1808 האָט דער צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער באַזוכט אין פּילעווו זיין פריינד, דעם פירשט טשאַרטאָריסקי און זיין פרוי איזאַבעלאַ. די טשאַרטאָריסקיס האָבן אַרויסגעגעבן דריי פּוילישע קסרים, וואָס האָבן געהערשט אין פּוילן. דער לעצטער איז געווען דער ליבלינג פון יעקאַטערינאַ די גרויסע. זי האָט אים אַרויפגעזעצט אויפן פּוילישן טראָן. ער האָט געהייסן וולאַדיסלאַוו סטאַניסלאַוו פּאַניאַטאָווסקי. ער איז נישט לאַנג געזעסן אויפן פּוילישן טראָן, ווייל פּוילנס שכנים, רסלאַנד, דייטשלאַנד, און עסטרייך האָבן צעטיילט די פּוילישע מלוכה אין דריי חלקים...

אָבער איך פלעג אַזאַ פאַרטראַכטער נאָכפאָלגן אין די פאַרנאַכטן די טריט פון דער האָלענדישער פירשטין אין פּאַרק, וואָס האָט געבענקט צו איר לאַנד האָלאַנד, צו די גרויסע קאַנאַלן אין אַמסטערדאַם...

פון דאָרט טראָג איך זיך איבער צום קיוויט פּאַרק, נישט ווייט פון מיין מאָנסאַדע, ווו אַמאָל פלעגט שטיין אַן אַלטער פלושענער פּאָטעל. פלעג איך זיך באַקוועם אַוועקזעצן אין זיין טיפעניש און אַזוי אָפּזיצן אַ האַלבע נאַכט ביז עס פלעגט אָנהייבן צו רעגענען און אַ שיכורער פלעמער פלעגט אָנהייבן צו שעלטן זיינס אַן אַמאָליקע געליבטע. מיך האָט עס שטאַרק געאַרט און איך פלעג פאַרלאָזן דעם באַקוועמען פּאָטעל און צוגיין צו דער בריק איבערן קליינעם טייכל וועמענס שטילע כוואַליעס האָבן געבלישטשעט אין דעם אָפּשיין פון דער ווייסער לבנה וואָס האָט אויסגעזען ווי צין.

אויף דער בריק פלעגן שפּאַצירן פאַרשידענע מענטשן פון דער געגנט. עס איז געווען אָנגענעם צו באַגעגענען איי־וועטן, וואָס איז געווען מיין שכנה. עס איז אָנגענעם פאַר אַן איינזאַמען מאַן וואָס שרייבט נאָך אומבאַהאָלפענע לידער וועגן ליבע און נאַטור, זיך צו דערנענטערן מיט איינער אַ פרוי וואָס איז אומגעפער יונג, מסתמא אין דיינע יאָרן, און זי האָט כמעט די זעלביקע ליבשאַפטן און נייגונגען ווי דו: צו באַזוכן מוזעאומס ווו עס הענגען אין די זאַלן מוסטערן פון די קליידער און פלוש, זייד און סאַמעט וואָס די פרויען פון יענער צייט האָבן געטראָגן; צו גיין אין טעאַטערן ווו מען שפּילט די דראַמעס פון היימישע דראַמאַטורגן, אָפּשפּיגלענדיק דאָס לעבן פונעם פאָלק; צו זען די פּאָפּולערע אָפּערעס פון די גרויסע קאָמפּאָזיטאָרס וואָס שטעלן פאָר גריכישע מיטאָלאָגיע, אייראָפּעישע געשיכטע פונעם אַלטערטום, מיטלאַלטער און דער נייער צייט — דעם רענעסאַנס־פּעריאָד...

איוועט האָט פֿאַרמאָגט גרויסע און שוואַרצע אויגן ווי שטיינקוילן וואָס מען גראָבט אויס אין די קאָפּאַלניעס, און וואָס האָבן אין משך פֿון מיליאָנען יאָרן איינגעזאַפּט די פֿינצטערניש פֿון דער ערד־טיפֿעניש. ווען זי האָט געקוקט אויף דיר, האָבן דיך אָנגעקוקט שוואַרצע שטיינקוילן מיט גאָלדענע פֿונקען אין זייערע טיפֿענישן. אַ קאָפּ מיט לאַנגע שוואַרצע האָר האָט זי פֿאַרמאָגט, וואָס דער ווינט אין דרויסן האָט צעפּלאָשעט בשעת מיר האָבן שפּאַצירט, און זי האָט תמיד געטראָגן דאָס זעלביקע בוך אין דער האַנט. יאָ, דאָס זעלביקע בוך פּאָעזיע פֿון דעם פּוילישן פּאָעט אויעיסקי, אַ דיכטער וועמענס נאָמען איך האָב קיינמאָל פֿריער נישט געהערט. אָבער איוועט האָט אים געלייענט און רעציטירט אויף אויסנווייניק זיינע לידער בשעת דער ווינט אין פּאַרק האָט געשפּילט מיט אירע האָר, טראָץ דעם וואָס ער, דער ווינט, האָט ווויל געוווּסט אַז איך בין איפּערזיכטיק וואָס ער דערלויבט זיך אָנצורירן און צו מישן אירע האָר... פּשוט זיך צו שפּילן מיט זיי.

איוועט איז געווען איינע פֿון די דריי שוועסטערס, דריי גראַציעס, יידישע קינדער פֿון חסידישע עלטערן אין טורנע. אָבער שוין אין טורנע האָט זיי פֿאַרכאַפּט דער קאָמוניזם ווי אַ היפּשע צאָל יידישע יוגנט.

איוועט האָט אין טורנע געענדיקט אַ פּוילישע גימנאַזיע. מיר פֿלעגן גיין אין קיוויט־פּאַרק שפּאַצירן, ווי שוין דערציילט, און איך האָב געמיינט אַז איך וועל געווינען מיט דער צייט איר האַרץ, איר סימפּאַטיע צו מיר. אָבער זי האָט נאָך פֿון טורנע געהאַט אַ געליבטן פֿון וועלכן איך בין געוווּיר געוואָרן ווען ער האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן ביי איר זייט..

ער איז געווען אַן אינזשעניר. ער האָט קיינמאָל נישט געלייענט קיין ליטעראַטור, אויסער ביכער וועגן וויסנשאַפֿט און טעכנישע פּראָבלעמען. ער איז געווען אַ פֿלעגמאַטישער מענטש. דאָך האָבן זיי זיך פֿאַרבונדן.

אין אַ צייט אַרום האָב איך געזען אַז איוועט שוואַנגערט. אָבער ווו איז אַהינגעקומען איר מאַן? אַ גרויס גליק האָט אים געטראָפֿן: נאָכן קריגן פֿון דער בעלגישער פּאָליציי דעם ערשטן אויסווייז פֿאַר קאָמוניזם אין בעלגיע, איז ער געשיקט געוואָרן קיין לוקסעמבורג. ער האָט טאָג און נאַכט געוויינט פֿון בענקשאַפֿט צו זיין נאָענט צו זיין יונגער פֿרוי איוועט. ער האָט באַוויזן צוריקצוקומען אין געהיים פֿון לוקסעמבורג. ביז ער איז אין איינעם אַ טאָג אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז און מיט אַ רוסישער איינקויף־שיף אַוועק פֿון לע־האַוור קיין כאַרקאָוו צום רויטן גן־עדן.

איוועט איז לאַנג אַרומגעגאַנגען מיט פֿאַרוויינטע אויגן. אָבער נאָך איידער ער האָט רעכט איינגעאָטעמט די סלאַווישע לופֿט פֿון אַלעקסאַנדער פּושקינס לאַנד, איז ער אַרעסטירט געוואָרן, פֿאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער אין וויטן קאָלימאַ; ער האָט נאָך געשריבן עטלעכע בריוו צו איוועטן אַז זי מוז האָבן געדולד: „עס איז בלויז אַ פֿראַגע פֿון צייט" און באַלד דערנאָך האָט זי איפּגעהערט צו הערן פֿון איר מאַן...

אין יענעם יאָר האָט זיך פֿרי געשטעלט דער קילער האַרבסט. גיך זיינען אַראָפּגעפֿאַלן די קופּער־רויטע בלעטער פֿון די אַלטעביימער אין פּאַרק, וואָס האָבן פּשוט געפֿוילט פֿון זייער טיפֿער עלטער. אין קיוויט פּאַרק האָב איך אָפּט שפּאַצירט ווען נאָר די זון האָט פֿריינדלעך באַוויליגט צו שיינען. אָבער די צווייגן פֿון די ביימער זיינען געווען ווייס ווי זקנים, וואָס ווערן גרוי אויף דער עלטער מיט זייערע אַלטע בערד. איך פֿלעג כמעט יעדן טאָג זיך טרעפֿן איוועטן מיט אַ קינדער־וועגעלע. אינעווייניק איז געלעגן אַ שוואַלב: דאָס קליינע טעכטערל — אַ געשאַנק פֿון אַלבערטן, איר מאַן... זשאַנעט, די קליינטשיקע גראַציע, האָט געהאַט זיין פּנים, זיינע אויגן, זיינע מערסטע געזיכטשטריכן, נאָר זי איז געווען אַזאַ פּיטשינק מיידעלע, וואָס אָנקוקנדיק עס האָט מען געמוזט קריגן פֿייכטע אויגן פֿון געוויין. און נעבן וויגעלע איז געשטאַנען די יונגע מוטער אין איר צעבליטער און רייפֿער שיינקייט פֿון אַ פֿרוי.

די רירנדיקע מוטער איוועט האָט געוויגט איר קינד בשעת אירע שוואַרצע

אויגן האָבן געוויינט פאַר מיר, פאַרן הימל, פאַר גאָט אַליין, כאָטש זי איז נישט געווען קיין פרומע... אין וויגעלע איז נעבן דעם קינדס פלעשל מיט זיסע מילך אויך געלעגן אויעיסקיס באַנד מיט פּאָעזיע...

— טייערע איוועט, קום אַרויף מיט מיר אויף דער בריק. דאָרט שיינט די זון נאָך ליכטיקער ווי דאָ, צווישן די ביימער וואָס פאַרשטעלן דעם קאַלטן, אָדער גאָלדענעם אָפּשיין. דאָרטן זעט מען אויף אַ דיסטאַנץ די ריזיקע קאַטעדראַלע ביי דעם גרויען קאַנאַל. פון דער בריק אויס פלעגט מען אויך זען די אַלטע פּאַלאַצן, די קאַמעניצעס און די ברייטע גערטנער מיט מאָנומענטן וואָס האָבן פאַראייביקט דעם אָנדענק פון בעלגישע שטאַטסמענער, גענעראַלן, מייסטערס פונעם פענדזל און פון דער פעדער. מיר פלעגן זיך צוגעוווינען צו דער בריק כאָטש עס איז דאָרטן נישט געווען ווו צו זיצן.

איוועט האָט מערסטנס געוויינט און געקושט מיט הייסע ליפּן און מיט פייכטע אויגן איר ליב טעכטערל וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט דער יינגער מוטערס טרויער און געפאַלנקייט אויף איר קינדיש־צאַרטן פּנימל... איוועט האָט דאָך ווויל געוווסט אַז איר קינד וועט קיינמאָל אין איר לעבן נישט אָנרירן די וואַרעמע און פאָטערלעכע האַנט פון דעם מאַן וואָס האָט איר געשאָנקען די פייער־פונקען, די זוימען פון לעבן אין איר מוטערס טראַכט... דיין פאָטער, קינד מיין ליבס, איז אומשולדיקערהייט פאַרזונקען געוואָרן אין דעם תהום פון רישעות, ערגעץ אין דער געגנט פון כינע און יאַפּאַניע... אַפילו ווען דיין פאָטער זאָל נאָך היינט ביינאַכט צוריקקומען צו דיר, קליינטשיק מיידעלע, וועסטו אים מער נישט דערקענען. נישט ווייל דו האָסט אים קיינמאָל פריער נישט געזען. נייערט ווייל ער האָט זיך אין דער קורצער צייט פון זיין פאַרשווינדן ווערן געעלטערט מיט גאַנצע הונדערט יאָר... זיין באָרד איז ווייס ווי ווייס עס זיינען די צווייגן פון די ביימער אין קיוויט פאַרק ווען דער שניי הייבט אָן צו פאַלן פון הימל אין דער צייט פון האַרבסט...

יאָ, אין אָנהייב, בשעת די ערשטע צייטן, האָט איוועט דערהאַלטן זייער זעלטן הייסע בריוו פון בענקשאַפט און ליבע. אָבער זיי האָבן גיך אויפגעהערט אָנצוקומען...

מיט איוועטן בין איך געווען צוזאַמען אויף דער בריק לאַנגע צייטן. איך פלעג זיך איילן צו קומען זי זען צוזאַמען מיטן קינד דאָרטן וויגנדיק דאָס וועגעלע אויס רחמנות און סימפּאַטיע... דאָס קינד איז טאַקע מיט דער צייט געוואַקסן. עס האָט שוין גערעדט אויך די ערשטע קינדערישע רייד. אָבער עס איז נישט געוואָרן פריילעכער, לוסטיקער אַזוי ווי די אַנדערע קינדער פון דער געגנט. און די מוטער איז דאָרט אויך געשטאַנען אַ פאַרטרויערטע...

ווען איך בין געפאָרן קיין ניו־יאָרק, בין איך אין אַ נעפּלדיקן טאָג וואָס איז טיפּיש פאַרן אַנטווערפּענער קלימאַט, צוגעגאַנגען אין קיוויט פאַרק צו דער בריק. מיין האַרץ האָט אין מיר געצאַפּלט און געוויינט. עס וועט זיין שווער, זייער שווער צו זאָגן דעם לעצטן „גוטן טאָג דיר, איוועט! זייט ביידע געזונט און שטאַרק...“

זינט דעמאָלט, אַרום קנאַפּע זעכציק יאָר שפּעטער, ווען איך קען נישט גרינגערהייט איינשלאָפן, שוועב איך ווי אַ שיכורער מלאך צו דער בריק מיט מיינע טרויעריקע און פאַרבענקטע פליגל. די נאַכט איז שטאַרק פינצטער ווי אַ טיפער תהום אויפן גרונט פון ים. אָבער ווען איך קום און דער געגנט פונעם פאַרק און נאָענט צו דער בריק, זע איך ווי איוועט שטייט דאָרט ביים וועגעלע פון איר קינד, ווי ביידע וואָלטן אויף מיר געוואַרט. וואָס אַן אמת: איך ווייס זייער גוט אַז דאָס קינד איז שוין היפּש אויסגעוואַקסן. זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּרעכטיקער שיינקייט פון אַ פרוי. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגן סטודענט און זיי האָבן שוין אַפילו דערוואַקסענע קינדער. אָבער איוועט קוקט מיך דורך דער גאַנצער צייט אָן אַזאַ שטומע און ממש ווי אַ פאַרשיינערטע. מיר דאַכט זיך אַז זי דערקענט מיך נישט מער. זי רעדט אויך נישט אויס צו מיר קיין איינציק וואָרט. זי וויגט דאָס קינד ווי אַ שטיין וואָלט געלעגן אינעווייניק, כאָטש זי ווייסט אַז דאָס קינד

א. לוריא / ניו־יאָרק

# משלים

## דער לייטער

ניטאָ קיין גלייכערע זאַך
ווי אַ קרומער לייטער. (פאָלקסווערטל)

דער לייטער, אָנגעשפּאַרט אָן דאַך,
מיט אונדז טוט קנעלן טאָג און נאַכט
אַז פון דעם אַלעם וואָס אַרום
איז דווקא
קרום
די גלייכסטע זאַך.

און ס'וואָר,
סע קען ניט זיין קיין פּשט קיין צווייטער.
נאָר
איך אַלץ קלער, און איך אַלץ מיין,
אַז פּאַסן פּאַסט עס גוט און שיין
בלויז דעם
וואָס גראַד אַזוי פאַרשטייט ער,
נאָר אים אַליין —
דעם לייטער.

## דער בעזעם

אַז גאָט וויל — שיסט אַ בעזעם!
שיסט ער טאַקע?
טאַקע דען?
ס'איז אַזוינס נאָך ניט געווען —
ניט געוועזן.

ווייל מער ווי מיסט
און מער ווי קויט
האָט גאָט דעם בעזעם ניט פאַרטרויט,
און נאָכן אויסקערן אויף ריין
באַפוילן אים אין ווינקל שטיין.

ס'האָט גאָט גאָר אַנדערש ניט געוואָלט,
אַזוי באַקלערט,
אַזוי באַשערט —
דער בעזעם מער איז גאָר ניט ווערט.

איז שוין זינט לאַנג אַוועק אין דער וועלט מיט איר אייגענעם מאַן און קינדער...

זי אַליין, איוועט, איז אויך פאַרשטיינערט געוואָרן פון ווייטיק. זי ווייסט אפילו נישט אַז זי איז שוין אַ באָבע. און זי קוקט זיך אויך נישט אום אויף קיין שום מענטש און אויף קיין שום זייט פון דער וועלט. אויף איר לאַנד און פאָלק האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן די פייערן פון הימל. איר לייב איז אַש. נאָר זי צעפאַלט נישט. זי איז שטאַרקער פון אַלע ווינטן און ווייטיקן. זי איז אַ שוועסטער פון לויטס ווייב...

* * * * *

איך האָב עפּעס אַזאַ מאָדנעם געפיל אַז אין איינעם אַ טאָג וועל איך פאָרן צום לאַנד פון די פלעמער. איך וועל אין מיטן פון דער נאַכט פּאַוואָליעדיק, מיט שטילע טריט, צושפּאַצירן צום פּאַרק. איך וועל צוגיין מיט ציטערנדיקע פיס צו דער בריק. דאָרטן וואַרט די איינזאַמע איוועט כדי זיך קרעפטיק איסצווויינען פאַר מיר מיט אַזאַ מעכטיק געוויין פון איר באַליידיקטן האַרצן. זי וועט אַריינפאַלן אין מיינע אָרעמס מיט אַ געפיל פון אַלטער פריינדשאַפט...

— איוועט — וויל איך זאָגן — פאַרלאָז די דאָזיקע בריק. דיין מזל וואַרט אויף דיר, טייערע איוועט... גיי צוריק אַריין אין דער וועלט, גיי אַריין אין דיין לעבן... עפן אויף מיט דיין צאַרטער האַנט די גאָלדענע טיר צו דער וועלט... דיין וועלט וועט ווידער אויפגיין מיט דער זון צוקאָפּנס...

אָבער איך ווייס געניי וואָס די פאַרטרויערטע איוועט וועט מיר ענטפערן, מיך אָנקוקנדיק מיט פאַרשלאָסענע, מיט בלינדע אויגן, ווי זי וואָלט שוין זינט לאַנג נישט געוועזן צווישן די לעבעדיקע:

— עס איז צו שפּעט, מיין אַלטער פריינד, זיך ע־געץ־ווו צוריקקערן... קיינער פון אונדז איז מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע אויף דער וועלט... איך וועל שוין דאָ בלייבן שטיין אויף אייביק אויף דער בריק... אויף דער איינזאַמער בריק, און וויגן מיין קינד דורך אַלע נעכט פון דער אייביקייט...

נוי־יאָרק, דעצ. 21, 1985

## דער שטיין

דעם שטיין אין פעלד
איז גוט ווי די וועלט.

ר׳איז נאַקעט הויל,
און וויל אים וויל.

אים מאַכט ניט אויס,
ער לאַכט זיך אויס.

האָט גאָרניט — און אַלץ,
און איבערן האַלדז.

איז אָן אַ פאַרגלייך —
שטיין רייך.

## נעגל

נעגל — עט,
אַ שמעק טאַבאַק דער ווערט.

נעגל אָן קיינעם —
ווי רויך פון קוימען.

בקאָמפּאַניע —
אייזן.
קענען אַלץ באַווייזן.

זיי בינדן,
פאַראייניקן,
פון פּיצי־פּיצעלעך
זיי שאַפן.
שאַפן גוואַלדאָוונע זאַכן.

נעגל — קאָלאָסאַל
גרויסאַרטיק.
מאַכן פּיקס און פּאַרטיק.

אייניקייט —
דאָס איז דיר ניט קיין קלייניקייט.

## דער זייגער

די שטוב ברענט און דער זייגער גייט.
(פאָלקסווערטל)

עס ברענט די שטוב!
עס ברענט די שטוב!

און גלייך ביים ערשטן פונק פון דאַך
איז יונג און אַלט געשפּאַנט און וואַך,
דאָס גאַנצע שטעטל ווי סע איז
קיין רגע רוט ניט אויף די פיס.
פון עק צו עק, פון ראָג צו ראָג
ראָלט און ראָלט די גרויסע ראָד:
סע ברויזט
און קאָכט,
און יאָגט,
און טראָגט.

עס האָט דער הימל מיט דער ערד
זיך מיט אַ מאָל איבער־
געקערט.
עס ברענט!
עס ברענט!

און נאָר דער זייגער שפּילט דעם תם
און לאַכט זיך אויס פון טאַראַראַם.
און אויף דער ברענענדיקער וואַנט
פונקט ווי פריער
שפּאַנט ער,
שפּאַנט.

פונקט ווי פריער אַלץ ער גייט,
ווי מע האָט אים אָנגעדרייט.

ניט געכאַפּט און צו דעם טאַקט:
טיק־טאַק!
טיק־טאַק!

האַ?
סע ברענט?
איז זאָל עס ברענען.
ווען ער אַרט עס?
זאָל עס.
יענעם.
טיק־טאַק!
טיק־טאַק!

*

(אמר המחבר) — פּאַסקודניאַק!

# דער אייזל

דער אייזל איז פון דער נאַטור געווען...
געווען
פון יענעם דעם,
וואָס וואָלט געפּאַסט די וועלט פאַרקלינגען
מיט זיין פאַרדינטן גוטן שם.

ווייל ער האָט מעלות אַזעלכענע פאַרמאָגט
וואָס זיי באַטיילן געקלעקט וואָלט פאַר
אַ שטאָט.
און ווילט איר — איז רחמנות,
און ווילט איר — איז נאמנות,
און פריינדלעך — אַ פריינד אַ בראַווער,
אַ גוטער־ברודער,
אַ חבר־פּאַוער;
צו דעם אַ האָרעפּאַשנער,
אַ שווערער אַרבעטער אַ וואַזשנער,
און איבער אַלץ און אַל —
אַן עניו.
דערפאַר — אַ נאַר,
אַ טיפּש מדרבנן.

און פאַר זיין טיפּשות האָט יעדער אים
געקייט,
פון אים געחוזקט
און ניט געהאַלטן פאַר קיין לייט.
און דאָס האָט אים אין גאַל אַריין דערלאַנגט,
און דאָס נאָר אים געמאַכט האָט אַלט
און קראַנק.

— אָט נעם אַ הונט — האָט ער צו זיך
גערעדט —
ער בילט
און שילט,
און רייסט,
און יעדער האָט אים ליב און גלעט,
און ווו אַ שוועל — אָט דאָרטן ער בן־ביתט.

דערפאַר האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך דער
חמור תמים —
פאַרהיטעוועון דעם נאָמען.
און ער האָט מעשה כלב געגומען
רעווען ווילד,
און זיך געקאָפּעט,
און זיך געשטויסן
(אפילו אויך כמו געבילט)
און מיט רציחה אויף יעדן זיך געוואָרפן.
עס האָט אים אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפן.
עס האָט דער עולם פון אים געלאַכט
אין אַלע טירן און אַלע טויערן,
און נאָך אַ נאָמען צוגעטראַכט:
אַ הונט מיט אויערן.

# דער משל

דער משל כלומרשט שפּילט דעם תם,
ער רעדט ווי גלאַט אַזוי זיך סתם —
אַלץ מעשות, מעשות אָן אַ סוף
ווי אָנגעפּלאָנטערט פונעם שלאָף:
אָט דאָ פון פוקס, אָט דאָ פון אייזל,
און אָט פון וואָלף, און אָט פון שעפּס —
פון זייער כיטרעקייט דער בייזער,
פון זייער נאַרישקייט און שלעכטס.
און אַלץ איז אויסטערליש באַזונדער,
און זען זעט אויס ווי אַ בייזווונדער.

און דאָך — די מעשות זיינען שיין,
כאָטש אויפן קוק איז ווי אָן מיין.
נאָר גיסטו זיך אַ גוטן קלער,
דערטאַפּסטו דעמאָלט ווער איז ווער,
און דיר דערלאַנגט עס ביזן ביין:
דערקענסט דאָרט אָפט גאָר זיך אַליין.

שאול גוטמאַן / ניו־יאָרק

# מיט קאָליאַ טעפּער אויף אַ שיף פון וואַרשע קיין פּלאָצק

(אַ פראַגמענט פון מיינע יוגנט־זכרונות)

מיין באַגעגעניש מיט דעם אָריגינעלן, טיפּזיניקן און איקאָנאָקלאַסטישן עסייאיסט קאָליאַ טעפּער (דאָברוצי) איז פאָרגעקומען אין זומער, 1921. איך פלעג דעמאָלט אָפט צופאָרן פון מיין שטעטל קיין וואַרשע. די הויפּט־שטאָט פון פּוילן האָב איך געקענט זייט דעם אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין ווינטער, 1915, האָט די צאַרישע אַרמייאָנפירונג אַרויסגעגעבן אַן אוקאַז אַז אַלע יידן וואָס וווינען ביי דער ווייסל — אויף איין זייט ווייסל האָבן זיך פאַרפעסטיקט די דייטשע סאָלדאַטן, און אויף אונדזער זייט האָבן זיך באַפעסטיקט די רוסן — מוזן פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער. זייבען אַלע יידן פון אונדזער שטעטל — באָדזאַנאָוו — געוואָרן פּליטים אין וואַרשע, ווו מיר האָבן געוווינט אַרום אַ יאָר צייט. ערשט ווען די דייטשע אַרמיי האָט געהאַט איינגענומען דעם גרעסטן טייל פון קאָנגרעס־פּוילן, זיינען מיר צוריקגעפאָרן אַהיים.

אין וואַרשע האָט אונדזער משפּחה געהאַט אַ סך באַקאַנטע און פריינד. דער גרעסטער גביר אין באָדזאַנאָוו, קלמן וואַסערמאַן, מיין טאַטנס אַ ידיד, האָט זיך באַזעצט ביים אויסברוך פון דער מלחמה אין וואַרשע, און דערצו זיינען מיינע עלטערן אָפּט געפאָרן קיין וואַרשע איינקויפן סחורה פאַר אונדזער גאַלאַנטעריע־קראָם. זומער, 1921, האָב איך זיך געגרייט צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, ווו מיינע עלטערע ברידער און שוועסטער האָבן זיך שוין געהאַט עטאַבלירט. איך בין דעמאָלט געווען אַן אומדערזעטלעכער לייענער פון דער יידישער, פּוילישער, און וועלט־ליטעראַטור. אָבער, פון קאָליאַ טעפּער האָב איך גאָרנישט געהאַט געלייענט; איך האָב בלויז געוווּסט אַז ער איז אַן אינטערעסאַנטער לעקטאָר. איז, ווען כ׳האָב געלייענט אין „מאָמענט" אַז ער וועט האַלטן אַ רעפעראַט אין ליטעראַטן־פאַריין, אויף טלאָמאַצקע 13, האָב איך באַשלאָסן צו גיין אַהין.

אָבער, לאָמיר צוערשט פאַרצייכענען עטלעכע ביאָגראַפישע מאָמענטן וועגן קאָליאַ טעפּער. ער איז געבאָרן געוואָרן אין אָדעס, אין 1879, געענדיקט דאָרטן אַ גימנאַזיע, און באַקומען אַ יידישע דערציונג. ער איז געשטאַנען נאָענט צום קרייז פון אחד־העם, און האָט זיך קונה־שם געווען ווי אַן אויסערגעוויינלעכער רעדנער. ווי אַ ציוניסט איז ער אויך געווען דעלעגירט צו איינעם פון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן. צווישן 1901 און 1903 האָט ער געלעבט אין דער שווייץ, ווו ער איז צוערשט געווען אַ ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט; שפּעטער איז ער אַריבער צום „בונד" און איז געוואָרן פּאָפּולער ווי אַ שאַרפער דעבאַטאַנט.

פּסח־צייט, 1903, האָט ער אין פּינסק געהאַט אַ דעבאַטע מיט חיים וויצמאַן, וואָס האָט אים געגעבן אַ סך פּירסום, און ער איז געוואָרן דער טריבון פון סאָציאַליזם. ער האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע צווישן דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס. ער איז לאַנג נישט פאַרבליבן אין די רייען פון „בונד"; זיין אייגנאַרטיקע נאַטור האָט זיך נישט געקענט אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון אַ פּאַרטיי־אידעאָלאָגיע און דיסציפּלין.

אין 1907, ווען די צאַרישע רעאַקציע איז צוריק אַריין אין זאָטל, מוז ער אַנטלויפן קיין בערלין, און פון דאָרטן קיין אַמעריקע. דאָ, אין ניו־יאָרק, האָט ער זיך דערווייטערט פון סאָציאַליזם און איז אַריבער צום אַנאַרכיזם און אינדיווידואַליזם. ער האָט גרופּירט אַרום זיך דעם קרייז פון די „יונגע": די דיכטער זישע

לאַנדוי, משה נאַדיר, ה. לייוויק און אַנ־
דערע, אויף וועלכע ער האָט געהאַט אַ
גרויסע השפּעה.

קאַליאַ טעפּער באַטייליקט זיך דעמאָלט
אין פאַרשידענע צייטשריפטן, דערהויפּט
אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע", וווּ
ער האָט אונטערן פּסעוודאָנים ד׳אַברוצי
פאַרעפנטלעכט עסייען און פעליעטאָנען.
ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט איבער־
זעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור.
צוזאַמען מיטן שרייבער משה וואַרשע
האָט ער איבערגעזעצט אַ ריי דראַמען פון
א. טשעכאָוו און געאָרג בראַנדעסעס מאָ־
נאָגראַפיעס וועגן הענריק איבסען און
פרידריך ניטשע.

נאָך דער רוסישער מערץ־רעוואָלוציע
אין 1917, איז טעפּער אַוועקגעפאָרן פון
אַמעריקע קיין רוסלאַנד, געלעבט אין
סאַראַטאָוו, וווּ ער האָט שטודירט אין
אוניווערסיטעט גערמאַניסטיק. אין 1920
האָט ער געוואָלט צוריקפאָרן קיין אַמע־
ריקע, אָבער ער האָט נישט געקענט באַ־
קומען קיין וויזע, האָט ער געלעבט אין
וואַרשע און אין ווילנע; געהאַלטן רעפע־
ראַטן, און זיך באַשעפטיקט מיט געבן
ענגלישע לעקציעס. *)

דעמאָלט טאַקע, אין יענעם פּעריאָד פון
זיין לעבן, זומער 1921, בין איך געגאַנגען
הערן זיין לעקציע איבער דער יידישער
ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכקייט אין
פּוילן. דער זאַל וווּ ער האָט גערעדט איז
געווען איבערגעפּאַקט. דער לעקטאָר איז
געווען פון נידעריקן וווּקס, מיט אַ סענסי־
טיוו־אינטעלעקטועל פּנים, מיט אַ פליכע־
וואַטן קאָפּ, און אַן אויסדרוק „שוין אַלץ
געזען און געהערט." אין זיין רעפעראַט
האָט ער צעפּאַלמעסט אומרחמנותדיק,
מיט שאַרפזין, הומאָר, די דעמאָלטיקע
וואַרשעווער ליטעראַרישע גדולים; ער
האָט געבליצט מיט פּאַראַדאָקסן, מיט
איפּכא־מסתבראס וואָס האָבן ביי מיר
אַרויסגערופן אַ סך געלעכטער, און באַ־
וווּנדערונג. איך געדענק זיינעם אַ זאָג
וועגן הלל צייטלין: ער האָט אַ הימל, אָבער
קיין גאָט איז אין אים נישטאָ. איך גע־
דענק אויך אַז צווישן עולם האָט מען גע־
מורמלט, אַז צייטלין געפינט זיך אין אַן
אַנדער צימער פון ליטעראַטן־פּאַראיין,
אָבער צו דער לעקציע וויל ער נישט
אַריינגיין.

איך בין אַוועק פון דעם רעפעראַט
שטאַרק באַאיינדרוקט פון טעפּערס וויסן,
פון זיין אייגנאַרטיקייט, פון זיין אַרונטער־
רייסערישקייט. עס האָט זיך מיר געוואָלט
לייענען זיין ביכל לירישע עסייען און
פעליטאָנען: „זיגזאַגן", וואָס איז אַרויס
אין אַמעריקע — מסתמא ביים סוף פון
דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער האָט
פאַרלאָזט די פאַראייניקטע שטאַטן; אָבער,
אין פּוילן האָב איך עס נישט געקענט
קריגן..

עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך גע־
נומען די שיף („סטאַטעק" האָט מען גע־
רופן אַזאַ שיף אין פּוילן) צוריקצופאָרן
אין מיין שטעטל. איז ווי איך שפּאַציר
זיך דורך אויף דער שיף, וואָס איז גע־
פאָרן ביז פּלאָצק, דערקען איך פּלוצלונג
מיין „העלד"— ווי ער עסט זיין סאַנד־
וויטש; ער איז געפאָרן האַלטן אַ לעקציע
אין פּלאָצק.

איך האָב זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט,
און אים אויסגעדריקט אָנערקענונג פאַר
זיין אינטערעסאַנטער לעקציע. במשך דער
רייזע וואָס האָט געדויערט עטלעכע שעה
איז ער געווען פריינדלעך, צוגעלאָזן. איך
האָב אים דערציילט אַז אין גיכן עמיגריר
איך קיין אַמעריקע, און האָב אויסגעדריקט
מיין אומצופרידנקייט מיט דער יידיש־
פּוילישער יוגנט וואָס איז אַוועק לינקס,
אַ דרך וואָס איך קען נישט מיטגיין. אויף
דעם געדענקט זיך מיר האָט ער מיך
קאָמפּלימענטירט: „נידעריקער פון דורכ־
שניט זענט איר דאָך נישט; מסתמא זענט
איר העכער."

ווען די שיף פלעגט זיך אָפּשטעלן ביי
די שטעטלעך אויפן וועג קיין פּלאָצק,
זיינען אַרויסגעקומען כאַפּטעס יידישע
מיידלעך מיט קאָלירטע טיכלעך אויף די
קעפּ, באַרוועסע, פריילעכע, פלעגן זיי באַ־
גריסן די פּאַסאַזשירן אויף דער שיף.
טעפּער, אַט דער „קאַלטער גזלן", האָט
מיט התפעלות געזאָגט צו מיר: „ווי קענט
איר פאַרלאָזן אַזאַ מדינה, וווּ די גאַנצע
נאַטור אָטעמט יידיש"; ס'האָט מיר גע־
געבן אַ רמז אַז אין אַמעריקע וועל איך
עס נישט זען... איך האָב זיך געזעגנט

מיט קאַליאַ טעפּער און בין אַרונטערגעגאַנגען אין ווישעגראַד — אין סטאַנציע פּאַר פּלאָצק — אַרום 18 וויאָרסט פון מיין שטעטל; טעפּער איז געפאָרן ווייטער קיין פּלאָצק. מער האָב איך אים נישט געזען.

סוף 1922 איז טעפּער אַוועק קיין סאָוועט־רוסלאַנד. ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ אין לענינגראַדער אוניווערסיטעט. דערנאָך האָט ער זיך באַזעצט אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע, ווי אַן אויספאָרשער ביים פאָלקס־געריכט. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער, ווי אַ ריי אַנדערע יידיש־רוסישע קינסטלער און אינטעלעקטואַלן — ווי למשל באָריס פּאַסטערנאַק, נאַדיעזשדאַ מאַנדעלשטאַם, מ. גערשענזאָן — געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון רוסישן מיסטיציזם. ער, ווי אַ סך אַנדערע סענסיטיווע, סאָפיסטיצירטע, סובטילע נאַטורן, האָבן אָפּגעוואָרפן דעם מערבֿדיקן ראַציאָנאַליזם מיט זיינע פּאַנאַצייען וואָס האָבן אָפּגענאַרט.

ווען איך בין סוף 1921 אָנגעקומען קיין אַמעריקע האָב איך גלייך געקויפט זיין ביכל „זיגזאַגן", און ס'געפינט זיך אין מיין ביבליאָטעק ביז היינט־צו־טאָג (דערשינען אין פאַרלאַג „עכאָ", דאָס יאָר נישט אָנגעגעבן). ווען מען לייענט די דאָזיקע צייטנווייז לירישע, קוהלתדיקע עסייען, וואָס מאַכן אַ תל פון דער קאָנווענציאָנעלער חכמה, פון אַלע איזמען און וועלטדערלייזער, דערקענט איר אין אים אַן איידעלן, סקעפּטישן טראַכטער, וועלכער האָט „פאַרלוירן דעם גן־עדן" פון זיין אַמאָליקן גלויבן; אָבער ער קען אָן אמונה נישט לעבן.

עס ווילט זיך מיר פאַרענדיקן מיט אַן אויסצוג פון זיינס אַן עסיי אין די „זיגזאַגן, וואָס גיט אַן אַריינבליק — אין אַ ביסל שאַרזשירטער פאָרם — אין דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען יידן זיינען געוואָרן פאַרטריבן פון זייערע היימען אין דער צאַרישער אימפּעריע, און אַ סך זיינען אומגעקומען פון רדיפות, פון עפּידעמיעס, פון גוואַלדטאַטן מצד דער רוסישער אַרמיין:

## שבֿועות־מאָטיוון, תורה יריעות, דער באַרג־סיני

איך ווייס שוין פון לאַנג אַז מאָריס ראָזענפעלד איז אַ בדחן, אַ פּייטן, וווּנדער איך זיך נישט וואָס ער צעזינגט זיך לכבוד שבועות:

ניט רוצחע און ניט נואף — פיין
זאָלסטו, און אָנשטענדיק מיר זיין.

דאָס מוסרט דער אַלמעכטיקער זיין פאָלק ישראל. אַ פיינער וואָדעוויל געשפּרעך פון אַן עלטערער יידישער דאַמע מיט איר יונגינקן, פאַרשייטן באַלעבעסל.

לכבוד שבועות גיט זיך דער נאַציאָנאַל־פּראָלעטאַרישער דיכטער אַזאַ מין זאָג:

„אַן אייביק פאָלק האָט דער סיני געבאָרן, אַן אייביקן גלויבן, אַן אייביקן גאָט."

ניבול פה!

אַ מענטש איז נישט קיין קלענערער אַפּיקורוס פון אונדזער ב. פייגענבוים, און זייער ראָבערט אינגערסאָל. טאָ צו וואָס רעדט ער וועגן געטלעכע זאַכן און אייביקן גלויבן? האָט דאָך שוין ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, אינעם לויף פון זיין אַפּאָסטאָלישער קאַריערע באַוויזן אַזוי אָפט, און דוכט זיך, אַזוי איבערצייגנדיק, דאָס וואָס ער באַווייזט דאָס טויזנט־און־ערשטע מאָל מיטן אַלטן ברען און אומפעלבאַרער לאָגיק, אַז מיר יידן זיינען אַ וועלטלעכע נאַציע ווי אַלע אַנדערע, און ניט קיין רעליגיעזע — מעג דאָך דער נאַציאָנאַלער דיכטער אָן גלויבן אין האַרצן, לאָזן צורו דעם פון צופיל־רייד־פּראָפּאַנירטן הייליקן באַרג־סיני, און דעם אייביקן גאָט, ניט ריזיקירנדיק מיט זיין נאַציאָנאַלער קלאַסיקער רעפּוטאַציע.

נאָר גיי האָב טענות צום געקרוינטן קלאַסיקער, אַז די יינגערע, נאָך ניט געקרוינטע שניידן זיך אויף דעם זעלבן וועג. איז טאַקע לכבוד מתן־תורה נכשל געוואָרן משה לייב האַלפּערן. דער דאָזיקער יונגער געצן־צעשטערער האָט ליב אַ שטיקל פּיוט נישט וויני־

קער פונעם עלטערן דיכטער מ. ראָזענ־פעלד. טוט זיך לכבוד שבועות האַל־פּערן אַ פּלי צו זיך אין שטעטל, אין דער אַלטער שול אַריין, און זעט פאַר־ברענטע פּרוכתן, צעפּליקטע תורות, פאַרבלוטיקטע פּאַרמעטס — לאָזט ער אַרויס אין נאָמען פון אַלע קומענדיקע דורות יידן אַזאַ געגראַמטן מאַניפעסט־פּראָטעסט־געשריי:

מעגן אונדז די פעלקער שלאָגן—
ווי דער הימל זיינע שטערן,
וועלן מיר די תורות טראָגן
דורך דער וועלט.

נו, זאָגט: שרייבט מ. ל. האַלפּערן ערגער פון מ. ווינטשעווסקין, דוד עדל־שטאַטן, מ. ראָזענפעלדן, א. ליעסינען? וואָס איז שייך דער היסטאָרישער האַל־פּערן־רעזאָלוציע גופא, מוז איך דער־קלערן גאַנץ אָפנהאַרציק: איך ווייס ניט צי ס׳איז אַ יושר פאָדערן פון אונדז אַז מיר זאָלן זיין אַזוי רואיק און פילאָ־סאָפיש־סטאָאיש ווי דער געשטערנ־טער הימל; יענער האָט ניט קיין נערוון און פליייש, און יידישע צרות, איז אים, דעם הימל גוט. אָבער אונדז איז זייער ניט גוט.

אפשר מוחל זיין די גרויסע מיסיע? מיר ווייסן דאָך פונעם סוד: נישט די וועלט דאַרף אונדזער אַלטע תורה, און נישט מיר האָבן עפּעס אין רענצל: אויסגעליידיקטע, נאַקעטע בעטלערס זיינען מיר, און אונדזער מאַרטיראָלאָ־גיע איז אפילו אַ פּאָרס ניט, נאָר עפּעס דער־רוח־ווייס־וואָס.

אונדזערע קלויז־פּייטנים, די מנחמס, איינהאָרנס, י.י. שוואַרצס, זענען ניט גוזר קיין תעניתים, זיצן ניט טאָג און נאַכט איבער גמרא און מדרש, ברעכן ניט דעם יצר־הרע, און ניט דעם לעבנס־שטייגער זייערן — זיי ווילן באַשיצט און דערלייזט ווערן איינס־און־צוויי, טוענדיק אַ טונק זיך, פון צייט־צו־צייט אין די אומריינע וואַסערלעך פון קלויז־מליצה, און בית־מדרש־לעגענדע.

גענוג געשפּילט זיך מיטן בית־המדרש! אָדער מיר זיינען היינטיקע אייראָפּעער—טאָ ניט גענאַרט זיך: פון גן־עדן זיינען מיר פאַרטריבן, און ניט געלעשט וועט קיינמאָל אונדזער דורשט ווערן. אָדער, אין קלויז אַריין, אין בית־המדרש אויף אַן אמת, מיט די פּיס, הענט, קאָפּ, און האַרץ, און נישט נאָר מיטן מויל אין מינוטן פון פּאָע־טישער דערהאַלונג, אָדער מעדיטאַציע וועגן שיקזאַל פון יידישן פאָלק.

אַמאָל האָט געקיניגט דאָס הייליקע וואָרט, היינט דאָס וואָרט; אַמאָל דער גוטער ייד, איצט דער גוטער... שריי־בער, דער העלד פון אַ שפּאָגל נייער לעגענדע. לעגענדאַריש גרויס איז געוואָרן דער קליינער, נעבעכדיקער ריטער פון דער פעדער, אפילו ער— דער אָרעמסטער פון די אָרעמע.

(פון ד׳אברוצי: „זיגזאַגן”; ז׳ 69־74)

*) די ביאָגראַפישע פאַקטן וועגן קאַליאַ טעפּער זיינען באַזירט אויף זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַ־טור”, ערשטער באַנד, תרפ״ט; ווילנע 1928, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצ־קין, זייט 184־185.

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע.

אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

חיים שוואַרץ

# אין אַ לבנה-נאַכט

דער מענטש האָט געוואָגט און ער האָט דיך באַטראָטן,
דיין מיסטישן שלייער אַרונטערגעריסן;
נאָר וואָגן וועט קיינער אויך איצט מיר פאַרבאָטן
דיך בלאָסן, פאַרחלומטן פנים באַגריסן.

איך וועל, ווי אין יענע, נאָך קינדערשע יאָרן,
פאַרקוקן זיך לאַנג און פאַרגאַפט אויף דיין שמייכל;
כ׳וועל ווידער אין אַנדערע וועלטן פאַרפאָרן,
ווו ס׳קאָן ניט דערגרייכן דער פשוטער שכל...

ווו אַלץ איז ווי דאָ, אויף דער ערד צעגרינטער—
נאָר אַלץ איז דאָך אַנדערש, צעקלאָרט און צעליכטיקט;
ווו מענטש שפּאַנט געזיכערט און קוקט ניט אויף הינטער,
און ס׳וואָרט, ווי דאָס האַרץ זיינס, איז אמתדיק, ריכטיק.

ווו פריינדשאַפט גייט אויף, ווי אין פעלדער דער קאָרן,
זי וואַקסט און זי צייטיקט אין גאַנג פון די דורות;
און ווערט ווו פאַרוואַלגערט אַ שטעכיקער דאָרן —
ער קאָן ניט פאַרדאַרבן די צייטיקע פירות;

ווו פריינדלעכע היימען דעם באָדן באַצירן
מיט שפע געבענטשטער אין איטלעכן שייער;
און מענטש קען די הענט זיינע מעכטיק צעפירן
ווי קיינמאָל ניט פריער, אין רחבותן פרייע...

אַ דאַנק דיר, לבנה, פאַר הערלעך שפּאַצירן
אין גלאַררייכן רוים אַרום אונדזער פּלאַנעטע;
דעם וועג דיינעם קיינמאָל זאָלסטו ניט פאַרלירן
אפילו אין נעכט אין פאַרכמאַרעטע, שפּעטע...

אַ דאַנק דיר פאַר לאָזן מיר שפּינען און וועבן
די העלע חלומות, די קינדערשע, ווידער;
מער כוחות פאַר הייסע געראַנגלען צו שעפטן
און מער זיי פאַרפעסטיקן אין מיינע לידער.

(סעפט. 1982)

חיים קעניגער / פּאַריז

# צוויי לידער

## אין מדבר

אין מדבר שטייט די צייט און די זון
נעמט צו דעם חלל;
די ערד אונטער דיינע טריט צעפּאַלט
און פּאַלט אין נידערלאַנד.

די בלעטער ליגן טיף אין טאָל
און וואַרטן אויף אַ זונען־שטראַל.
די סאָסנעס רוקן זיך פון די הייכן
קאָנען נישט דעם טאָל דערגרייכן.
די ערד זי שיט זיך אַלץ טיפער און טיפער
ביז זי פאַרענדערט זיך אין שטויב.
איבער אַלע ליכטער פאַרלאָשענע פון צייט
די שטערן לייכטן איבער בערג ווייט, ווייט.
. . . . . . . . . .
און מיט גאָטס פינגער באַוועגן זיי
דעם קאָסמאָס.

## זילבער־נאַכט

די בלעטער פון בוים זענען אייגן,
די גרינע גראָזן אויף דער ערד
געבונדענע אין שווייגן
האָבן אויפבליען באַגערט.

אַריינגעפלאָכטן אין בלום און אין קרייטער
זיי זוכן דעם באַרג מיט מיין נאָמען
זיי קרייצן זיך ווייטער און ווייטער
און וואַרטן ביז איך וועל קומען.

דאָס אָפּגעריסענע מורמלען פון שרעק
שוועבט אין טונקעלע נעכט
וועקט מיך אויף אַ פרעמדן ברעג
ווו דאָרט וועל איך זיין פאַרקנעכט.

דאָרט קאָן זיך קיינער נישט ווערן
דער ים שווענקט אָפּ אומגעריכט
פון אויבערפלאַך די שטערן
און דעם שמייכל פון מיין געזיכט.

דוד אָפּאַלאָוו / ניו־יאָרק

## אין אַ מאָלערס סטודיאָ

אין פייער פלאַמעדיקע פאַרבן
האָט אויפגעשיינט געשטאַלט פון מענטש,
אין טראַגישקייט פון פאַרן שטאַרבן,
און אויך אין לייטערונג געבענטשט.
פון בראָנז אַ כמורעדיקע מאַסקע
האָט זיך אַנטפּלעקט אין פאַרב פון טויט,
אַרויסגעשטאַרצט, ווי בייזער ווונדער
פון פלאַמעדיקן מאַרגנרויט.
אַ פּרווו אין נאַקעטקייט אין ראָזער,
אין פולן יוגנטלעכן בלי
האָט אין איר ווייבלעך מילדער פּאָזע
דערמאָנט אָן ערדישקייט און גליק.
און אין דעם זעלבסטפּאָרטרעט פון מאָלער
אַ גרינגע דינקייט האָט געשוועבט,
און ווי דער זוניקער פרימאָרגן,
האָט ער אין פאַרבן אויפגעלעבט.

# שרייבערס און ביכער

חנן קיעל / ניו־יאָרק

## זלמן רייזען, דער טריבון פון יידיש

אין מיינע ייִנגלשע יאָרן איז מיר זלמן רייזען קוים אַ ביסל באַקאַנט געווען פון דער ביבליאָטעק. זיינע וויסנשאַפטלעכע אַנאַליזן איבער שפּראַך, גראַמאַטיק, אָרטאָגראַפיע זיינען געווען האַנטביכער פאַר לערער און פאָרשער. זיין לעקסיקאָן — דאַטעס, ביאָגראַפיעס פון שרייבער האָט געצויגן דעם אויפמערק פון ליטעראַטור־היסטאָריקער. דער יוגנטלעכער לייענער איז געווען פאַרליבט אין די נאָוועלן, פּאָעזיע פון דער יידישער און וועלט־ליטעראַטור, אין די עסייען פון אונדזערע דענקער און אידעאָלאָגן.

אין אונדזער נאַיוון יונג־ראָמאַנטיש געמיט האָבן מיר זיך עפּעס ניט פאָרגעשטעלט משפּחהדיקע מיט־שותּפים מיט אונדזער באַליבטן אַברהם רייזען. מיר האָבן ניט באַנומען די רייכע שאַפערישע פּערזענלעכקייט פונעם שטילן אַנאָנימען ברודער זיינעם, זלמן רייזען, דעם געלערנטן יידישיסטישן וויסנשאַפטלער, ייִדישאָלאָג, וואָס האָט אַנטפּלעקט פאַר אונדז דאָס עכטע גאָלד פון אונדזער לשון. ער איז געווען דער ניוטאָן פון אונדזער גראַמאַטיק און יידישע שפּראַך־געשיכטע. זיין פיר־בענדיקער לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור איז אַ פיל־פאַרביקע קאָנגלאָמעראַציע פון ביאָגראַפיעס, ווערק פון יידישע שרייבערס פון ווייטן אַמאָל, פון פופצנטן, זעכצנטן יאָרהונדערט ביז אונדזער צייט, ביזן סוף פון די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט.

אונדזער איצטיקער לעקסיקאָן האָט זיך געשטיצט אויף זלמן רייזען און געהאַט אַ שטאַב פון פאָרשער, היסטאָריקער און מאָדערנע ליטעראַטור־קענער. זלמן רייזען האָט די שווער־קאָמפּליצירטע אַרבעט געטאָן אַליין, אויף אייגענער האַנט, אָבער צווישן די הונדערטער נעמען וועט איר אין זיין לעקסיקאָן ניט געפינען זיין אייגענעם נאָמען.

אַט דער זעלטענער ייד־מענטש, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין שאָטן, האָט ניט געזשאַלעוועט קיין צייט און קיין מי צו זאַמלען און אַנטפּלעקן בכתב און בעל־פּה די יידישע קולטור־אוצרות. ער האָט געשפּרודלט מיט ענערגיע און ענטוזיאַזם, געווען פאַרטראָטן אין אַלע קולטור־אינסטיטוציעס, אַרומגעפאָרן איבער שטעט און לענדער, אויפגעשטעלט דערציונגס־צענטערס און שולן, געהאַלטן רעפעראַטן אין די סעמינאַרן, איבערזעצט פון אַנדערע שפּראַכן, געשריבן אַריינפיר־עסייען וועגן שרייבער און ממש געקעמפט ווי אַ ריטער פאַרן כבוד פון יידיש־לשון און מיט פאַרליבטקייט צום פאָלקס־מענטש. אין זיין פּרעציזער אַקאַדעמישער אַנאַליטיק און פּאָלעמיקס מיט פילאָלאָגן און ליטעראַטור־היסטאָריקער איז שווער צו דערקענען אַז זלמן רייזען איז אין זיין גאַנץ לעבן געווען אַן אויטאָדידאַקט.

מלך ראַוויטש אין זיינע זכרונות באַמערקט, אַז ס'איז מאָדנע, וואָס דער מענטש וואָס האָט מיט גענויקייט פאַרצייכנט דאָס קומען און אַוועקגיין פון אַלע יידישע שרייבערס, איז אַליין געקומען פון ערגעץ־וווּ און איז אַוועק און פאַרשוווּנדן ערגעץ־וווּ. דאָס איז אפשר אַ פּאָעטישער אמת. מיר ווייסן שוין גאָר פון וואַנען ער איז געקומען און וווּהין ער איז פאַרשלעפּט געוואָרן צו זיין טראַגישן ערגעץ־וווּ.

.2

זלמן רייזען איז געבוירן געוואָרן אין קוידענאָוו, 1887 און דערצויגן געוואָרן אין אַ ליטעראַריש־משכּילישער משפּחהדיקער סביבה. זיין טאַטע קלמן האָט געשריבן העברעישע שירים; זיין מאַמע איז

געווען אַ לייענערין און מבינה אויף פּאָעזיע; זיין שוועסטער שרה — אַ דיכטערין און איבערזעצערין, און זיין עלטערער ברודער, ווי פרויד וואָלט אים באַצייכנט, דער סופּער־עגאָ, וואָס האָט אין יונגערן זלמן אָנגעצונדן אַ ליבשאַפט צום יידישן לשון און יידישן אוניווערסאַליזם.

דער צווייטער וואָס האָט אים באַאיינדרוקט איז געווען חיים זשיטלאָווסקי, מיט זיינע עסייען וועגן יידישיזם און יידמענטש השקפה. פון 1915 ווערט ווילנע זיין היימשטאָט און אינספּיראַציע פאַר זיין לעבנסווערק. ער ווערט דער הויפּט מיטאַרבעטער אין דער צייטונג „די לעצטע נייעס", ווו ער פירט איין מאָדערנע אָרטאָגראַפיע. פון 1919 ווערט ער רעדאַקטאָר פון „ווילנער טאָג" און פירט אָן מיט דער צייטונג ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה — 1939. מחמת אָפטע קאָנפיסקאַציעס פון דער צייטונג מצד דער פּוילישער מאַכט האָט דער „ווילנער טאָג" אָפט געביטן דעם נאָמען.

זלמן רייזען איז אויך געוואָרן דער לעקטאָר אין יידישן פאָלקס־אוניווערסיטעט, לערער אין סעמינאַר און אויף פאַרשידענע קורסן. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון ייוואָ, מיטרעדאַקטאָר פון די ייוואָ־בלעטער, גרינדער און הויפּטטוער פון דער יידישער עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאָלקלאָר. ש. אַנסקיס באַרימטער רעפעראַט, זיין אייגנאַרטיקע השקפה וועגן יידישן פאָלקלאָר האָט זלמן רייזען פּינקטלעך איבערגעגעבן אַ דאַנק זיין סטענאָגראַפישן זכרון. דער רעפעראַט איז געהאַלטן געוואָרן אין ווילנע, 1918.

זלמן רייזען איז געוואָרן פאָרזיצער פון שרייבער־פאַראיין און פּען־קלוב. ער גיט אַרויס אויפסניי דעם „פּנקס", איבערזעצט ביכער פון טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי („פאַרברעכן און שטראָף") און אַנדערע וועלט־באַרימטע שרייבערס. זיין בוך „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע" אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ גרויסע צאָל אומבאַקאַנטע שרייבערס אין ערב בראשית פון דער יידישער ליטעראַטור.

„דער ווילנער טאָג" איז געווען אַ ליבעראַלע, געזעלשאַפטלעך־אַחריותדיקע צייטונג און אויף די שפּאַלטן פון יענער צייטונג פירט ז. רייזען אַ קולטור־קאַמף קעגן די אַסימילאַטאָרן, וואָס טראָגן אַ זעלבסטהאַס צום יידישן לשון.

ער פאָרט אַרום איבער דער וועלט, אַמעריקע, קאַנאַדע, אַרגענטינע, בראַזיל, און מיט זיין ווולקאַנישער ענערגיע און גלויבן בויט ער שולן, גיט אַרויס כרעסטאָמאַטיעס און דערמוטיקט יונגע שרייבער און קינסטלער. דאָס האָט ער אַריינגעפירט די יונג־ווילנער דיכטער און שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור.

זלמן רייזען איז אין ווילנע געוואָרן גערודפט פון דער פּוילישער מאַכט פאַר זיין ליבעראַלער באַציונג אין די צייטונג־אַרטיקלען צום ראַטנפאַרבאַנד און דאָך, ווען די סאָוועטן זיינען אין 1939 אַריין אין ווילנע איז ער געוואָרן אַרעסטירט פון דער ענקאַוועדע און פאַרשיקט ערגעץ־ווו. ווי מען גיט איבער איז ער אומגעקומען 1941 אין רוסלאַנד. דאָס אָרט איז מיר ניט באַקאַנט. זיין פרוי מרים איז אומגעקומען פון די נאַציס. זיינע צוויי זין זיינען באַפרייט געוואָרן פון „גולאַג" (ווי אַלע פאַרשיקטע פּוילישע בירגער) דורך דער שיקאָרסקי רעגירונג, און זיי וווינען היינט אין לאָנדאָן. איז מיר ליב צו דערמאָנען לויטן נאָטיץ אין „פאָרווערטס" סעפּט. 27, 1985 וועגן אַ לעקציע פאַר 87 יידיש־סטודענטן אין אָקספאָרד וואָס זלמן רייזענס זון לייבע האָט געהאַלטן אויף דער טעמע: „ווילנע, די קרוינשטאָט פון יידיש."

## .3

אין יענער קרוינשטאָט פון יידיש האָבן חוץ דעם פאַרעדטן ווילנער גאון געלעבט יידישע געלערנטע, תלמידי חכמים, וועלטלעכע אינטעלעקטואַלן, קינסטלער, פּאָעטן, פּראָזאַיקער, בינע־אַרטיסטן באַרימטע אין דער יידישער וועלט. צו דערמאָנען געציילטע פון זיי: דער קדוש א. ווייטער, דער פּאָעט משה קולבאַק, ד"ר וויינרייך, ש. ניגער, קאַלמאַנאָוויטש, ד"ר שאַבאַד און פיל פיל אַנדערע. אָבער זלמן רייזען איז געווען דער טריבון פון יידיש פאַר עקסעלאַנס. ער האָט אַרויסגערופן

חשיבות און דרך־ארץ פאַר מאַמע־לשון און געפּועלט אַז דאָקטוירים זאָלן רעדן צו זייערע פּאַציענטן יידיש.

זלמן רייזען איז ניט בלויז געווען אַן עקזאַקטער אַחריותדיקער פאָרשער, נאָר אויך עמאָציאָנעל באַגייסטערט פאַר פּאָעטישע ווערק, וואָס פאַרמאָגן אַ רייכע שפּראַך. מיט אַ חוש פאַר לינגוויסטיק ווייסט ער וואָס יאָ און וואָס ניט אָנערקענען פון העברעיזמען, פרעמד־ווערטער און אידיאָמען. ווען איז ריכטיק דער ווילנער אויסדרוק, דער ליטווישער, און ווען פּאַסט זיך בעסער דער פּוילישער אָדער וואָלינער אַרטיקל. ער דיסקוטירט מיט באָראָכאָווס צוגאַנג צו אָרטאָגראַפיע און שטענדיק דעצידירט ביי אים דער אַחריותדיקער פאָרשער, פילאָלאָג, און זיין נאָענטקייט צום פאָלקסמענטש.

די גראַמאַטיק פון זלמן רייזען איז אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט וואָס שטייט אויף אַ הויך־אַקאַדעמישן ניוואָ, וואָס נעמט אַרום ניט נאָר די שפּראַך־כללים נאָר אויך די טויזנט־יאָריקע געשיכטע פון יידיש ביז איר ירידה אין מערב־אייראָפּע און איר ווונדערלעכן אויפבלי אין מזרח־אייראָפּע (לויט רוזשאַנסקי).

חיים גינינגער, דער לינגוויסט, גיט איבער די באַגייסטערונג פון נח פּרילוצקי איבער זלמן רייזענס ליבשאַפט און לינגוויסטישן טאַלאַנט אין זיין גראַמאַטיק. אין זיין אַריינפיר וועגן יידישיזם ערב דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ דערציילט ז. רייזען וועגן אַ בוך מיטן נאָמען שם און יפת, אין וועלכן דער ניט אידענטיפיצירטער מחבר שרייבט, אַז ניט געקוקט אויף די אַלערליי דיאַלעקטן, פאַרשטענדיקן זיך יידן דורך יידיש אין אַלע לענדער פון דער וועלט. זלמן רייזען גיט אַן אָפּשאַצונג וועגן דער באַציונג פון די חובבי שפת עבר, אחד העם, ד״ר יוסף קלויזנער אין זייער קעגנערשאַפט צו יידיש, אָבער ער ווייזט אָן אַז ס׳זיינען געווען העברעישע שרייבערס, פריינד פון יידיש, ווי ד״ר מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, ראַווניצקי און אַנדערע, וואָס האָבן באַנומען, אַז טויזנט יאָר יידיש לשון און פאָלקס־שאַפן איז אומצעטיילבאַר פון דער יידישער געשיכטע און פון דער פילזייטיקער, פיל־פאַרביקער קולטור פון אונדזער פאָלק. פאַר דעם שטאַנדפּונקט האָט זלמן רייזען זיך געראַנגלט סיי מיט די העברעיסטישע סיי מיט די אַסימילאַטאָרישע קעגנער פון יידיש.

אין די הקדמות צו דער ערשטער, צווייטער און דריטער אויסגאַבע פון זיין לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, באַקומט מען אַ באַגריף פון זיין צוגאַנג, מאָטיוון, געראַנגל און שווערקייטן אין זאַמלען דעם מאַטעריאַל. אין די אַלע אויסגאַבן שטייט ער אין פאַרבינדונג מיט הונדערטער שרייבערס און רעכנט אויס מיט דאַנקבאַרקייט די נעמען וואָס האָבן אים אַרויסגעהאָלפן. צווישן אַנדערע: דינעזאָן, ספּעקטאָר, מאיר לאָנדאָן, אַברהם רייזען, א. וויעוויורקאַ אא״וו. אין זיין אַרבעט באַנוצט ער זיך מיט קאַטאַלאָגן, צייטשריפטן, ליטעראַטור געשיכטעס, פאַך־אָרגאַנען, מאָנאָגראַפיעס און ענציקלאָפּעדיעס. ער שיקט אַרויס אַנקעטעס צו שרייבערס און אַפּעלירט צו העלפן און קאָאָפּערירן אין זיין וויכטיקע שליחות.

פון 1926 הייבט ער אָן אַ נייע אויפלאַגע. די יידישע ליטעראַטור און פּרעסע האָט זיך אַנטוויקלט און צעוואַקסן און ס׳איז געווען אַ נויטווענדיקייט אין אַ נייער רעגיסטראַציע פון אונדזער ליטעראַרישן האָב און גוטס. באָראָכאָוו, אין זיין רעצענזיע וועגן דער ערשטער אויסגאַבע פון לעקסיקאָן („יידישע וועלט", ווילנע, 1914) טרעט אַרויס קעגן פאַלשן צוגאַנג אַז ביאָגראַפישע ענציקלאָפּעדיעס דינען דעם פערזענלעכן כבוד פון יחידים. זלמן רייזען איז מסכים מיט באָראָכאָוון אַז דער לעקסיקאָן דינט דעם כלל, דער אומשטערבלעכקייט פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. ער באַמערקט אויך אַז דער לעקסיקאָן האָט זיך ניט בלויז באַגרענעצט צו ביאָגראַפיעס, נאָר אויך זיך באַנוצט מיט אָפּשאַצונגען פון קריטיקער בכדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דעם מהות און דערגרייכונגען פון שרייבער.

זלמן רייזען שרייבט אַריינפיר־עסייען צו די ווערק פון שרייבער וואָס ער גיט

אַרויס זייערע מאַנוסקריפּטן: אייכלס דראַמע ר׳ הענעך, די בראָדער זינגערס, די רויז צווישן דערנער פון דוד זאַהיק, גאָטלאָבערס ווערק, דעם זבאַזשער ערענרייך און אַנדערע ווערק פון פאָלקלאָריסטן און דערציילער.

אין זיין בוך: „יידישע ליטעראַטור און יידישע שפּראַך" קומען אַריין די פאָרש־אַרבעטן און אָפּשאַצונגען וועגן אליעזר שולמאַן, געב. 1837, וואָס איז געווען פון די ערשטע ליטעראַטור־פאָרשער, און בער באָראָכאָוו, דעם פילאָלאָג און מאַרקסיסטישן באַגרינדער פון פּועלי ציוניזם.

פון זיינע וויכטיקסטע פּובליקאַציעס איז דאָס בוך „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע" מיט אַן אַריינפיר און ביאָגראַפישן מאַטעריאַל פון שרייבער. דער מאַטעריאַל איז פאַקטיש געווען אַ טייל פון לעקסיקאָן, אָבער ווי זלמן רייזען באַמערקט, „אַז צוליב מער סיסטעמאַטישקייט און איינהייטלעכקייט האָב איך די אַלטע יידישע ליטעראַטור ביז מענדעלסאָן אויסגעטיילט פאַר אַ באַזונדערן באַנד, דעם דריטן פון לעקסיקאָן."

אין זיין אַריינפיר צו דעם באַנד ברענגט ז. רייזען אַרויס דעם פאַקט, אַז די השכלה־ליטעראַטור אין יידיש האָט זיך מקדים געווען פאַר דער העברעישער. די השכלה באַוועגונג האָט געהאַט פון אָנהייב אַסימילאַטאָרישע טענדענצן. מענדעלסאָנס „באור" איז געווען די בריק צו דייטש (און ווי מיר וויסן — צו שמד). פרידלענדער האָט אין זיין סינאַגאָגע אָפּגעשאַפט סיי יידיש, סיי דייטש. גרעץ, דער היסטאָריקער, באַציט זיך נעגאַטיוו צו יידיש און חוזקט אָפּ פון חומש־טייטש אין פוילישן אָדער ליטווישן חדר.

זיי (די וויסנשאַפטלער „דעס יודנטומס") האָבן מיט זייערע מינדערוואַרטיקייטס־קאָמפּלעקסן איגנאָרירט די רייכע מיטלאַלטערלעכע ליטעראַטור אין יידיש, די תנכיש־יידישע פּאָעזיע, שמואל בוך, אליהו לעוויטאַס בבא־בוך, דעם בן־המלך והנזיר, מאָראַל לידער, כלה־לידער, מגילת ווינץ א״אַ.

גרויסע אַרבעטן, פלאַנירטע כרעסטאָמאַטיעס פון דער יידישער ליטעראַטור און אירע מוסטערן, און פון אליהו בחור ביז משה מענדעלסאָן צוגעגרייט צוזאַמען מיט מאַקס עריק און אַנדערע אַרטיקלען, וויכטיקע פאַר דער ליטעראַטור־פאָרשונג, געפינען זיך בלויז טיילווייז אין ייוואָ.

4.

מיט ליטעראַטור־געשיכטע האָבן זיך אויך פאַרנומען אַנדערע געלערנטע, ווי שולמאַן, עריק און ווינער. זלמן רייזען האָט מיט זיי געפירט פּאָלעמיקס וועגן צוגאַנג צו ליטעראַטור־פאָרשונג. די פאָלקס־ליטעראַטור האָט אַריינגענומען פרעמדע עלעמענטן, ווי מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט, סינבאַד דער ים־פאָרער, אַדאַפּטירטע מעשיות פון דער וועלט־ליטעראַטור און ניט־יידישן פאָלקלאָר. אים איז געווען ליבער דער קוואַל פון יידישלעכן לשון, ווי די סיפורי־מעשות פון רבי נחמן בראַצלאַווער, מעשות פון אלדד הדני און די רויטע יידעלעך אויף יענער זייט סמבטיון, פאָלקס־מעשות און פאָלקלאָר, וואָס פון זייערע קוואַלן האָבן געשעפּט די קלאַסיקער און דיכטער, פון פרץ ביז מאַני לייב, איציק מאַנגער און באַשעוויס זינגער.

דער חסידיזם, טראָץ דער צוריק־געשטאַנענקייט אין יענער צייט, איז געווען און געבליבן געטריי צום יידישן לשון. זלמן רייזען דערמאָנט רבי נחמן בראַצלאַווערס דיכטערישן טאַלאַנט און לוי יצחק מבארדיטשעווס „גאָט פון אַברהם", וואָס אונדזערע באָבעס פלעגן דערמיט אַרויסבאַגלייטן דעם שבת.

זלמן רייזען גיט איבער וועגן אהרן וואָלפסאָן האַלע, רעדאַקטאָר פון „המאסף" וואָס איז געווען פון די לעצטע יידיש־דייטשע שרייבער, און ד״ר מאַרקוזע, אַ המאַניסט מיט ליבשאַפט צו יידיש, וועלכער שרייבט אַ ספר הרפואות, אַ מין הויז־דאָקטער בוך וועגן היגיענע און דיעטעס.

צווישן די פיל אויסגערעכנטע שרייבער ווי גינצבורג, לעווינסאָן, ליגעצקי, אַקסנפעלד, איז פאַר מענדעלען דער וויכטיקסטער צווישן זיי געווען דער פּאָעט שלמה עטינגער, וואָס איז געווען באַאיינפלוסט פון זיין מיטצייטלער, היינריך היינע. עטינגער האָט געשריבן לידער, משלים אין גראַמען, און זיין דראַמע „סערקעלע" מיט אַ וווּנדערלעכן גאַליציאַנער דיאַ־

לעקט. די פּיעסע לאַכט אויס אויף אַ קאָמישן אופן דאָס באַלעבעסלדיקע משפּחה־לעבן. (רייזען)

ווען מיר פאַרגלייכן אָבער די פּרימיטיווע פּסעוודאָ־ליטעראַטור אפילו פאַר יענער צייט אין יידיש מיט דער וועלט־ליטעראַטור, קען מען זיך מאַכן אַ בילד פון דעם טרויעריקן קולטור־מצב און נידעריקן לעבנס־ניוואָ פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום. ס'האָבן נאָך פריער געלעבט געטע, שילער, בייראָן, פּושקין, מיצקעוויטש, גאָגאָל און היינע.

דער רענעסאַנס פון דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן מיט די קלאַסיקער און אין דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד, אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, מיטן פרילינג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור האָט זי אָנגעיאָגט די הויכקייטן און ווייטקייטן פון דער וועלט־ליטעראַטור.

פון דער פּלעיאַדע סאָציאַליסטישע דענקער און רעוואָלוציאָנערן ברענגט רייזען אַרויס די צווייערליי באַציונגען צום יידישן פאָלק און יידישער שפּראַך. די באָראָדניקעס, זונדעלעוויטש און אהרן ליבערמאַן, האָבן זיך באַנוצט מיט יידיש ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע־שפּראַך צו דערגרייכן די יידישע פאָלקס־מאַסן, אָבער אַלעקסאַנדראָוו האָט איבערגעלאָזט אַ רייכע יידיש־ליטעראַרישע ירושה פון לידער, פּעליעטאָנען, ביאָגראַפיעס און איבערזעצונגען פון גאָרקי, טאָלסטאָי און אַנדערע שרייבערס.

אינטערעסאַנט איז זלמן רייזענס עסיי וועגן דעם פאַרווירטן לייב יאָגיכעס טישקאָ, וואָס קומט פון אַ יידיש־אַריסטאָקראַטישער משפּחה אין ווילנע, אַ קאָמוניסט, וואָס האָט זיך לגמרי דערווייטערט פון יידישן לעבן, אַ מין ניט־יידישער ייד, ווי איסאַק דויטשער האָט דעם טיפּ באַצייכנט. אָט דער ווילנער קאָסמאָפּאָליט האָט אין די רעוואָלוציע־טעג 1919 אין בערלין אַרויסגעגעבן „די רויטע פאַנע“, און איז דערמאָרדעט געוואָרן אין יענער צייט, ווי קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג.

רוזשאַנסקי, צווישן זיינע 100 ביכער, האָט אויך אַ באַזונדער בוך — זלמן רייזען, מיט אַן אייגענעם אַריינפיר און עסייען פון גראַנאָווסקי, באָטאָשאַנסקי, יהואָש, מלך ראַוויטש, און אַנדערע שרייבערס, וואָס גיבן איבער וועגן זיינע אויפטוען אויפן געביט פון ליטעראַטור־געשיכטע, שפּראַך־פאָרשונג און דערציונג. אַזוי האָט ער רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן פאַר די שול־קינדער די אויסגעקליבענע שאַפונגען פון די קלאַסיקער, און אויך צוזאַמענגעשטעלט אַ כרעסטאָמאַטיע פאַר די פאָלק־שולן און מיטל־שולן: „דאָס לעבעדיקע וואָרט“.

אין רוזשאַננסקיס בוך זיינען אַריינגענומען די אינטערעסאַנטע רעדעס וואָס ז. רייזען האָט געהאַלטן אין אַרגענטינער פּען־קלוב און פאָרש־אַרבעטן וועגן אַרגענטינער יידן.

אין די אַלע רעדעס וואָס זיינען פרעזערווירט געוואָרן שריפטלעך אין זיינע עסייען, שפּיגלט זיך אָפּ זיין הומאַניסטיש יידישע השקפה, זיין עקשנותדיקער געראַנגל און ליבשאַפט פאַר יידישקייט; זיין זאָרג פאַרן גורל פון אונדזער לשון. יעקב באָטאָשאַנסקי, אין זיין עסיי וועגן זלמן רייזענס צוגאַנג צו גראַמאַטיק, ווייזט אָן אַז דער טאַלאַנטפולער שפּראַכקענער הערט זיך צו צום פאָלקס־לשון און אַלע זיינע דיאַלעקטישע ניואַנסן און אַרום דעם שאַפט ער די גראַמאַטיק. זלמן רייזען האָט אין זיך פאַרקערפּערט די שותפות פון געלערנטן און פאָלקסמענטש.

מלך ראַוויטש באַצייכנט אים ווי דעם יידישיסט צווישן יידישיסטן מיט די גרויסע פאַרליבטע אויגן און שטענדיקער גרייטקייט צו קעמפן פאַר פּרינציפּן. ער דערמאָנט דעם פּען־קאָנגרעס אין ווין, 1938, ווו זלמן רייזען האָט געפּרעדיקט וועגן יידיש, אין אַזאַ דיאַלאָג האָט אים אַן אונגאַרישער שרייבער געענטפערט אין יידיש: „מיין ליבער פריינד, מיך דאַרפט איר ניט איבערצייגן, איך בין דאָך אַ ייד; איבערצייגט די ניט־יידן.“

די זעלטענע פאַרזענלעכקייט זלמן רייזען איז געווען איינער פון די אומצאָליקע, אָפּטימיסטיש־פאַרגלויבטע יחידים, וואָס מען דאַרף זיי היינט זוכן מיט ליכט. ניט אומזיסט האָט ער אַדאָפּטירט ווילנע

(המשך אויף זייט 81)

לילי בערגער / פּאַריז

# צווישן חלום און האַרטער רעאַליטעט

(וועגן בוך „די ענציקלאָפּעדיע פון טויטע")

אין פראַנקרייך לעבן און שאַפן היינט אַ היפּשע צאָל אויסלענדישע שרייבערס. קיין נייעס איז דאָס נישט. אין דעם לאַנד וווּ עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון דער וועלט, ווי ס'האָט זיך ווער געהאַט אויסגעדריקט האָבן אויך אין די פריערדיקע צייטן, קירצער אָדער לענגער, זיך אויפגעהאַלטן אָדער זיך איינגעבירגערט גרויסע שרייבערס פון פאַרשידענע לענדער, ווי העמינגווי, דזשיימס דזשאָיס, סאַמועל בעקעט האָט פאַריז אויסגעקליבן זינט 1938 פאַר זיין נייע היים — אויב נאָר דערמאָנען די דריי. היינט צו טאָג פאַרקערן זייערע שיפלעך צו די פראַנצויזישע ברעגן שרייבערס צוליב באַזונדערע סיבות; דער גרעסטער טייל פון זיי פאַרלאָזן זייערע געבוירן־לענדער צוליב מאַנגל פון פרייהייט, זיי קומען אָפּעטעמען אינעם לאַנד פון אַזיל־רעכט. און נישט איינער פון זיי שטעלט אויף זיין געצעלט אויפן פאַריזער ברוק ווי אַ נייע, שטענדיקע היים, ווי דער שפּאַנישער שרייבער סאַמפּרען, וועלכער שרייבט שוין צומאָל זיינע ראָמאַנען אין פראַנצויזיש, ווי דער אַרגענטינער שרייבער ביאַנטשיאָטי, וועלכער האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַן אינטערעסאַנטן ראָמאַן געשריבן אין פראַנצויזיש.

אַ באַדייטנדיקער טייל געקומענע אַהער שרייבערס שטאַמען פון צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע, ווי דער טשעכישער שרייבער מילאַן קונדעראַ, ווי דער רוסישער שרייבער מאַקסימאָוו. צווישן די אָפּשטאַמיקע פון יענע לענדער פאַרנעמט לויט זיין שאַפערישן מהות אַ באַזונדער אייגנאַרטיק אָרט דער יוגאָסלאַווישער שרייבער דאַנילאָ קיש.

שוין אין זיין געבוירן־לאַנד איז קיש געווען אַ מין איבערוואַנדערער. געבוירן אין 1935 ביי דער יוגאָסלאַוויש־אונגאַרישער גרענעץ, האָט ער זיין קינדהייט פאַרבראַכט אין אונגאַרן; אַ סברה, אַז צווישן דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, און אין מאָנטענעגראָ; אין זיין רייפער עלטער געלעבט און געשאַפן אין בעלגראַד. זיין שרייבערישע שפּראַך איז סערבאָ־קראָאַטיש און אין איר האָט ער אין זיין לאַנד איבערגעזעצט אונגאַרישע, רוסישע און פראַנצויזישע פּאָעזיע. זינט ער געפינט זיך אין פראַנקרייך איז אַ האַלבער טוץ פון זיינע ביכער דערשינען אין פראַנצויזישער איבערזעצונג אין באַדייטנדיקסטן פאַרלאַג „גאַלימאַר". מיט אַן ערך פינף יאָר צוריק איז זיין גאַנץ ווערק געקרוינט געוואָרן מיט אַ הויכן ליטעראַרישן פּרייז פון דער שטאָט ניצע. מיט חדשים צוריק איז דערשינען זיינס אַ ניי בוך, אויך אין פאַרלאַג „גאַלימאַר", אין אויך באַקומען אַ ליטעראַרישן פּרייז.

* * * * *

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער שאַפונג פון דאַנילאָ קיש איז געווען אין 1980, ווען כ'האָב געהאַט, גלייך נאָכן דערשיינען, איבערגעלייענט זיין בוך „אַ קבר פאַר באָריס דאַווידאָוויטש", וואָס האָט איבערגעלאָזט ביז היינטיקן טאָג אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. דאָס בוך באַשטייט פון זיבן סקיצן, אָדער אויב מען וויל, דערציילונגען, וואָס זענען אינערלעך געבונדן און בילדן אַ גאַנצקייט. איינע פון די דערציילונגען, וואָס האָט געגעבן דעם טיטל פאַרן בוך, איז די געשיכטע, אָדער ביאָגראַפיע פון באָריס דאַווידאָוויטש, אַ יידישער יונגער מענטש, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן, זיין טאַלאַנט מיט מסירת־נפש אָפּגעגעבן, סיי אין די צאַרישע צייטן, סיי אין די סאָוועטישע באַדינגונגען, דער זאַך פון דער רעוואָלוציע און לסוף דערפירט געוואָרן דורך די „אייגענע" צו אַ שוידערלעכן אומקום; אַ פאַרפייניקטער האָט ער איינער אַליין, נאָך אַ פּרווו צו אַנטלויפן פון אַ גיהינומדיקן „גולאַג", אויסגעקליבן אַ גרויליקן טויט איידער צוריק אַריינצופאַלן אין די נעגל

פון זיינע פייניקער. „אַ קבר פאַר באָריס דאַווידאָוויטש" איז אַ טיף טראַגישע געשיכטע פון אַ רעוואָלוציאָנערן קעמפער און איינצייטיק די געשיכטע פונעם באַנקראָט פון דער רעוואָלוציע, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט.

מיר האָט זיך אויך אין יענעם בוך געוואָרפן אין די אויגן די מערערע יידישע געשטאַלטן, יידישע מאָמענטן, שטייגער, און ביי אַ געלעגנהייט זיך נאָכגעפרעגט אויפן שרייבער. „ער איז דאָך אַליין פון יידישער אָפשטאַמונג", האָט מיר אַ באַהאַוונטער קאָלעגע אויפגעקלערט. הגם כ'האָב נישט גערן דאָס וואָרט „אָפשטאַמונג", זענען מיר געוויסע ענינים קלאָר געוואָרן.

* * * * *

איצט האָב איך איבערגעלייענט זיין אַקאָרשט ניי־דערשינען בוך, וואָס באַשטעטיקט ווידער (הגם כ'האָב זיינע אַנדערע ביכער נישט געלייענט), אַז דאַנילאָ קיש איז אַן עכט אָריגינעלער שרייבער, אַ קרעפטיקער פראָזאַיקער און אַז די יידישע טעמע איז אים נישט פרעמד. דאָס ניי־דערשינענע בוך איז אַ זאַמלונג פון ניין נאָוועלן, באַוואָרנט מיט אַ פאָסט־סקריפטום. דעם אמת געזאָגט איז מיר נישט צום האַרצן אַ פאָסט־סקריפטום צו אַ בעלעטריסטיש ווערק. מ'דאַרף לאָזן דעם לייענער זיך אַליין פונאַנדערקלייבן. אין דעם פאַל איז אָבער דער פאָסט־קריפטום נייטיק צוליב דעם מעטאַפיזישן, טיילווייז מיסטעריעזן אָדער מיסטישן אינהאַלט פון געוויסע נאָוועלן, וואָס דערשיינען אונטער דעם געמיינזאַמען, טיילווייז אויסטערלישן טיטל: „די ענציקלאָפעדיע פון געשטאָרבענע", אויב מען וויל קאָן מען דאָס איבערזעצן — „די ענציקלאָפעדיע פון טויטע". און די פליגלען פון טויט פילט מען בפירוש שוועבן אין בוך. ס'איז אַ געפלעכט פון ליבע צום לעבן — ליבע קורץ געזאָגט — און דעם נסיון פון טויט, פון רעאַליטעט און פאַנטאַסטיק, חלום און האַרטע וואָר. דערביי האָט דאַנילאָ קיש אַרויסגעוויזן אין זיין בוך אַ סך ערודיציע, באַהויכט עס מיט ליריזם און דינער איראָניע.

די נאָוועלן טראָגן אונדז איבער אין פאַרשידענע לענדער, נאָענטע און ווייטע און אויך אין פאַרשידענע צייטן. אין דער ערשטער נאָוועלע אונטערן טיטל „סימאָן דער מאַגיק", דער בונטאַר קעגן ערדישער און געטלעכער הערשאַפט, טראָגט אונדז דער שרייבער איבער אַזש קיין יהודה און שומרון אין ערשטן יאָרהונדערט, ווען פאַר די ערשטע נאָכפאָלגערס און תלמידים פון געקרייציקטן ישו הנוצרי האָט נאָך גאָט געהייסן אלהים.

וואָס אָבער האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט אַן ענציקלאָפעדיע פון געשטאָרבענע אָדער טויטע? פון וואַנען דער אויסטערלישער טיטל פון בוך?

ס'איז דער טיטל פון אַ נאָוועלע, וואָס פאַרמאָגט אויך אַן אונטערטיטל, וואָס לויטעט: „אַ גאַנץ לעבן". און ווירקלעך איז דאָס אַ גאַנץ לעבן פון אַ מענטשן. ס'איז אַן אינטערעסאַנטע, לאַנגע געשיכטע, נאָר איך וועל דאָס מאַכן בקיצור: די נאַראַטאָרין פון דער נאָוועלע איז אַ טאָכטער פון אַ יוגאָסלאַווישן ביגער וואָס איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן פון אַ ראַק. נאָך זיין טויט האָט די טאָכטער, אַ צעקלעמטע פון אומגליק, אויף דער פאַרבעטונג פון אַ שטאָקהאָלמער אינסטיטוט פון טעאַטער־קונסט, זיך געלאָזט אין דער שוועדישער הויפטשטאָט, וווּ אַ באַרופענע דאַמע האָט זי געפירט אויף טעאַטער־פאָרשטעלונגען, געוויזן אַנדערע וווּנדערלעכקייטן פון דער שטאָט און אָט אין אַ שפעטן אָוונט, אַריינגעפירט זי אין אַ גרויסער ביבליאָטעק, איבערגעגעבן זי דעם וועכטער, וועלכער האָט מיט אַ שליסל געעפנט פאַר איר די ביבליאָטעק־זאַלן, צוריק פאַרשלאָסן און פאַרשוווּנדן.

אַרומקוקנדיק זיך אין דער געהיימניספולער ביבליאָטעק, באַטראַכטנדיק די פילע בענדער האָט זי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ באַנד, וווּ ס'האָט זיך געפונען די ביאָגראַפיע פון איר געשטאָרבענעם פאָטער. זיין גאַנץ לעבן איז מיט אַלע פרטים געווען אַרויסגעבראַכט און געבונדן מיט די געשעענישן פון דער עפאָכע. באַרוישט פון דער אַנטדעקונג האָט די נאַראַטאָרין געלייענט און געלייענט פונעם אָנהייב ביזן סוף. און אָט האָט זי, אַ באַגאָסענע מיט

שוויס, זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי פון שלאָף און געכאַפּט זיך, אַז זי האָט געהאַט אַ קאָשמאַרן חלום.

נו, חלומות, זאָגן געלערנטע מענטשן, האָבן עפּעס וואָס געמיינזאַמס מיט דער ווירקלעכקייט. ווען און ווו האָט מען גע־הערט וועגן אַ ספּעציעלער ענציקלאָפּע־דיע פון טויטע? און אין זיין פּאָסט־סקריפּ־טום דערמאָנט דאָך קיש די ווערטער פון נאַבאָקאָוו: „איך פּערזענלעך האָב קיין־מאָל נישט פאַרשטאַנען צוּוואָס דאָס נוצט אויסצוטראַכטן ביכער אָדער צו באַשרייבן זאַכן, וואָס האָבן קיינמאָל אויף וועלכן ס'זאָל נישט זיין אופן ווירקלעך געהאַט אַן אָרט אָדער געשען." פאַראַן אָבער זאַכן וואָס עקזיסטירן און וועגן וועלכע מען ווייסט נישט. דערוויסן מיר זיך טאַקע פון פּאָסט־סקריפּטום, פון אַן אויספירלעכן ציטאַט, אַז אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן, אין דעם שטאַט יוטאַ, זענען אין ספּעציע־לע געביידעס אין די בערג פאַראַן אויס־טערלישע אַרכיוון־דאָקומענטן אין וועלכע ס'זענען פאַרעגיסטרירט מיט איינצל־הייטן אַכצן מיליאַרד טויטע און אויך פּערזאָנען, וואָס לעבן נאָך. צונויפגעזאַמלט האָט דאָס אַ גענעאַלאָגישע געזעלשאַפט פון אַ באַקאַנטן קלויסטער. דער ציל פון אַזאַ אונטערנעמונג איז צו מאַכן אויף מיקראָפילמען דעם אינווענטאַר פון מענטשלעכן מין. איז פאַרוואָס זאָל מען זיך נישט קענען פאָרשטעלן אַן ענציקלאָ־פּעדיע פון טויטע אין עמעצנס אַ חלום, אַ קרעאירטע דורך אַ שרייבער?

* * * * *

ס'וואָלט זיך גרייִלעך געלוינט כאָטש קורץ אָפּצושטעלן אויף יעטוועדער נאָוועלע. דעם יידישן לייענער אָבער וועט זיכער גאָר באַזונדער אינטערעסירן די יידישע טעמאַטיק, וועלכער דאַנילאָ קיש שענקט אַ היפּשן אָרט. אַט ברענגט ער אַרויס אַ יידישע משפּחה פון אונגאַרן פון דער צווייטער העלפט פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט (אין דער נאָוועלע „דער שפּיגל פון אַן אומבאַקאַנטן"). ברענער איז אַ יידישער סוחר פון שטעטל שעגעד. ער פאַרמאָגט אַ ווייב מיט דריי טעכטערלעך און אַ פערד און וואָגן מיט וועלכן ער פאָרט אַרום צוליב זיינע מסחרים. יידישע עלטערן ווילן בילדן זייערע קינדער. פּירט ברענער מיט זיין פערד און וואָגן די צוויי עלטערע טעכטערלעך קיין אַראַד צו פאַר־שרייבן זיי אין גימנאַזיע. אין שטוב בלייבט דאָס ווייב מיטן יינגסטן טעכטערל פאַר וועלכער דער טאַטע האָט געהאַט געקויפט ביי אַן אומבאַקאַנטן ציגיינער אַ שפּיגעלע.

מוטער און קינד דערוואַרטן דעם צוריק־קער פון די זייעריקע. אָבער ברענער איילט זיך נישט, כאָטש דער אָוונט פאַלט צו. ער לאָזט דעם פערדל זיך אַ ביסל אָפּרוען און אַליין טראַכט ער זיינע טראַכ־טענישן. „וועגן וואָס טראַכט אַ ייד אַ סוחר פון צענטראַל־אייראָפּע אין טאָג פון זיין טויט"? אין אַט דער הייסער מינוט פרעגט זיך דער לייענער: פאַרוואָס אין טאָג פון זיין טויט? איז האָב געדולד, לייענער, וואַרט ביזן סוף. דערווייל טראָגט אונדז איבער דער שרייבער אין ברענערס שטוב, ווו דאָס יינגסטע מיידעלע האָט זיך אויפ־געריסן פון שלאָף מיט אַ האַרצרייסנדיקן געשריי. זי האָט געזען אין שפּיגעלע ווי מ'איז באַפאַלן דעם טאַטן מיט די שוועס־טערס. „זיי זענען אַלע טויט"! — שרייט זי מיט באַנומענע קולות.

סוף מעשה: ברענער און זיינע טעכ־טערלעך זענען טאַקע באַפאַלן און דער־מאָרדערט געוואָרן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן. די מערדערס האָט מען געפונען. זיי האָבן זיך אפילו מודה געווען אין מאָרד און רויב. בלייבט אָבער דער סוד: ווי אַזוי האָט דאָס מיידעלע אין שטוב עס געקענט זען אין חלום? דאָס געהערט שוין צו דער מיסטעריע פון דאַנילאָ קיש.

די יידישע טעמאַטיק איז ביי אים אַ פאַרשידנאַרטיקע. אַט טראָגט ער אונדז איבער (אין דער נאָוועלע: „די געשיכטע פון לערער און תלמיד) אין פּראַג פון סוף פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווו עס לעבט און שאַפט דער יידישער ערודיט בן האַאַס, וועלכער האָט אָנגעהויבן שרייבן העברע־ישע פּאָעמעס צו פערצן יאָר, דערנאָך עולה־רגל געווען אין הייליקן לאַנד; צוריקקומענדיק האָט ער געשאַפן אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע אונטערן טיטל: „היום", גרופּירט אַרום איר אַ קרייז שאַ־פערישע מענטשן; אין זיינע פילאָסאָפישע

באַטראַכטונגען איז בן האַאָס געקומען צום אויספיר, אַז די קונסט און מאָראַל שפּאַרן זיך נישט אָן אויף די זעלבע פּרינציפּן און דאָס האָט אים אויך באַשטעטיקט ווען ער האָט אַנאַליזירט די ביאָגראַפיעס פון דוד המלך, יהודה הלוי, שלמה איבן גבירול. געטריי זיין פילאָסאָפישן געדאַנקען־גאַנג איז אים אויסגעקומען שווער איבערצואַרבעטן אַ גרויסן מאמר פון זיינעם אַ תלמיד. נאָכן דערשיינען פונעם מאמר אין בוך־פאָרם האָט בלויז דער יונגער ביאַליק דערקענט, אַז אין דער אַרבעט שטעקט די האַנט פונעם ערודיט.

וויפל ס'איז אין דעם אַלעמען פאַראַן געשיכטלעכער אמת און וויפל פאַנטאַזיע, אימאַגינאַציע, איז אַ זאַך פאַר זיך. עס גייט אָבער אין דעם, אַז דער שרייבער פירט אונדז אַריין אין אַ יידישער סביבה פון שעפערישקייט. און זעט אויס, אַז יידישע גייסטיקייט איז אים נישט פרעמד.

און אָט איז אין אַן אַנדערער נאָוועלע („רויטע צייכנס פון לעבנס אָפּבילד") אַן אַנדערשדיקע יידיש־שעפערישע סביבה מיט איר טראַגיזם. ס'האַנדלט זיך אין דער ליטעראַרישער ירושה פון אַן אָנגעזעענעם יידישן דיכטער, וועלכער איז דערמאָרדערט געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד. די גאַנצע נאָוועלע באַשטייט פון אַ לאַנגן, פּאָעטישן און רירנדיקן בריוו פון דיכטערס געוועזענע געליבטע, וועלכע ווייזט אָן אויף די אויסקרימענישן פון דער קריטיק ביים אָפּשאַצן דעם דיכטערס ליטעראַרישע ירושה. דערביי גיט זי צו וויסן, אַז די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס די אַרויסגעבער פון זיינע ווערק זוכן, וועלן זיי קיינמאָל נישט געפינען, ווייל זי אַליין האָט זי פאַרניכטעט. „דאָס, וואָס די שרעקלעכע 'שווערד' פון דער רעוואָלוציע האָט נישט באַוויזן צו פאַרניכטן, האָט דער שגעון פון ליבע פאַרניכטעט." ווייל „..איר ווייסט דאָך, אַז אין יענעם יאָר האָט מען ליקווידירט אַלע יידישע מיטגלידער פון דער שרייבער־אָרגאַניזאַציע..." ובכן, אומדירעקט, פון אַ דערמאָרדערטן שרייבערס אַ פריינדין דערגייען צו אונדז די אָפּקלאַנגען פון דער גרויסער טראַגעדיע פון די יידישער שרייבערס אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אַ באַזונדערן אויפמערק וועט דער יידישער לייענער שענקען דער טעמע וועגן די טרויעריק־באַרימטע „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון" (נאָוועלע: דאָס בוך פון קיסרים און טיפּשים).

ווי געוויינלעך, איז אויך אין דער נאָוועלע די פּראָזע קאָנדענסירט, צימצומדיק. אויף עטלעכע פערציק זייטן די לאַנגע געשיכטע מיט אירע טראַגישע נאָכפאָלגן. דערביי שטיצט זיך דער שרייבער אויף אַן ערנסטער דאָקומענטאַציע. מיר געפינען דאָ דעם אורשפּרונג פון דער פאַבריצירטער פעלשונג, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין צאַרישן רוסלאַנד און וועמענס פאָטערס עס זענען געווען די אָכראַנע און די צערקווע, דירעקט דער הייליקער פאָטער סערגיי נילוס. מיר דערזעען דאָ ווי גיך דאָס גיפטיקע בוך וועגן אַ כלומרשטער פאַרשווערונג פון יידנטום קעגן דער קריסטלעכער וועלט, קעגן די דעמאָקראַטישע לענדער, האָט אַריבערגעשפּרייזט די גרענעצן פון רוסלאַנד און זיך פאַרשפּרייט ווי אַ געפערלעכע מגיפה.

דאַנילאָ קיש פירט אונדז איבער לענדער און קאָנטינענטן און ווייזט ווי דאָס געפעלשטע בוך האָט געזייט שנאה צו יידן, פּראָוואָצירט פּאָגראָמען, געבראַכט הונדערטער טויזנטער קרבנות.

„די פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון" זענען אויך געווען היטלערס באַליבטע לעקטור ווען ער איז נאָך געווען דער אומבאַקאַנטער אַמאַטאָר־מאָלער. אין היטלער־דייטשלאַנד, דערוויסן מיר זיך, זענען די „פּראָטאָקאָלן" דערשינען אַזש אין דרייסיק אויפלאַגעס. און קיש באַמערקט מיט זיין געוויינלעכער איראָניע, אַז „אויף אַ געוויסן סעמינאַריסט פון גרוזיע, וועלכער איז דערנאָך באַרימט געוואָרן, האָבן די „פּראָטאָקאָלן" געווירקט שטאַרקער ווי די עוואַנגעליע." יאָ, אַלע מאָדערנע דיקטאַטאָרן האָבן, חוץ זייער שנאה צו יידן, געשעפּט אין די „פּראָטאָקאָלן" די מעטאָדן פון הערשאַפט, וואָס דאָס געפעלשטע בוך האָט צוגעשריבן דעם יידנטום. און קיש אילוסטרירט דאָס מיט ציטאַטן פון די „פּראָטאָקאָלן".

ליידער איז דאָס פאַבריצירטע גיפטיקע בוך נאָך נישט קיין זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. פון צייט צו צייט דערהערט

(המשך אויף זייט 85)

# א הסתדרות
# אניואיטי טראסט-קאנטראקט
— פון דער —
# ישראל הסתדרות פונדאַציע
אינקאָרפּאָריטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן)

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט״־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס״־שטייער אויף סעקיורטיס, וואָס איר האלט לענגער ווי 6 חדשים.

**זייט איר פאַראינטערעסירט...**

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט פונדאַציע.

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, ערן־פּרעזידענט • אַברהם פרענק, דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Suite 402 • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 608-6334

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..............................................................

Address..............................................................

Date of Birth.................................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..............................................................

Date.........................Signature of Applicant..............................

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# מיניאַטורן פון נאָענט און ווייט

(נייע ווערק וועגן אַלטע שרייבערס)

## יאַראָסלאַוו האַשעק

אין ענגליש זענען לעצטנס דערשינען אינטערעסאַנטע ווערק וועגן אַ ריי גרויסע שרייבערס פון 19טן און 20סטן יאָרהונדערט. אָט זענען אַרויסגעקומען נייע ווערק וועגן דעם באַרימטן אַמעריקאַנער הומאָריסט מאַרק טוועין און וועגן טאָלסטאָיען. ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָט איך פאַרצייכנט די ווערק וועגן זיי, געשריבן דורך באַוווּסטע ביאָגראַפן אין דיקע וואָגיקע ביכער (אין כמות און אין איכות. למשל, הענרי טראָיאַטס ביאָגראַפיש בוך וועגן טאָלסטאָיען האָט 760 זייטן).

נישט לאַנג צוריק האָב איך געלייענט אַ נייע בוך וועגן טאָלסטאָיען, געשריבן דורך זיין עלצטער טאָכטער טאַטיאַנאַ א״נ „געדענקענדיק טאָסטאָיען", מיט אַן אַריינפיר פון פּראָפעסאָר דזשאָן ביילאַי — און פאַרן לייענען דאָס בוך האָב איך געמיינט, אַז מען האָט שוין וועגן אים אַלץ געשריבן אין אַזוי פיל אַנאַליטישע און ביאָגראַפישע ביכער. דאָך קומען אַרויס נייע צוגאָבן, וואָס וואַרפן אַ שיין אויף די טונקעלע מאָמענטן פון זיין לעבן און טויט (איין קאַפּיטל אין טאַטיאַנאַס בוך הייסט טאַקע: „מיין טאַטנס טויט").

לעצטנס איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַ בוך וועגן יאַראָסלאַוו האַשעק — מחבר פון דעם אומשטערבלעכן ווערק „גוטער סאָלדאַט שווייק". דער ביאָגראַפער איז סער סעסיל פּאַראָט, וועלכער האָט געהאַט אַ צוטריט צו די רוסישע און טשעכישע אַרכיוון פון דער אָכראַנע און אויפן סמך פון די באַריכטן דאָרטן האָט ער געצייכנט דעם פולן פּאָרטרעט פון האַשעקן.

דערציילט אונדז דער ביאָגראַפער וועגן די פערציק טראַגי־קאָמישע יאָרן פון האַשעקן דעם נאָן־קאָנפאָרמיסט־פּרינץ, וועלכער האָט געהאַט נאָך מזל צו שטאַרבן אין 1923 און דעריבער איז ער ביי דער אָכראַנע פאַרצייכנט אַלס „העלד פון קאָמוניזם". וואָלט ער געלעבט אין די טרויעריק־באַרימטע סטאַלין־יאָרן, וואָלט ער זיכער געוואָרן אַ „פּאַציענט" אין די פּסיכיאַטרישע שפּיטאָלן...

שוין דער טיטל פון בוך („דער שלעכטער באָהעמיקער") איז דאָך מרמז אויף זיין אויפפירונג. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז געווען פאַרבונדן מיט די אַנאַרכיסטן פאַרן ערשטן וועלט־קריג און ער האָט זיך אַליין געשאַפן אַן אייגענע פּאַרטיי, וואָס האָט זיכער זיך געפּאַסט פאַר זיין העלד שווייק — „די מעסיק־פּראָגרעסיווע פּאַרטיי לויטן געזעץ". מיט אַ צוזאָג, אַז דער וואָס וועט שטימען פאַר איר באַקומט אַ מתנה — אַן אַקוואַר(יום)."

בעתן קריג האָט ער דעזערטירט פון טשעכישן פראָנט — צו די רוסן, געוואָלט העלפן דעם „צאַר" קעגן זיין אייגן לאַנד. געוואָרן נאָך דעם אַ באָלשעוויק און — אַ קאָמיסאַר! דאָס איז געווען באשר דער איינציקער פּעריאָד אין זיין לעבן ווען ער האָט געצוימט דעם אַלקאָהאָליקער אין אים...

קעגן זיין ווילן האָבן זיי אים משלח געווען קיין טשעכיע, ער זאָל דאָרט צוהעלפן צו דער רעוואָלוציע. אָבער אָנשטאָט דעם האָט ער זיך פאַרנומען שרייבן זיין אומפאַרגלייכלעכן „שווייק", וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט. די צרה מיט אים איז געווען זיין ווערן אַ זולל וסובא — געזויפט און זיך איבערגעפרעסן צום טויט (איבער 20 סטאָן, ד״ה קנאַפּע 300 פונט). און ווען ער איז געשטאָרבן האָט מען זיין קערפּער נישט געקאָנט אַראָפּטראָגן פון גאָרן אונטן, מען האָט דעם מת געמוזט אַראָפּלאָזן דורך אַ פענצטער צו זיין לוויה.

אַ חוץ זיין קאָמיסאַרעווען אין רוסלאַנד, האָט ער קיין טשעכיע אויך מיטגעבראַכט פאַר זיך אַ צווייטע פרוי ש ו ר אַ, וואָס

איז געוואָרן ביי אים אין שטוב מער הויזבאַדינערין ווי אַ ווייב. און געהאַט האָט ער אַ פרוי אַ טשעכישע (יאַרמילאַ), וועמען ער האָט זייער ליב געהאַט — אפשר די איינציקע ליבע אין זיין לעבן בכלל. אָבער, ווען זי האָט אים געבוירן אַ זון — איז ער געגאַנגען קויפן משקה לכבוד דער שימחה און... צוריקגעקומען מיט יאָרן שפּעטער. דערביי האָט ער דאָך צו יאַרמילאַן אַרויסגעוויזן אַ צאַרטקייט, ווי מ'לייענט עס אין די בריוו צו איר.

## די ביידע ברידער מאַן: די לעבנס פון היינריך און טאָמאַס מאַן (1871-1950 און 1875-1955)

דער מחבר פון דעם ביאָגראַפישן ווערק, ניגעל האַמילטאָן, באַטראַכט ביידע ברידער פאַר די גרעסטע פיגורן אין דער דייטשער געשיכטע פון דעם 20טן יאָרהונדערט. זיי זענען געבוירן געוואָרן, ווי באַוווּסט, אין לובעק, דער עלטערער היינריך אין 1871 און טאָמאַס אין 1875. זייער פאָטער, אַ רייכער סוחר און אַ סענאַטאָר, די גאַנצע פאַמיליע — אַ בורזשואַזישע מיט הויכן סטאַטוס, אָבער די ביידע זין האָבן שוין אָנהייב דעם 20טן יאָרהונדערט אַרויסגערופן קעגן זיך דעם גרימצאָרן פון זייער מיטלקלאַס אָפּשטאַם. היינריך איז באַרימט געוואָרן פון דער דערציילונג זיינער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ פיינער פילם: „דער בלויער מלאך", וואָס האָט מאַליען דיטריך אַרויסגעהויבן ווי אַ זייער טאַלאַנטירטע פילם־אַקטריסע. היינריך פלעגט זיך שפּעטער חכמענען, אַז דער גרויסער דערפאָלג איז צו פאַרדאַנקען „מיין קאָפּ און מאַרליען דיטריכס פיס." געוועזן איז ער פּאָליטיש אַ ראַדיקאַל זיין גאַנץ לעבן. זיין אומאָפּהענגיקייט אינטעלעקטועל און זיין ערלעכקייט האָט אים נישט געלאָזט ווערן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אפילו אין אירע „גוטע זיבן יאָר".

טאָמאַס איז שוין געווען אַן אַנדערער. בעתן ערשטן וועלט־קריג איז ער געווען אַ דייטשער פּאַטריאָט (היינריך האָט זיך שטאַרק קעגנגעשטעלט דעם פּאַטריאָטיזם), געלויבט די קריגס־אָפּעראַציעס, אָבער אַליין אויסגעמיטן מיליטער־דינסט דורך כאַבאַר און פאַמיליע איינפלוסן... ערשט נאָכן קריג זענען שוין ביידע ברידער געווען איינשטימיק פּאָליטיש און האָבן ממש ווי נביאות געזאָגט וועגן אויפשטייג פון נאַציזם (אַזוי פרי ווי 1922) צוליב דער ריזיקער אינפלאַציע דאַן אין דייטשלאַנד. היינריך האָט געוואָרנט, אַז דער מיטלקלאַס איז מער געפערלעך פאַרן שלום און דעמאָקראַטיע, ווי די באַפרייטע קייזערלעכע אַרבעטלאָזע אַרמיי־אָפיצירן.

טראָץ דעם וואָס די ברידער זענען געווען פּאָליטיש אַריינגעצויגן אין די געשעענישן — האָט ער אָבער לגמרי נישט באַווירקט זייער ליטעראַרישע אַרבעט, וואָס איז געווען דער תמצית פון זייער לעבן און שאַפן. טאָמאַסעס ראָמאַן „די בודענברוקס" האָט בשעתו געעפנט אַ ברייט פענצטער (גלייכצייטיק: אַ שטורעם...) צו זען פון אינעווייניק די בכבודיקע אַלטע משפחות פון לובעק — זיין אייגענע בתוכם. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז דערפאַר באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פּסול אין דער משפחה, „געבראַכט חרפּות זיין היימשטאָט, פון אַ שלעכט דערצויגענעם זון, רעספּעקטלאָז און אַ שייגעץ"... אַ פעטער זיינער האָט פון עגמת נפש אַנאָנסירט מיט קידוש־לבנה שריפט אין דער פּרעסע זיין זידלעריי פאַר דעם שלאַנג דעם פלימעניק זיינעם.

איז דאָס נישט קיין נייעס אין דער ליטעראַרישער וועלט — נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער פאַל פון חרפּית נעבעך אין דער משפחה...

דער ביאָגראַפער האָט געהאַט אַ שווערן „דזשאַב" צוזאַמענצושטעלן אַ געלונגענע ביאָגראַפיע וועגן צוויי אַזעלכע פאַרשיידענע פיגורן — און אין איין בוך! ער ווייזט מיט ביישפילן וואָס פאַר אַ שטאַרקן איינפלוס איין ברודער האָט געהאַט אויפן אַנדערן. זיי זענען רייף געוואָרן קינסטלעריש אויף פאַרשידענע אופנים און אויך נישט מיט דעם זעלבן טעמפּאָ. זייערע באַציונגען האָבן נישט אויסגעמיטן קנאה, דאָך האָט זיי שטאַרק געבונדן די פאַמיליאַרע נאָענטקייט, איינער האָט זיך געניטיקט אין אַנדערן און זיך טאַקע אַנטוויקלט — איינער דורכן אַנדערן. אָן דעם וואָלט יעדער פון די ברידער געווען מסתמא אַנדערש, און ווייניקער. דער אָפּ־

שטאַם, די געירשנטע אייגנשאַפטן האָט זיי געמאַכט פאַר די ברידער מאַן און נישט צוויי באַזונדערע „ליטעראַרישע אַטאָמען" (האַמילטאָן).

דער נאַציזם האָט גורם געווען ביידע זאָלן אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע. האַרוואַרד אוניווערסיטעט האָט טאָמאַסן באַערט מיט אַ דאָקטאָראַט פאַר ליטעראַטור און ער האָט אויך באַקומען די נאָבל־פּרעמיע.

אָבער היינריך איז מסתמא צוליב טאָמאַסעס קינסטלערישן דערפאָלג ביסלעכוויז פאַרזען געוואָרן און געבליבן שוין אין שאָטן. דער מעקאַרטיזם מיט זיין טרויעריקן קאַפּיטל האָט דערפירט די ברידער צו פאַרצווייפלונג. זיי זענען ביידן געשטאָרבן פאַרביטערטע מיט אַן אומגלויבן אין דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, נישט דערזען, אַז ס'איז נאָר אַ דורכגייענדיקע פאַזע פון רעאַקציע.

דער ביאָגראַפער צייכנט זיינע געשטאַלטן נישט נאָר ווען זיי זענען, אַזוי צו זאָגן, פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך, נאָר אויך אין שלאָפראָק און שטעקלאַטשן. ער ווייזט די בראָדעווקעס אויף זייערע פנימער, שטריכן פון נעווראָזע (היינריך) און פון אַן אַלטן נודניק (טאָמאַס).

דאָס בוך האָט 422 זייטן גרויסן פאָרמאַט און גאָר קליינעם שריפט. נישטאָ קיין פאָטאָגראַפיעס פון די ברידער אין בוך. און די וואָס איז דאָ אויפן שער־בלאַט מערקט אפילו נישט אָן פאַרן לייענער ווער עס איז היינריך און ווער — טאָמאַס. עס איז אָבער אַ גרויס ווערק געשריבן מיט טיפן אַריינדרינג און טאַקע מיט טאַלאַנט — וואָס גייט אויך נישט צופיס.

## אַ ניי ליכט אויף פאַסטערנאַקס לעצטע יאָרן און שטאַרקער ליבע

עס איז אָקאָרשט דערשינען אין ענגליש דאָס בוך: „אַ געפאַנגענע אין צייט — מיינע יאָרן מיט פאַסטערנאַקן" פון אָלגאַ איווינסקאַיאַ (וואָס איז דער פּראָטאָטיפּ פון לאַראַ אין „דאָקטאָר זשיוואַגאָ"). אין בוך דערציילט זי ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן זייער הייסע ליבע (1946) און אָנגעהאַלטן דורך די יאָרן אויך בעת איר צוויי מאָל זיצן אין טורמע און אויף פאַרשיקוג) ביז זיין טויט (1960). זי איז געווען זיין לעבנס־האַרץ־באַגלייטערין במשך פון 14 יאָר און ער האָט, ווי באַוווסט, איר געווידמעט דעם ראָמאַן, וואָס האָט אים און איר פאַרשאַפט אַזוי פיל צרות און האַרצווייטיק.

וועגן ד"ר זשיוואַגאָ גופא האָב איך בשעתו פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג אין מיין בוך („פונקען אין פלאַמען"). וועל איך איצט נאָר זיך אָפּשטעלן אויף די שילדערונגען פון איווינסקאַיאַס בוך, וואָס איז אַ מין נאָכשריפט צו די שוין באַקאַנטע טראַגישע נאָכווייענישן נאָכן דעם שיינען פון ד"ר זשיוואַגאָ. אירע ליבע־נאָכווייענישן האָבן זיך אָבער נאָך אָנגעהויבן מיט בערך אַ צענדליק יאָר פאַרן דערשיינען פונעם בוך, ווען זי איז געוואָרן אַרעסטירט. געזעסן אין טורמע און פאַרשיקט געוואָרן צוליב אירע באַציאונגען מיט דעם גרויסן, אָבער נאָן־קאָנפאָרמיסטישן פּאָעט, דאַן שוין זייער באַרימטן, באָריס לעאָנידאָוויטש פאַסטערנאַק.

איווינסקאַיאַ האָט זיך מיט אים באַקענט אין דער ביוראָ פון באַוווסטן סאָוועטישן ליטעראַרישן זשורנאַל „נאָווי מיר". זי האָט געאַרבעט אין דער רעדאַקציע און ער פלעגט אַריינקומען אַהין אין שייכות מיט זיין ליטעראַרישער אַרבעט. איר לעבן איז שוין געווען דאַן פול מיט טראַגיק. איר ערשטער מאַן האָט זיך גענומען דאָס לעבן; דער צווייטער איז געשטאָרבן פון אַן אומהיילבאַרער קראַנקייט אויף אירע הענט אין שפּיטאָל. פון ביידע מענער זענען געבליבן איר צוויי קינדער, אַ מיידל און אַ יינגל. געוווינט האָט זי צוזאַמען מיט דער מאַמען און שטיפפאָטער אין דער ענגאַר וווינונג — דאָס איז געווען דער הינטערגרונט בעת פאַסטערנאַק איז אַריין אין איר לעבן.

גייען שילדערונגען פון אירע סטודענטישע יאָרן, ווען זי איז נאָך געווען אין דעם פאַקולטעט פאַר ליטעראַטור און זי האָט געהערט פאַסטערנאַקן רעציטירן זיין פּאָעזיע אָדער די איבערזעצונגען זיינע פון די פּערל אין דער וועלט־פּאָעזיע, (כאַראַקטעריסטיש ווי אַזוי מען האָט צו

אים אַרויפגעקוקט: ווען זי איז איין מאָל אויסגעפרעגט געוואָרן פון איר מאַמען וועגן זיין לייענען — נאָכן צוריקקומען פון אַ פּאָעזיע־טראַנס — האָט זי געזאָגט צו דער מאַמען: „לאָז מיך צורו. כ׳האָב אָקאָרשט גערעדט צו גאָט״).

וועלן מיר נישט דורכגיין די קאַפּיטלען פון בוך וועגן די פאַרשידענע פּאַזעס — פריידיקע און ווייטיקדיקע — ער האָט דאָך געהאַט אַ פרוי מיט קינדער — ווען זייער ליבע איז געוואָרן אַן אָפענע און ער האָט אויפגעהאַלטן צוויי וווינונגען אין פּערעדעלקינאָ — די גרעסערע פאַר דער פרוי און קינדער, די קלענערע — פאַר זיי ביידע.

אין דער דירהלע האָבן זיי געאַרבעט צוזאַמען איבערזעצונגען ביז איין מאָל האָבן זיי, זיצנדיק אין אַן עפנטלעכן פּאַרק און שמועסנדיק וועגן זיין אַרבעט אויף דעם ראָמאַן (זשיוואַגאָ), דערזען לעבן זיך אַ מאַן, וואָס האָט זיי דורכגעשפּיצט מיט זיין שפּיזיקן בליק. ווען זי איז אַוועק אַהיים איז ער איר נאָכגעגאַנגען און אַ ביסל שפּעטער האָט מען זיך אַריינגעריסן אין איר אַפּאַרטמענט און אָנגעהויבן נישטערן. דורכגעוואָרפן אַלע ביכער און פּאַפּירן און מיטגענומען אַלץ (פּאַפּירן, מאַנוסקריפּטן) פון פּאַסטערנאַקן. מען האָט זי אַוועקגעפירט אָבער די רעוויזיע איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען. אין שטוב זענען געווען די קינדער און איר מאַמע. די דאַטע 6טער אָקטאָבער, 1949.

געזעסן אין לוביאַנקאַ און במשך פון צוויי חדשים האָבן צוויי אויספאָרשונגריכטער זי געפּייניקט זי זאָל באַשמוצן פּאַסטערנאַקן מיט אַ צוגעטראַכטער שפּיאָנאַזש־אַקציע פאַרבונדן מיט דער בריטישער געהיים־פּאָליציי — און זי זאָל אויך זיין אין דעם פאַרמישט! דערציילט זי, אַז זי האָט דאַן געשוואַנגערט מיט פּאַסטערנאַקס אַ קינד און געבעטן צו דערלויבן אים צו באַזוכן איר אין טורמע. שילדערט זי אַזאַ מאַקאַברישע בילד: פּרעטענדירנדיק, אַז אַז זיי גייען איר בקשה אַנטקעגנקומען, האָט מען זי געפירט דורך אַ דריי קאָרידאָרן און דורך אַ טיר זי אַריינגעוואָרפן אין — מתים־שטיבל פון לוביאַנקע. זי האָט געמפּלט און איר האָט מען נאָך דעם פאַרשיקט אויף פיר יאָר אין אַ שקלאַפן־לאַגער.

פּאַסטערנאַק האָט דורך די יאָרן געשטיצט איר מאַמען מיט די קינדער. נאָך סטאַלינס טויט איז זי באַפרייט געוואָרן אָבער זייער מצב האָט זיך גאַנץ ווייניק פאַרבעסערט. ווייטער דערציילט זי ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען מיט דר. זשיוואַגאָ, ווען די סאָוועטישע פאַרלאַגן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן און דער מאַנוסקריפּט איז געוואָרן אַרויסגעשמוגלט קיין אויסלאַנד. נאָכן דערשיינען דאָרט — געוואָרן אַ „בעסט־סעלער״.

זי שילדערט וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן ווען פּאַסטערנאַק האָט באַקומען די נאָבל־פּרעמיע — אַ טראַגישע פּרשה וואָס איז גוט באַקאַנט. אָבער זי וואַרפט אַ שיין אויף דער דערשטיקנדיקער אַטמאָספער אַרום זיי און די געשיכטע מיט איינגעמאָנטירטע מיקראָפאָנען אין זייערע ווענט.

זי באַמערקט אַז פּאַסטערנאַק פלעגט ביים אַריינקומען זיך באַגריסן, שפּאַסנדיק מיט דעם שאָטן פון די מיקראָפאָנען. כסדר געגלויבט, אַז אין שטוב איז ביי זיי דאָ אַ „דריטער״ — אַן אומגעזעענער שותף בעת זייערע שמועסן. דאָס איז פאַרשטייט זיך געווען די קלענסטע בייז. ערגער איז געווען מיט דער העצע און מאָראַלישן טעראָר — אויך אויף איר. צו באַווירקן אים זיך אָפּצוזאָגן פון דער נאָבל־פּרעמיע.

עס דערמאָנט זיך — זי באַטאָנט עס — ווי פּאַסטערנאַק האָט געזאָגט פאַר אויסלענדישע זשורנאַליסטן: „זיי ווילן איך זאָל האַסן דאָס וואָס איך האָב ליב און ליב האָבן דאָס — וואָס איך האָב פיינט.״ און פאַרוואָס נישט דערמאָנען ווי אַזוי עס האָט דאַן דער פירער פון דער „יונג קאָמוניסטישער ליגע״ פּאַסטערנאַקן באַזידלט מיט: „חזיר, דער וואָס האָט פאַרחזירט די ערד פון זיין לאַנד.״ פּאַסטערנאַק האָט איר דעמאָלט פאָרגעלייגט צוזאַמען זיך נעמען דאָס לעבן. זי האָט עס אָפּגעוואָרפן און אַכטונג געגעבן ער זאָל עס אַליין נישט דורכפירן.

סוף 1958 האָט ער געוווּסט אַז ער איז שטערבלעך קראַנק. געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן איר גורל און וועגן איר

טאָכטער (אירינאַ). אין דעם פיזישן און פסיכישן צושטאַנד האָט ער זיך געלאָזט ברעכן און אָפּגעוואָרפן די נאָבל־פּרעמיע. מיר דערמאָנען זיך זיין בריוו דאַן צו כרושטשעוון (איבערגעדרוקט אויך אין „פּראַווּדאַ״) און דאָ קומט פון איווינסקאַיאַ אַן אומבאַקאַנטער מיר פּאַקט. מען האָט זי געצווונגען נאָכצומאַכן זיין אייגנהענטיקע האַנטשריפט און נאָכמאַכן זיין טעקסט, עס זאָל הייסן: ער האָט אַליין געשריבן צו דער „פּראַוודאַ״. שפּעטער האָבן זיי ביידע שטאַרק באַדויערט זייער האַנדלונג, אין אַ מאָמענט פון שטאַרקער פאַרצווייפלונג.

אויך דער געפעלשטער בריוו אירער האָט איווינסקאַיאַן נישט אָפּגעראַטעוועט פון ווייטערדיקע יסורים. דריי חדשים נאָך פּאַסטערנאַקס טויט האָט מען זי אַרעסטירט צוזאַמען מיט דער טאָכטער — איצט גאָר וועגן אַן אויסגעטראַכטער וואַלוטע־שפּעקולאַציע — אַ נקמה־אַקט קעגן פּאַסטערנאַקן פאַר נישט איינזעצן אים אין טורמע.

איר טאָכטער איז באַפרייט געוואָרן אָבער זי אַליין איז פאַרשיקט געוואָרן און אָפּגעפּינצטערט נאָך 4 יאָר אין טאַישענט — אַ גרויסער קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף סיביר. דערציילט זי וועגן דער נסיעה אַהין: „איך קאָן זיך הייַנט נאָך אפילו נישט באַפרייען פון די שוידערלעכע באַדינגונגען בעת דער רייזע. די לעצטע פאַזע — געצווּונגען געווען צו גיין צו פיס ביז שפּעט ביינאַכט אין אַ ברענענדיקן פראָסט, וואָס איז מסתמא פאַר די סיביריאַקעס נישט געווען אַזוי שרעקלעך ווי פאַר[ אונדז] מאָסקאָוויטער. דער פראָסט האָט אַדורכגעדרונגען דעם מאַרך פון די ביינער״. און דאַן שילדערט זי דעם אַריינקום אין לאַגער זיך טרעפנדיק שוין מיט די אַנדערע אַרעסטאַנטן.

באַפרייט איז זי געוואָרן (1964) און צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, ווו זי וווינט עד היום אַן אָפּגעזונדערטע, אַן איינזאַמע...

אָלגאַ איווינסקאַיאַ איז איצט אַלט. (ווען זי האָט זיך באַקענט מיט פּאַסטערנאַקן איז ער אַלט געווען 56 יאָר און זי — 34); אירע מעמואַרן (איבער 500 זייטן) אַרויסגעשמוגלט פון רוסלאַנד האָבן נישט באַדאַרפט זוכן קיין פאַרלעגער. פיר פאַרלאַגן, אַמעריקאַנער און אייראָפּעישע, האָבן עס אויסגעכאַפּט. די פראַגע איז: צי וועט זיך נישט אָנהייבן איצט אַ נייע העץ־קאַמפּאַניע קעגן איר? די צייט וועט ווייזן.

## אַנדרעי פילטס בוך וועגן נאַבאַקאָוון

דער שרייבער נאַבאַקאָוו, וואָס שטאַמט פון רוסלאַנד, געלעבט אויף עמיגראַציע און אַרויסגעגעבן פיל ווערק, איז גוט באַקאַנט אין דער מערב־וועלט. זיין ביאָגראַפער האָט אין דעם בוך געשילדערט די עטאַפּן זיינע מיט זיין פרוי (וועראַ) — זיין לעבענס־באַגלייטערין איבער 50 יאָר. זי האָט געהאַט אויף אים און זיין שאַפן אַ יסודותדיקן איינפלוס. זיין פאָטער, אַ טאַלאַנטירטער מענטש, איז אומגעקומען פון אַן אַטענטאַט. זיין ברודער איז געווען אין אַ דייטשישן קאָנצענטראַציע־לאַגער. נאַבאַקאָוו האָט אַ יחוס־בריוו פון דער אַריסטאָקראַטיע אין צאַרישן רוסלאַנד. עס וועט זיין דאָ אויפן אָרט צו ברענגען פון דער ביאָגראַפיע אַזאַ עפּיזאָד וואָס כאַראַקטעריזירט דעם לעבנס־אופן פון אָט דעם שיכט.

זיין עלטער־עלטער באָבע האָט איינגעאָרדנט, אַז אַ קו פון איר פריצישן פאָלוואַרק זאָל איינשטיין אין אַ פליגל פון פּאַלאַץ נאָענט צו די קינדער־צימערן, בכדי דער ריח פון פריש־אויסגעמאָלקענער מילך זאָל נישט אויסגעוועפט ווערן, ווי ביים פירן עס פון שטאַל. די קו האָט זיך דאָרט געלעבט אין פריידן און אין נחת און אַלע אירע באַדערפענישן זענען באַזאָרגט געוואָרן דורך דער דינערשאַפט און די קינדער במשך פון פיל יאָרן.

מען דאַרף עס זען וויזועל אויפן הינטערגרונט פון לייב־אייגנטום פון די פויערים ביים פריץ אין יענע אַלטע צייטן.

עס זענען פאַראַן נאָך אַנדערע עפּיזאָדן וואָס קומען צום אויסדריק אין אַ בעלעטריזירטער פאָרם אין נאַבאַקאָווס שרייבן. אָבער איך גיי דאָ איצט נישט אַריין אין נאַבאַקאָווס ווערק. דער ביאָגראַפער האָט געוואָלט אַרויסברענגען בכלל די מענטאַ־

ליטעט פון רוסישן מענטש אומעטום —
אויך אויף עמיגראַציע. ער ציטירט נאַ־
באַבאַקאָווס ווערטער: „אַ רוס וועט דער־
קענען דעם אַנדערן כ'ווייס אַליין נישט
פון וואָס פאַר אַ דיסטאַנץ... אָט דער אמת
איז קענטיק אומעטום, אפילו אויף עמי־
גראַציע, אין קעמברידזש, אין בערלין,
אין אַמעריקע.״ דער ביאָגראַפער גיט צו
אַז אומעטום איז נאַבאַקאָוו פאַרבליבן אַ
רוס. אויך זיין אַריסטאָקראַטישער גייסט
איז קיין מאָל נישט אַוועק פון אים.

דוכט זיך אַז מען קען אויך זאָגן וועגן
אַ ייד, אַז ער דערשמעקט אַ צווייטן ייד
אויף הונדערט מייל. איך ווייס נישט ווי
עס איז ביי אַנדערע פעלקער, ווען זיי זע־
נען אויף עמיגראַציע. עס איז אַן אינטע־
רעסאַנטע טעמע, אָבער דאָ שטעלן מיר
אַ פונקט.

## פראַנץ קאַפקאַס בריוו צו פעליצע באַוער

עס דערשיינען היינט אָפט פון באַרימטע
וועלט־נעמען אין דער ליטעראַטור זייער
קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע פּראָזשעקטירט
דעם שרייבער מליפניי ולפנים. לעצטנס
איז דערשינען צווישן אַנדערע סטעפאַן
צוויגס קאָרעספּאָנדענץ מיט ריכאַרד
בער האָפמאַן און אַוערהיימער. קאַפקאַ
האָט אויך געפירט מיט פעליציע באַוער
זייער אַן אָפטע קאָרעספּאָנדענץ, צייטנווייז
דריי בריוו אין איין טאָג.

ער האָט זיך באַגעגנט מיט איר, באשר
צופעליק, אין דעם פּראָגער אַפּאַרטמענט
פון מאַקס בראָד. ער איז דעמאָלט אַלט
געווען 30 יאָר. זיין באַקאַנטשאַפט מיט
איר איז פאָרגעקומען אין 1912 און האָט
אָנגעהאַלטן ביז 1917. אין זיין קאָרעס־
פּאָנדענץ מיט אָט דעם פיינעם יידישן
מיידל פון בערלין, אַ פריילעכע, אַ לעב־
האַפטע, נישט־־קאָמפּליצירטע, האָט ער
זי אַרויפגעזעצט אויף אַ צו הויכן פּיעדע־
סטאַל. זיין ערשטן בריוו צו איר האָט
ער געשריבן גלייך עטלעכע וואָכן נאָך
איר אומקערן זיך צוריק קיין בערלין, ווו
זי האָט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרין. ער
האָט אין זיין גאָר אָפטער קאָרעספּאָנדענץ
זי אָנגערופן „דו״.

ווען מען לייענט די בריוו זיינע — זיי
זענען איצט געוואָרן איבערגעזעצט דורך
דזשיימס שטערן און עליזאַבעט דאַקוואָרט
אין ענגליש — האָט מען פאַר זיך אַן אומ־
געהויערן געשיכטלעכן פאַל פון אַזאַ נעוור־
ראָזע־פאַרנעם. דאָס איז אַ ווידוי פון אַזאַ
מין אומגעוווינגנקייט־געפיל, וואָס לאָזט אי־
בער אַ פיינלעכן אויסטערלישן איינדרוק.

עריך העלער, וואָס האָט געגעבן אַן
אַריינפיר צו די בריוו, ווייזט אָן אויף
קאַפקאַס „מאָראַלישער היפּאָכענדרע״. אַ
מענטש פון זיין קאַליבער, מאַכט זיך
גופא פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ וואָס
ער זעט און ווייסט וועגן די פעלערן אי־
נעם וועלט־סדר, און ער איז אויך טאַקע
שוין גרייט צו פילן זיך שולדיק פאַר זיי.
וואָס שייך וועלן לעבן מיט אַ פרוי האָט ער
שוין מסתמא זיך געניטיקט נאָר ווי אַן
אידעע, און זיין ליידנשאַפט צו אַ צוזאַמענ־
לעבן מיט אַ פרוי, אויסגעשעפּט נאָר אויף
די פּאָסט־מאַרקעס פאַר זיין קאָרעספּאָנ־
דענץ מיט איר.

פעליצע איז געווען זיין מיידל, אָבער
קיין מאָל זיין עכטע כלה. עס איז דאָ
אַ מיינונג, אַז ער האָט גאָר נישט געוואָלט
האָבן קיין פרוי נאָר בלויז אַ פען־פריינד,
און ווען ער וואָלט מיט איר חתונה געהאַט
וואָלט ער דאָך פאַרלוירן אין איר דעם
פען־פריינד...

לייענט מען זיינע בריוו צו איר אין
וועלכע ער פאַראַכטעט זיך אַליין הלמאי
ער וווינט נאָך אַלץ — ביי זיינע 30 יאָר —
ביי טאַטע־מאַמע און וואָס פאַר אַ צרות
דאָס איז אים גורם. דערציילט ער איר
פון זיינע שלימזלדיקייטן אין לעבן, און
אַז ער פילט זיך שוואַך, ווערט שנעל מיד.
ער סוגעסטירט אפילו אַ פאַרדאַכט פון
זיין אימפּאָטענץ. שרייט ער איר: „דו ביזט
אַ מיידל און ווילסט האָבן אַ מאַן, אָבער
נישט קיין שלאַבערדיקן וואָרעם.״

אגב דערציילט ער אויך ווי ער האָט
פיינט בתכלית השינאה זיין באַשעפטי־
קונג אין דער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט
פאַר פּראָגער אַרבעטער־פאַרפאַלן.

ער דערקלערט זיך פאַר אַ האָפנונגס־
לאָזן נישט־אמת־זאָגער, אָבער אויך קיין
מאָל נישט געזעטיקט צו וועלן וויסן אַלץ
פאַר אַמאָל. „מיין שטרעבונג איז, שרייבט

ער, צו קענען דעם גאַנצן מענטשלעכן און חיותדיקן קיבוץ; צו וועלן דערקענען זייערע יסודותדיקע אייגנשאַפטן, און וואָס זיי ווילן מער גערן צו האָבן אין לעבן. אָט די פאַרלאַנגען און מאָראַלישע אידעאַלן (פון מענטשן) רעדוצירן צו פּשוטע געזעצן, און ווי נאָר מעגלעך שנעל אַדאַפּטירן אָט די געזעצן, אַז אַלע זאָלן זיין צופרידן — — צו זיין אַזוי גוט צופרידנשטעלנדיק, בכדי צו קענען לסוף באַהאַנדלען מיין פאַרירשנטע געמיינקייט פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט, נישט צו פאַרלירן איר ליבשאַפט. [איך] דער איינציקער זינדיקער וואָס ווערט נישט געפרעגלט"...

אין אַ בריוו דאַטירט נאָוועמבער 1912, דערציילט ער איר, אַז ער האָט שוין אַ העלפט אָנגעשריבן „פון אַן אויסערגעוויינטלעך אָפּשטויסנדיקער געשיכטע." דאָס איז די „מעטאַפאָרמאָזע" דערקלערט ער איר, אַז עס פליסט אַרויס פון דעם זעלבן האַרץ, ווו דו וווינסט"... היות, ער האַלט זיך שוין גופא פאַר אַ פאַרפאַלענעם שרייבער, וואָרנט ער אַז זיין פרוי וועט מוזן פירן אַ „מאָנאַסטיר־לעבן" (אַ שרייבערס פרוי קען עס טאַקע באַשטעטיקן...)

נאָך עטלעכע מאָל זיך באַגעגענען מיט איר זענען זיי אַרום פסח־צייט 1914 געוואָרן חתן־כלה. אָבער גלייך נאָך דעם הייבט ער זיך אָן אין זיינע בריוו באַקלאָגן איף שטאַרקער קאָפּ־ווייטיק, און אויף אַ גרעסערער שלאָפלאָזיקייט. אין יולי דעם זעלבן יאָר איז שוין געוועזן אויס תנאים. אָבער די קאָרעספּאָנדענץ האָט ווייטער אָנגעהאַלטן. זומער 1916 האָבן זיי צוזאַמען פאַרבראַכט אַ וואָך אין מאַריענבאַד, און פון זיין קאָרעספּאָנדענץ פון יענער צייט איז נישט קלאָר צי ס'איז געווען ביי זיי פיזישע נאָענטקייט פון אינטימיטעט.

נאָך אַמאָל זיינען זיי געוואָרן חתן־כלה, און אַ חודש שפּעטער (יולי 1917) שרייבט ער איר פון זייט טובערקולאָז בלוט־אויסגוס. עס שאַפט זיך אין אַ געוויסער מאָס דער איינדרוק, אַז ער זאָל גאָר האָבן אויפגענומען די געשעעניש מיט אַ געפיל פון פאַרלייכטערונג. אָבער למען האמת דאַרף ווערן אונטערגעשטראָכן דאָ, אַז זיין טובערקולאָז איז נישט געווען קיין פּרעטעקסט, וואָס ער קען זיך אַרויסדרייען פון דער התחייבות חתונה צו האָבן. ער האָט עס באַטראַכט ווי אַ מין פאַטאַלע ווונד, אַ רעזולטאַט פון זיינע זיך־פייניקונגען, און אַ נאַטירלעך, פינאַלער אורטייל.

ליידער זענען עד היום נישט אַנטדעקט געוואָרן פעליצעס בריוו צו אים. אָבער פון זיין קאָרעספּאָנדענץ איז בולט, אַז זי האָט זיך שוין מיאוס געוועזן צו קענען האָבן מיט אים אַ צוקונפט, און זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ דערפאָלגרייכן דייטשן סוחר.

אין דעם לעצטן פיינלעכן יאָר פון זיין לעבן האָט קאַפקאַ געטראָפן אַן אַנדער יידיש מיידל, וואָס האָט אים פאַרשאַפט דעם נחת רוח פון גליקזעליקייט. דאָס איז געווען די סימפּאַטישע דאָראַ דימענט. זי איז געווען אינטעליגענט, אַ סך געלערנט, און האָט פאַר אים ממש טעלעסקאָפּירט אַלץ וואָס ער האָט געזוכט אין אַ פרוי, אַ קראַנקן־שוועסטער, אויך אַ טאָכטער־פיגור.

דאָראַ דימענט האָט באַגלייט די שנעללויפנדיקע חדשים פון זיין לעבן,און זיין איבערצייגונג, אַז ער איז „געמאַכט פון ליטעראַטור" און קען שוין גאָר קיין מאָל נישט זיין עפּעס אַנדערש. עס ווערן אָנגעגעבן פאַרשידענע השערות פאַרוואָס ער האָט נישט חתונה געהאַט מיט פעליציען אָדער דאָראַן. איך גלייב, אַז ער האָט אין זיין באַציונג צו די אים נאָענטע פרויען, זיך איבערגערופן מיט אַנטאָן טשעכאָוו, וועלכער האָט זיי אויך געהאַלטן פון אַ דיסטאַנץ, עס זאָל פאַרבלייבן בעסער אַן עפּיסטאָלאַרע נאָענטשאַפט. אָבער נישט קיין עמאָציאָנעלע. אַ ראיה איז, וואָס אין דעם יאָר פאַר זיין טויט, ווען ער האָט אַרויסגעוויזן מער נאָענטקייט צו דאָראַ דימענט, האָט ער זיך ווידער געשראָקן פאַר אַ ווייטערדיקן שריט צו ווערן פאַרבונדן מיט איר. ער האָט צוגעגליכן דעם שריט „צו אַזאַ גרויסער היסטאָרישער געשעעניש, ווי נאַפּאָלעאָנס רוסישע קאַמפּאַניע.

קאַפקאַס ביאָגראַפן דערמאָנען, אַז ווען פעליצע באַוער האָט אים איין מאָל פאַרגעלייגט, אַז זי וואָלט געוואָלט זיצן נעבן

משה שקליאַר

# אויפן ראַנד

## דריי אינטערמעצאָס

אין ניו־יאָרקער „איקוף"־פאַרלאַג איז לעצטנס דערשינען אַ בוך פונעם גוט־באַקאַנטן פּאַריזער יידישן שרייבער חיים סלאָוועס א.ב. „אַ שליחות קיין מאָסקווע". חיים סלאָוועס איז דער מחבר פון אַ ריי דראַמאַטישע ווערק אויף היסטאָרישע טעמעס, עסייען און פּובליציסטישע אַרבעטן. באַזונדערס האָט ער זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין בוך א.ב. „סאָוועטיש יידישע מלוכהשקייט", דערשינען אין פּאַריז אין יאָר 1979. אין אָט דעם בוך, וואָס איז געשטיצט אויף אַ רייכער דאָקומענטאַציע, האָט חיים סלאָוועס אויפגעדעקט דעם היסטאָרישן און פּאָליטישן הינטערגרונט אַרום דער פּראָקלאַמירונג פון בירָאָבידזשאַן ווי אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, און אויך די טראַגישע פאָלגן פאַר טויזנטער און טויזנטער יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין אויסלאַנד, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַנגען פון אָט דער אילוזאָרישער אידעע.

אין זיין איצטיקן בוך — „אַ שליחות קיין מאָסקווע" — דערציילט חיים סלאָוועס וועגן זיין יאָרן־לאַנגן געראַנגל (ווי אַ יידישער קאָמוניסט אין פראַנקרייך) פאַר צוריק אויפשטעלן די דערמאָרדעטע יידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. חיים סלאָוועס איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען דער איינציקער אינעם דאָזיקן געראַנגל. דער קאַמף פאַר צוריק אויפשטעלן די יידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — אין איר גאַנצן פאַרנעם — איז געווען און איז נאָך אַלץ אַן אַלזייטיקער און נעמט אַרום דעם גאַנצן ספּעקטרום פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין דער וועלט — פון רעכטס ביז לינקס. יעדער האָט דערביי, נאַטירלעך, זיינע אייגענע צילן און חשבונות. וועגן אָט דעם אַלגענעם קאַמף געפינען מיר אין חיים סלאָוועסעס בוך בלויז אָנדייטונגען. דאַקעגן דערציילט ער אויספירלעך וועגן זיין אייגענעם, פערזענלעכן קאַמף, וואָס האָט זיך לסוף געענדיקט מיט אַ גרויסער אַנטוישונג; מיטן פאַרלירן אַלע אילוזיעס בנוגע אַן אידעע, און אפשר אַן אידעע־פיקס, פאַר וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן.

אויסגעקליבן האָט דער מחבר פאַר זיין דערציילן אַן אייגנאַרטיקע פאָרם: די

---

אים בעת ער שרייבט, האָט ער איר געענטפערט בזה הלשון: „אויף אַזאַ אופן וואָלט איך נישט געקענט שרייבן (איך קען במילא קיין סך נישט טאָן), איך וואָלט שוין דאַן אין גאַנצן נישט געשריבן, מחמת שרייבן מיינט זיך־אַנטפּלעקונג... מיט אַנדערע — פאַרלירט מען שוין זיך אַליין. עס איז קיין מאָל נישט גענוגנט דאָס זיין אַליין בעתן שרייבן."

טשעכאָוו האָט אויך מורא געהאַט חתונה צו האָבן (זע מיין בוך „שורש") ביז 40 יאָר (ווען ער האָט ענדלעך חתונה געהאַט מיט אָלגאַ קניפּער), מחמת עס קען באַדראָען זיין עקזיסטענץ ווי אַ שרייבער. אַזוי מסתמא אויך קאַפקאַ.

איך וועל דאָ נישט אַריינגיין אין דעם אַנאַליז פאַרוואָס האָט דער גרויסער קינסטלער אַרויסגעוויזן אַזאַ הילפלאָזיקייט, זיך געפילט אַזוי באַדראָט פון די וואָס האָבן אים שטאַרק געליבט? עס זענען זיכער געווען נישט איין סיבה נאָר אַ סך. איך מיין, אַז די ווערטער, וואָס עס זאָגט זיינס אַ העלד: „עס איז קיין מאָל נישט געווען אַזאַ צייט איך זאָל זיין ביי זיך אַליין איבערצייגט, אַז איך בין אַ לעבעדיקער" — זענען אויטאָביאָגראַפיש, און זיי זאָגן אַ סך וועגן זייער מחבר.

די לעצטע ביאָגראַפישע ווערק, וואָס זענען דערשינען אין אַ באַדייטנדיקער צאָל וועגן פראַנץ קאַפקאַ גיבן אַ טיפערן פּסיכאָלאָגישן אַריינדרינג וועגן זיין מהות: דער קינסטלער און דער מענטש.

עפּיסטאָלאַרע בריוו, נאָר דאָס זענען נישט סתם קיין בריוו, וואָס ער האָט געשריבן אין משך פון יאָרן, און מערסטנס נישט באַקומען אויף זיי קיין ענטפערס. דאָס זענען מעמאָראַנדומס צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און צו איר געוועזענעם פירער מאָריס טאָרעז, פון וועמען חיים סלאָוועס האָט דערוואַרט אינטערווענצן לטובת דער יידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער ערשטער מעמאָראַנדום איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1955, דער לעצטער — אין יאָר 1965. צייטנווייז חזרן זיך איבער די אַרגומענטן, אָבער מערסטנס ווערן זיי אויסגעברייטערט. שטופנווייז באַקומט זיך אַ פאַרגאַנצט בילד פון דער יידישער טראַגעדיע אין סאָוועטן פאַרבאַנד, ווו דאָס יידישע קולטור־לעבן האָט לכתחילה געהאַט אויפגעבליט — אין די אייגנאַרטיקע דיקטאַטאָריש־סאָוועטישע פאָרמען — כדי שפּעטער פאַרשניטן ווערן אונטער דער בלוטיקער סטאַליניסטישער האַק.

אין 1958 יאָר איז חיים סלאָוועס, אין רעזולטאַט פון זיינע מעמאָראַנדומס, לויט דער פּערזענלעכער אינטערווענץ פון מאָריס טאָרעז, איינגעלאַדן געוואָרן קיין מאָסקווע. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זיין שליחות. פאַרענדיקט האָט זי זיך, ווי געזאָגט, מיט אַן אַנטוישונג. אויף פאַרשידענע צוזאַמענטרעפן, אָפיציעלע און האַלב־אָפיציעלע, האָט מען זיך באַמיט צו באַווייזן, ווי גוט עס לעבט זיך די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז קיין יידן־פראַגע איז בכלל דאָרט נישט פאַראַנען, אַז דאָרט גייט אָן אַ נאַטירלעכער אַסימילאַציע־פּראָצעס, וואָס איז ממילא די לייזונג פון אַלע פּראָבלעמען... פון דעסטוועגן האָט מען צוגעזאָגט עפּעס וואָס צו טאָן פאַר די יידישע שרייבער, כדי... באַפרידיקן די עפנטלעכע מיינונג אין אויסלאַנד.

שפּעטער איז אין מאָסקווע דערשינען „סאָוועטיש היימלאַנד“. פון צייט צו צייט האָט זיך באַוויזן אַ ניי יידיש בוך, דאָ און דאָרט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן קאָנצערטן פון יידישע טעאַטער־בריגאַדעס. און צוגלייך דערמיט — די גוט־באַקאַנטע קיטשקאָ־ליטעראַטור — אַנטיסעמיטישע העצע אונטערן שלייער פון אַנטי־ציוניזם, סאַנקציאָנירט און פאַרשפּרייט דורך די סאָוועטישע מלוכה־אָרגאַנען. קיין שפּור נישט פון יידישער קולטור אין ברייטערן פאַרנעם — פון יידישע שולן, פון אַן אמתן יידישן טעאַטער, פון צוריקשטעלן די יידישע וויסנשאַפט־און־פאָרש־אינסטיטוטן.

האָט חיים סלאָוועס, נאָכן צוריקקער פון דער מאָסקווער שליחות, ווידער געשריבן מעמאָראַנדומס... נאָר מיר ווילט זיך גראָד פאַרגעסן אַ ווייל אין די מעמאָראַנדומס, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם רוקן־ביין פון חיים סלאָוועסעס בוך, און זיך פאַרהאַלטן אויף די דריי אינטערמעצאָס, וואָס זענען דאָרט פאַראַן און וועגן וועלכע דער מחבר שרייבט אין זיין אַריינפיר, אַז זיי „דאַרפן אילוסטרירן — נישט גלייך דווקא, נאָר אויך בעלעטריסטיש... די אַלגעמיינע טעמע.“

דאָס זענען דריי קורצע דערציילונגען וועגן דעם מחברס באַגעגענישן אין מאָסקווע. צוויי מיט אַלטע חברים פון די יוגנט־יאָרן ווען זיי האָבן צוזאַמען געקעמפט פאַר „איבערמאַכן די וועלט“, און איינע — מיט אַן אומבאַקאַנטער פרוי וועמען אַ שוועסטער פון פּאַריז האָט מיטגעשיקט דורך אים מעדיקאַמענטן. דורך אָט די 3 דערציילונגען—אינטער־מעצאָס, וואָס זיינען צעוואָרפן אין בוך, קומט אויף די גאַנצע טראַגיק פונעם סאָוועטישן ייד, און אפשר מער — פונעם סאָוועטישן מענטש — וועמען עס קומט אויס צו לעבן אין באַדינגונגען פון נאָכאַנאַנדיקן פּסיכישן דרוק, פון טעראָר, וואָס ווערט אַמאָל שוואַכער, אַמאָל שטאַרקער. עס קומען אויף פאַר אונדז כאַראַקטערן, וואָס ברעכן זיך אונטער די שוועריקייטן, און אַנדערע, וואָס זענען שטאַנדהאַפטיק, וואָס זענען בכוח בייצוקומען דעם דרוק און קומען אַרויס געלייטערטע פונעם שווערן געראַנגל פאַר דער טאָג־טעגלעכער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

אָט איז די באַגעגעניש מיט אַן אַלטן פריינד פון די יוגנט־יאָרן וועמען דער מחבר רופט אָן סיוועך. צוזאַמען האָבן זיי געבויט אין זייער היימשטאָט — ביאַליסטאָק — די קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאַ־

ניזאַציע. סיווער איז געווען עלטער פון סלאָוועסן און ער איז פאַר אים געווען סיי אַ לערער, סיי דער מוסטער פון אַן „אידעאַלן רעוואָלוציאָנער". אין יענע יאָרן פון שטורעם און דראַנג האָט סיווער זיך פאַרבונדן מיט אַ ייִנגערער חברטע, ליזע, וואָס איז אויך געווען דעם מחברס אַ פריינדין און זיי זענען אַוועק אויף יענער זייט גרענעץ „בויען דעם סאָציאַליזם."

געקומען קיין מאָסקווע, האָט דער מחבר זיך געוואָלט טרעפן מיט זיין אַלטן חבר און לערער. אָבער דאָס האָט נישט געהערט צו די לייכטע זאַכן. לסוף האָט ער זיך באַגעגנט מיט ליזען, אין גאַס, נישט אין זייער הויז. יענע האָט אים פאַרבעטן צו קומען אַהיים. סיווער איז איצט געווען אַ שרייבער און געווינט אין אַ פיינער דירה. אָבער אויסגעזען האָט ער ווי אַ שאָטן פון זיין אַמאָליקן פריינד. זיי האָבן זיך וואַרעם באַגריסט. עס איז אַוועק אַ לאַנגער שמועס וועגן די אַמאָליקע יאָרן, וועגן חברים און פריינד. לסוף איז געפאַלן די פראַגע: נאָך וואָס ביסטו געקומען קיין מאָסקווע? און סלאָוועס האָט דערקלערט: וועגן ענין פון דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. סיווער האָט אויפגעציטערט. אים האָבן זיך דערמאָנט אַלע שווערע איבערלעבונגען פון די לעצטע יאָרן. ייִדישע קולטור איז פאַר אים געווען אַ שרעק־וואָרט.

שילדערט דער מחבר אַזוי דעם סוף פון אָט דער אויסטערלישער באַגעגעניש:

— חיים... דו ווייסט נישט וואָס דאָ איז געשען... מען קאָן זיך עס גאָרנישט פאָרשטעלן... מען קאָן עס מיט ווערטער נישט איבערגעבן... מען קאָן עס אַ צווייטן מאָל נישט איבערלעבן.. .דאָס איז געווען שרעקלעך!... שרעקלעך!...

.. : פלוצלונג איז סיווער אַוועקגעפאַלן אויף אַ שטול, זיך אָנגעלענט אין טיש. ס'איז צוגעפאַלן אַ טויט־שטילקייט.

סיווער האָט געפליסטערט:

— זיי מיר מוחל חיים... איך קאָן נישט ...איך וויל נישט... איך וויל נישט דו זאָלסט בלייבן אין מיין היים..

און ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט."

איז ער געווען אַ פחדן, סיווער? ניין. ער האָט דאָך אַמאָל איינגעשטעלט זיין לעבן אין דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. דאָס האָט אַרויסגערעדט, אַרויסגעוויינט דורך אים אַ צעבראָכן לעבן פון אַ יחיד און אַ כלל. אָנבעם געוויין איז ער זיך מודה געווען אין זיין שוואַכקייט קעגנצושטילן זיך דעם בייז. און דאָס טוט וויי. ס'טוט שרעקלעך וויי...

פון גאָר אַן אַנדער מין איז געווען די באַגעגעניש מיטן יוגנט־חבר שמעון, וועמען דער מחבר רופט אָן „פיעכאָטנער מגיד פון דער נייער וועלט." שמעון איז אַמאָל, אין דער היימשטאָט, געווען אַן אַקטיווער קולטור־טוער, דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַ פאַראיין פון יונגע קונסט־ליבהאָבער, אַ באַגאַבטער רעדנער. אויך ער איז אַוועק אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָרט געמאַכט אַ קאַריערע אַלס זשורנאַליסט און שפּעטער אַריינגעפאַלן אין אומחן, פאַרשיקט געוואָרן ערגעץ אין אַ פּראָווינץ־שטאָט אויף מינדערוואַרטיקער אַרבעט. צווישן די חברים איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט קלענערע און גרעסערע איבעררייסן. די לעצטע יאָרן האָט ער געווינט ערגעץ אין סיביר, און טאַקע דאָרט איז צו אים דערגאַנגען סלאָוועסעס אַן אַרטיקל וועגן דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. האָט ער פון סיביר געשטראָפט זיין געוועזענעם יוגנט־חבר, באַשולדיקט אים אין פאַרראַטן די אַמאָליקע אידעען און טרוימען. אפילו פאַרגעלייגט צו פאַרעפנטלעכן אַ... זעלבסטקריטיק לויטן אָנגענומענעם סאָוועטישן שטייגער.

שמעון איז, הייסט עס, געבליבן דער זעלבער פאַנאַטיקער ווי געווען. ער האָט גאָרנישט געלערנט און גאָרנישט פאַרגעסן פון דער פאַרגאַנגענהייט. און זיין פאַנאַטיזם האָט ער געוואָלט אויך אָנוואַרפן אויף אַנדערע. מיט אָט דעם פאַנאַטיזם האָט ער געבויט די „נייע וועלט", וועמענס „פיעכאָטנער מגיד" ער איז געווען און ניט געוווּסט, אָדער זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, אַז פאַקטיש איז ער געבליבן שטעקן אין אַ גאָר אַלטער וועלט...

די דריטע דערציילונג — אינטערמעצאָ טראָגט דעם נאָמען סאַראַטשקאַ. סאַראַטשקאַ — דאָס איז זשעניאַ, די שוועסטער פונעם מחברס פּאַריזער פריינדין, וועלכע האָט אים געבעטן מיטנעמען פאַר איר מעדיקאַמענטן. סאַראַטשקאַ, קלערט אויף דער מחבר, איז פּאַקטיש אַ חוזק־אָדער זידלוואָרט, מיט וואָס אַנטיסעמיטן אין ראַטנפאַרבאַנד באַצייכענען אַלע יידישע פרויען. האָט ער זיך באַגעגנט אין מאָסקווע מיט זשעניאַן. זי איז געקומען צו אים אין האָטעל, אָן מורא, און אים איינגעלאַדן צו זיך אַהיים. וועגן זשעניאַן רעדט דער מחבר מיט גרויס סימפּאַטיע. און נישט קיין וווּנדער. דאָס איז אַ מוטיקע יידישע פרוי און מענטש. אין איר הויז, בעת דער אויפנאַמע פאַרן גאַסט, האָט זי דערציילט די געשיכטע פון איר צוגאָבנאָמען — סאַראַטשקאַ.

...געווען איז עס אין אָנהייב פופציקער יאָרן ווען די אַנטיסעמיטישע מגיפה האָט באַזונדערס שטאַרק געבושעוועט אין מאָסקווע. דעמאָלט האָט עס איר שכן, אַן אָנשטענדיקער מענטש, אָבער מיט אַ שוואַכקייט צום ביטערן טראָפּן, איין מאָל זי באַגעגנט אין קאָרידאָר מיט אַ „גוט אָוונט סאַראַטשקאַ". זשעניאַ האָט פּראָטעסטירט, אים געוואָרנט, אָבער עס האָט גאָר נישט געהאָלפן. פאַר אים איז זי געבליבן „סאַראַטשקאַ". האָט זי אים אָנגעקלאָגט אין געריכט און געטראָפן אויף אַן ערלעכן ריכטער. דער שכן איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף פופצן טעג אַרעסט פאַר באַליידיקונג און כוליגאַניזם.

צוריקגעקומען איז ער אַ פולשטענדיק אויסגעניכטערטער. מיט געוויין האָט ער געבעטן זשעניאַן זי זאָל אים מוחל זיין. און זי איז נאָכגעקומען זיין ביטע. און ביסלעכווייז איז ער געוואָרן אַן איינגייער אין איר הויז און צווישן די צוויי האָט זיך פאַרבונדן אַ טיפע פריינדשאַפט. ער, דער שכן גריגאָרי וואַסילעוויטש, איז טאַקע אַבוועזנדיק געווען אויף דער אויפנאַמע פאַרן פּאַריזער יידישן שרייבער און אונטערגעהאַלטן די געסט מיט געזאַנג. דער נאָמען סאַראַטשקאַ איז פאַרגעסן געוואָרן. געבליבן איז זשעניאַ, די מוטיקע יידישע פרוי, די לערערין און פריינד, וואָס האָט זיך קיין מאָל פאַר גאָרנישט ניט געשראָקן.

קאָן זיין, אַז פון יענע זשעניאַס־„סאַראַטשקאַס" זענען אַרויסגעקומען די שפּעטערדיקע רעפיוזניקס, וועלכע פירן אַ מוטיקן קאַמף פאַר אויפהאַלטן זייער יידישע אידענטיטעט און פאַרן רעכט עולה צו זיין קיין ישראל.

* * * * *

און אונדזער מחבר, חיים סלאָוועס? אויך ער האָט דעם קאַמף נישט אויפגעגעבן. ער האָט ווייטער געשריבן מעמאָראַנדומס. דער לעצטער ענטפער איז געווען: הער אויף, מיר קענען גאָרנישט נישט טאָן. און מיר וועלן נישט טאָן. „און דעמאָלט, שרייבט ער, „איז פּלוצלונג מיין גאַנצער לאַנגיאָריקער, אומאויפהערלעכער, פאַרעקשנטער קלאַפּן אין פאַרשלאָסענע טירן דערשינען פאַר מיר אין ליכט פון אומזין און חוזק."

און פאַר אונדז איז דערשינען אַ בוך, וואָס באַרייכערט אונדזער וויסן וועגן דעם געראַנגל פאַר צוריק אויפלעבן אַ דערמאָרדעטע יידישע קולטור.

---

(חנן קיעל (סוף פון זייט 65)

פאַר זיין היימשטאָט. ווילנע האָט אים אינספּירירט, געגעבן אים די פליגלען פון שעפערישקייט, די סביבה פון ירושלים דליטע, די אַטמאָספערע פון געלערנטקייט, קונסט, דיכטונג און די עקסאַלטירטע ליבשאַפט צו מאַמע־לשון אַ דאַנק דעם יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

אין רוזשנסקיס רייזען־בוך ווערט דערמאָנט וועגן אַ וועלט־מאַפּע, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט פון ייוואָ, אַ מין דיאַגראַמע פון דער צעשפּרייטקייט פון די יידיש־רעדנדיקע יידן איבער דער וועלט. גענוי אויף דעם אָרט האָט זלמן רייזען אויפגענומען די געסט, באַזוכער פון איוואָ און מיט התלהבותדיקער פאַרליבטקייט דערקלערט זיי דעם יידישן גלאָבוס.

דער מענטש וואָס איז געקומען פון ערגעץ־ווו און איז אַוועק און פאַרשוווּנדן ערגעץ־ווו איז איינער פון די הרוגי מלכות אין דעם פּלאַנירטן אומברענג פון דער יידישער קולטור הינטערן אייזערנעם פוירהאַנג.

# כראָניק פון ל. א. יידישן קולטור-קלוב

דער לאָס אַנדזשעלעסער יידישער קול־
טור־קלוב איז שוין איצט אַריין אין זעכ־
ציקסטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ, אַ „קונץ״
וואָס גאָר ווייניק קולטור־אָרגאַניזאַציעס
האָבן באַוויזן.

ווי אַלע מאָל האָט דער קלוב אויך
היינטיקס יאָר אָנגעהויבן זיינע פּראָגראַ־
מען גלייך נאָך סוכות. אָבער קודם אַ פּאָר
ווערטער וועגן דעם אָפּשלוס־אָוונט פון
פאַרגאַנגענעם סעזאָן דעם 15טן יוני 1985:
ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ אָוונט, האָט מען
פריער סערווירט אַ פיינעם „טשיקן״־
מאָלצייט, דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען דער
פּראָגראַם.

אונדזער פּאָרזיצער, משה כהן, האָט זיך
געטיילט מיט געדאַנקען וועגן דער טעטי־
קייט אין פאַרגאַנגענעם סעזאָן און אויך
מכוח דעם המשך פון דער אַרבעט פאַר
דער נאָענטער צוקונפט. ווי אַ באַווייז פון
„המשך״, האָט דער פּאָרזיצער פאָרגע־
שטעלט דעם נייעם רעדאַקטאָר פון
„חשבון״ דעם דיכטער משה שקלאַר, ווע־
מען דער עולם האָט זייער וואַרעם אויפ־
גענומען.

דער פּאָרזיצער איז זייער איבערראשט
געוואָרן ווען מען האָט אים פּרעזענטירט
מיט אַ מתנה ווי אַן אָפּשאַץ פאַר זיין אײַ־
בערגעגעבענער אַרבעט לטובת דעם קלוב.
דער אויסגעצייכנטער רעציטאַטאָר און
ליטעראַטור־קענער, אונדזער חשובער
מיטגליד דר. אַברהם זיגלבוים, האָט רע־
ציטירט אויסצוגן פון דער יידישער ליטע־
ראַטור. בעת ער האָט רעציטירט פון פּרצס
„די גאָלדענע קייט״, האָט ער פשוט מיט־
געריסן דעם עולם, וועלכער האָט אים
באַדאַנקט מיט וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן.
ווי אַ „פאַרבייסן״ האָט אייל באַר גע־
שפּילט אויפן קלאַרינעט האַרציקע יידישע
ניגונים מיט בערניס אַשדאַון ביי דער
פּיאַנאָ.

עס איז געווען אַן אָוונט וואָס דער עולם
וועט לאַנג געדענקען.

* * * * *

## 1985

1. די פייערלעכע דערעפענונג פון נייעם
סעזאָן איז פאָרגעקומען שבת־צו־נאַכט,
אָקטאָבער 12, 1985. די באַגאַבטע פּאָר־
לייענערין באַשע וואַנאַמייקער האָט פאָר־
געלייענט פון די ווערק פון באַרימטן נאָ־
וועליסט יהודה עלבערג. אין דער מוזי־
קאַלישער פּראָגראַם — ליזאַ לעכאָווסקי
אין יידישע און העברעישע לידער.

2. שבת־צו־נאַכט, אָקט. 19 — אַ שטיקל
חשבון וועגן דעם „חשבון״ וואָס איז דער
שטאָלץ פון קלוב. עס האָבן אָנטייל גענו־
מען דער נייער רעדאַקטאָר משה שקלאַר,
ישראל גובקין, רעדאַקציע מיטגליד, הע־
נעך בערמאַן און גרשון פרידמאַן. אין
דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם — די באַ־
קאַנטע זינגערין איזאַבעל קעץ.

3. שבת־צו־נאַכט, אָקט. 26 — איז
אויפגעטראָטן דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג
און לעקטאָר מנחם קאַרסאַן, מיט אַ רעפע־
ראַט אויף דער טעמע: „די צוקונפט פון
יידן און יידישקייט אין אַמעריקע.״

4. שבת־צו־נאַכט, נאָוו. 9 — דער דיכ־
טער, לערער און לעקטאָר, ישראל גובקין
האָט גערעדט אויף דער טעמע: דוד פּריש־
מאַן צו זיין 125טן געבוירן־יאָר. מוזיק:
אַלעקסאַנדער רובינשטיין, טשעלאָ.

5. שבת־צו־נאַכט, נאָוו. 16 — אַ גאַסט
פון ישראל, חיים לאַזאַר. אַ געראַטעוועטער
פון דער שואה, האָט דערציילט וועגן די
איבערמענטשלעכע איבערלעבונגען, פרי־
ער אין ווילנער געטאָ, שפּעטער אין די
אונטערערדישע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען
ביז צום זיג איבער די נאַציס.

6. שבת־צו־נאַכט, נאָוו. 23 — אַ שאַגאַל
אָוונט, אַן אָפּשאַץ וועגן דעם וועלט־באַ־
רימטן קינסטלער און וואַרעמען ייד, פאָר־
געטראָגן פון דעם קולטור־טוער סערגיי
נוטקעוויטש. ליכט־בילדער פון שאַגאַלס
ווערק זיינען געוויזן געוואָרן.

7. שבת־צו־נאַכט, נאָוו. 30 — יידישע עטיק באַזירט אויף פּרקי אָבות, אַן אָפּהאַנדלונג פון איינער פון אונדזערע פּאָפּולערסטע לעקטאָרינס, די מלומדת שרה ליינער.

8. שבת־צו־נאַכט, דעצ. 1 — אַ חנוכה־אָוונט; מען בענטשט חנוכה־ליכט. פֿאָרלעזונגען פון דער יידישער ליטעראַטור לכבוד חנוכה, געלייענט פון דעם באַקאַנטן פּאָרלייענער מאָטל האָראָוויץ.

9. שבת־צו־נאַכט, דעצ. 14 — אַ באַזוך אין דער „יידישער שפּאַניע", די אַמאָליקע שפּאַניע פון דער גאָלדענער עפּאָכע, דערציילט פון אונדזער אייגענער ליטעראַטור־קענערין לילקע מייזנער. אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם: אי־יאל באר, קלאַרנעטיסט.

10. שבת־צו־נאַכט, דעצ. 21 — וועגן „די ראָלע פון תלמוד אין יידישן לעבן" האָט רעפערירט דער באַקאַנטער לעקטאָר מנחם קאַרסאָן. נאָך דעם רעפעראַט זיינען געווען פראַגעס און ענטפערס.

11. שבת־צונאַכט, דעצ. 28 — אַ באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ פון די „וועלפעיר פאָנדס" און „קאָמיוניטי קאַונסילס" האָבן אָפּגעגעבן די דעלעגאַטן מאַקס אַלפּער און נתן גראָוויטש.

1986

12. שבת־צו־נאַכט, יאַנואַר 4 — וועגן מדינת ישראל אויף דער שוועל פון 1986, וועגן די שלום־אויסזיכטן און די עקאָנאָמישע רעפאָרמען האָט גערעדט דער דירעקטאָר פון דער אַמעריקאַנער ציוניסט. פעדעראַציע, בערנאַרד מ. ווייסבערג.

13. שבת־צו־נאַכט, יאַנ. 11 — ישראל גובקין האָט גערעדט וועגן יוסף חיים ברענער: „גלות און גאולה מאָטיוון אין זיינע ווערק." אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם — אַ פּנים חדשות; דזשודי סיגאַל, זינגערין.

14. שבת־צו־נאַכט, יאַנ. 18 — ד"ר זלמן יורי, רב פון „יאָנג איזראַעל" אין בעווערלי הילס, האָט גערעדט וועגן חפץ חיים ז"ל, זיין לעבנס־געשיכטע, זיין עטישע לערע. מוזיקאַלישע פּראָגראַם: אַלעקסאַנדער רובינשטיין, טשעלאָ.

15. שבת־צו־נאַכט, יאַנ. 25 — חמישה עשר בשבט, דער ניי־יאָר פון די ביימער, דער יום־טוב אַמאָל און היינט — אין די תפוצות און אין מדינת ישראל. דערציילט פון אונדזער גוט־באַקאַנטער אויסטייטשערין פון די יידישע ימים טובים, שרה ליינער. אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם: אי־יאל באַר, קלאַרינעט.

16. שבת־צו־נאַכט, פעב. 1 — אַ גרויסער קאָנצערט מיט דעם גוט־באַקאַנטן חזן, זינגער, פיינער אויסטייטשער פון יידישער מוזיק, הייל פּאָרטער.

17. אין דער נאָענטער צוקונפט דערוואַרטן מיר וויכטיקע געסט־רעדנער פון ניו־יאָרק און מדינת ישראל, וואָס וועגן זיי וועלן מיר דערציילן אין קומענדיקן נומער „חשבון".

* * * * *

די פאַרוואַלטונג פון קלוב באַשטייט פון: משה כהן, פּאָרזיצער; אלימלך דייטש און שלמה צוקערמאַן, וויצע־פּאָרזיצערס; מענדל סלוצקי, קאַסירער; רחל סלוצקי, סעקרעטאַרין; בעלאַ פּאָזי, מרים הערבסט, הענעך בערמאַן, גרשון פרידמאַן און יעקב שייפער, מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג.

י. ש.

# בעטי נוטקעוויטש ע״ה

דעם 18טן דעצעמבער, פ.י. איז אַוועק פון אונדז אויף אייביק בעטי נוטקעוויטש. ווי באַנאַל זיינען ווערטער אין אָנבליק פונעם ענדגילטיקן סוף פון מענטש — פון טויט. און ווי גרויזאַם איז דער טויט, ווען ער קומט אַזוי אומגעריכט — און נעמט צו אין משך פון שעהן אַ מאַמע, אַ לעבנס־חברטע.

עס איז אַזוי שווער צו באַגרייפן, און הויך אַרויסזאָגן: בעטי איז מער נישטאָ.

בעטי די שפרודלדיקע, פול מיט ענערגיע, בעטי — די זוכנדיקע און נישט רוענדיקע. די הענט וואָס האָבן געשפילט איר באַליבטן שאָפען און באַך — הענט וועלכע האָבן געקנאָטן פון ליים טיפן פון אונדזער פאַרגאַנגענעם לעבן; הענט וועלכע האָבן געמאָלן פייזאַזשן און פּאָרטרעטן, הענט וואָס האָבן געמאַכט מאָזאַיקס וועגן אונדזער גרויסן חורבן; הענט וואָס האָבן אויסגעשטרעקט זיך צו העלפן צענדליקער, צענדליקער באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע מענטשן — אָט די הענט ליגן איצט רויק אין אייביקן שלאָף.

ווי ווייט איז דער וועג פון מאַריאַמפּאָל, נאָוואָגרודעק, ווילנע, וואַרשע — דורך די ברעגן פון יאַפּאַן — ביז קאַנאַדע און אַמעריקע! וויפל געשעענישן זיינען אין איר לעבן פאָרגעקומען! וויפל פריידיקע מאָמענטן פון דערגרייכונגען, באַגלייט מיט איר איינגעבוירענעם הומאָר; צייטן פון דערציערישער אַרבעט אין די ציש״א־שולן, ווען איר נאָמען איז געווען „לערערקע גומענער, דער באַקאַנטער נאָמען פון די גומענערס אין ליטע. די אויסשטעלונגען וועלכע זי האָט געמאַכט, דעקאָראַציעס אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע צו די קינדער־פאָרשטעלונגען. שפּעטער אין 1938 זיך פאַרבונדן מיט סערגייען און געשאַפן אַ ווונדערלעכן סינטעז פון ביידנס לעבן.

ווען אין פּוילן האָט זיך אָנגעהויבן דער חורבן האָט איר גענומען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט און געגאַנגען נע־ונד, אַנטלויפנדיק פון די נאַציס. בעטי איז



געווען בראַוו און פיל מיט איניציאַטיוו, געטיילט זיך מיט חברים, געהאָלפן ווען נאָר געקענט. געשיקט פעקלעך צו דער מאַמען אין וואַרשע, וועלעכע איז אומגעקומען אין טרעבלינקע, און אויך צו דער משפחה אין געטאָ...

ווי קאָן מען אַ גאַנץ לעבן, אַ לעבן פון 73 יאָר, שילדערן אין אַ פּאָר שורות? וואָס קען מען זאָגן וועגן דער פרייד, ווען איר האָט מישעלן באַקומען, און דאָס לעבן אייערס, און דיינס, בעטי, איז געוואָרן פול? וויפל איניציאַטיוו און איבערגעגעבנקייט האָסטו אַרויסגעוויזן אַרבעטנדיק אין די אַרב. רינג שולן, קינדער־גאָרטן אין דעטראָיט, שפּעטער אין שערי־צדק; וויפל מי און אַרבעט האָסטו אַריינגעלייגט אין די שולן פון טעמפּל ישעיה און דעם יידישן קאָמיוניטי־צענטער, אין וועניס־לעווינצענטער.

האָסט די אַלע פלעצער געוואָלט מאַכן שענער, בעסער, אויף דיין אייגנאַרטיקן אופן — דורך קונסט דערציילן וועגן יידישן לעבן, יידישן שאַפן. האָסט איבערגעלאָזט אומעטום צייכנס פון דיין אָנוועזנהייט.

אייער שטוב איז געווען שטענדיק דער זאַמלפונקט פון צוזאַמענטרעפן. דו ביסט געווען אַ שטורעם, אַן אומרו. מסתם זיינען מענטשן פון שאַפונג־קינסטלער אַזוי אומרויק, אימפעטדיק־שנעל.

דיין זאָרג פאַר סערגייען און מישעלן, פאַר פריינד, פאַר דעם מיטמענטש, איז געווען גרויס. דו האָסט געפלאַטערט ווען די רוסישע עמיגראַציע איז אָנגעקומען; דו האָסט זיי צוזאַמענגענומען און געזאָרגט פאַר זיי, געפירט אויף אויספלוגן און געוואָלט ווייזן די שיינקייט פון דער פרייער אַמעריקע.

האָסט אַרויסגעוויזן אַ סך זאָרג פאַר דעם באַעוולטן און דעם עלטערנדיקן זיך דור. צוזאַמען מיט סערגייען האָט איר געמאַכט דאָס לעבן פון די אַלטע בירגער בעסער, לייכטער. האָסט געהאַט אין זיך די אומגעהויערע ענערגיע, מער, איינער־ציע — צו כאַפּן די געשאַנקענע טעג און אויספילן זיי מיט אַרומפאָרן איבער דער וועלט, זען, באַקוקן, הערן.

ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק ביסטו צוזאַמען מיט סערגייען געפאָרן אויף דער בונדישער וועלט־קאָנפערענץ און כאָטש דיין קראַנקער פוס האָט ווי געטאָן, האָסטו קיין זאַך נישט פאַרפעלט.

„אַלע מאָרגנס זיינען סודות, אויפן דנאָ פון לעבנס־ברונעם" — זאָגט אַ פּאָעט אין איינעם פון זיינע לידער. יאָ, מאָרגנס זיינען סודות. אונדזער לעבן, דער דאָ זיין, איז איין גרויסער סוד, און מיר האָבן נישט קיין שום ענטפער פאַר זיי — וואָס קען מען זאָגן? וואָס קאָן מען טרייסטן?

איר — סערגיי, מישעל און אבי — האָט געהאַט אַ מערקווירדיקע פערזאָן פאַר אַ ווייב און מאַמען. און זי איז פאַר־גאַנגען אין דער אייביקייט. זי האָט גע־זאָרגט פאַר אייך, זי האָט געזאָרגט פאַרן מיטמענטש. מיר דאַרפן זאָרגן איר צו פאַרגעדענקען.

טרייסט — פוסטע ווערטער, שטאַרקן זיך — יאָ — ווייל אַזוי איז דאָס לעבן — און אַזוי וואָלט בעטי וועלן.

„אַלע מאָרגנס זיינען סודות" איינגע־הילט אין מענטשלעכן גאַנג. אַדיע — בעטי! דיין שיף אויף די אומרויקע וואַסערן איז געקומען צו אַ ברעג.

ל. מ.

---

מיר דריקן אויס טיפן מיטגעפיל אונדזער מיטאַרבעטער

## סערגיי נוטקעוויטש

צוליבן טויט פון זיין פרוי

## בעטי נוטקעוויטש

געוועזענע לערערין, טאַלאַנטפולע קינסט־לערין און אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טוערין.

**פאַרוו. און רעדאַקציע פון „חשבון"**

---

מיר זיינען אין טיפן צער צוליבן טויט פון געוו. רעדאַקטאָר פון „חשבון", דעם באַקאַנטן שרייבער

## אַריה פאָזי

מחבר פון אַ צאָל ווערק, דערציילונגען, דראַמאַטישע שריפטן, עסייען און קינדער־מעשהלעך, באַגאַבטן לערער און לעקטאָר. זיין פרוי בעלאַ און משפחה — אויסדרוקן פון טיפן מיטגעפיל.

**פאַרוו. און רעדאַקציע פון „חשבון"**

---

לילי בערגער (סוף פון זייט 69)

זיך פון דאָ און דאָרט אַן אָפּקלאַנג פונקט ווי עס לעבט אויף אַ ווירוס פון אַ געווע־זענער שווערער מגיפה.

* * * * *

וועגן דער פאַבריצירטער פעלשונג פון די „פראָטאָקאָלן" האָט מען נישט ווייניק געשריבן. פאַראַן אויך אַן אַרומנעמענ־דיקע, ערנסטע פאָרשאַרבעט פון יידיש־אַמעריקאַנער פאָרשער נאָרמאַן קאָהן. דאָס בוך איז אויך דערשינען אין פראַנצויזיש אין דער איבערזעצונג פון לעאָן פּאָליאַ־קאָוו — אַגב דערמאָנט קיש אין זיין פּאָסט־סקריפּטום דעם מחבר פון בוך און ס'שיינט מיר, אַז ער האָט גענאָסן אויך פון זיין דאָקומענטאַציע. אין דער בעל־טריסטישער ליטעראַטור איז, אויב כ'האָב קיין טעות נישט, צום ערשטן מאָל די פיינלעכע טעמע געקומען צום אויס־דרוק...

## 3 ביכער פון ד״ר מרדכי שעכטער אַרויס פון דרוק

סע זענען שוין אַרויס פון דרוק און מ׳קען באַשטעלן ד״ר מרדכי שעכטערס 3 נאָר וואָס אַרויסגעגעבענע ביכער:

1) זיין דאָקטאָר-דיסערטאַציע (אין איר דייטשן אָריגינאַל, ווינער אוניווער-סיטעט, 1951):

Actionen im Jiddischen, ein sprachwissenschaftlicher Beitrag zur Bedeutungslehre des Verbums, 10 + 2 + 4 + 27 pp.

צו באַשטעלן פון:

University Microfilms International — 300 N. Zeeb Road
Ann Arbor MI 48106

פרייז: 31.50 אַמעריקאַנער דאָלאַר — באַטאָוולט, $22.50 — בראָשירט, פּלוס דעם שטאַטישן קויפשטייער (ניו-יאָרקער אַאַז״וו), פּלוס 10 פּראָצענט פּאַק- און פּאָסט-געלט.

2) לייטיש מאַמע-לשון: אָבסערוואַציעס און רעקאָמענדאַציעס, 386 ז״ז,

צו באַשטעלן פון:

League for Yiddish, Inc.
200 West 72 Street, Suite 40
New York, NY. 1002 3

פרייז, 18 אַמעריקאַנער דאָלאַר פּלוס 2 דאָלאַר פּאַק- און פּאָסט-געלט.

3) יידיש צוויי: אַ לערנביכל פאַר מיטנדיקע קורסן, פילאַדעלפיע, 510 ז״ז,

צו באַשטעלן פון:

YUGNTRUF
3328 Bainbridge Ave.
Bronx NY 10467

פרייז: 25 אַמעריקאַנער דאָלאַר, פּלוס 2 דאָלאַר פּאַק- און פּאָסט-געלט.

מיר בעטן צו באַצאָלן אין פאָרויס.

## נייע ביכער

### אָנגעקומען אין רעדאַקציע:

**יצחק יאַנאַסאָוויטש:** „פּנימער און נעמען״, באַנד דריי. עסייען, אָפּהאַנד-לונגען און רעצענזיעס, 352 ז״ז. י.ל. פּרץ פאַרלאַג, תל-אביב 1985. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר.

**יצחק גאָלדקאָרן:** „לעצטער שניט״. משלים פון די יאָרן 1976-1984. אַרויסגעגעבן אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע. 132 זייטן.

**פינער:** „צוויי משפחות״, דריטער באַנד. ראָמאַן, 360 ז״ז. דערשינען אין י.ל. פּרץ פאַרלאַג, תל-אביב 1983.

**יצחק בערשטין-פינער:** „צוזאַמען״, לידער, 96 ז״ז, פאַרזען מיט אַ פּאָר-טרעט פון מחבר. פאַרלאַג ישראל-בוך, 1983.

**יהודה עלבערג:** „אין ליימענע הייזער״ ראָמאַן, באַנד I, 320 ז״ז.

**יאָודה עלבערג:** „אין ליימענע הייזער״, ראָמאַן, באַנד II, 260 ז״ז. פאַרלאַג ישראל-בוך, 1985.

**אפרים שרייער:** „עסטעטישע ווערטן״, עסייען, 104 ז״ז. פאַרזען מיט אַ פּאָר-טרעט פון מחבר. ה. לייוויק פאַרלאַג, תל-אביב, 1985.

**„ירושלימער אַלמאַנאַך״** נומער 16, פאַרן יאָר 1985. אַרויסגעגעבן דורך דער יידישער שרייבער גרופּע אין ירושלים. רעדאַקטאָר: יוסף קערלער. מיטרעדאַקטאָרן: מאיר חרץ און אפרים שעדלעצקי. 232 ז״ז.